IN DOMINO CONFIDO
GRANDESCUNT AUCTA LABORE
McGILL
UNIVERSITY
LIBRARY

קאַנאַדע

קאַנאַדע

פּעריאָדיש-ליטעראַרישער זשורנאַל

רעדאַגירט פון אַ קאָלעגיום

Vol. I, No. 1 | מאָנטרעאַל | יולי 1925

דער נגון פון א חלום — — א. ש. שקאָלניקאָוו

איליאַנע — — — — — — — — אַגנעס קאָהן

לידער — — — — — — — — — — — י. י. סיגאַל

לידער — — — — — — — — — — ח. טאָלמאַטש

אַרמאַנד קאַרטיער — — — — — — ה. הערשמאַן

לידער — — — — — — — — — — ל. בעניאַמין

לידער — — — — — — — — — — אסתר סיגאַל

לידער — — — — — — — — — — — — ר. ר.

בעטהאָווען — — — — — — — — י. ראַבינאָוויטש

Self-Reliance — — — — — ר. וו. עמערסאָן

לידער — — — — — — — נחמיה סיגאַל; אײַדאַ מאָזע

קונסט און מנשה — — — — — — — — ח. ט.

רעזאָנאַנסן — — — — — — — — — — א. ש.

1030

א. ש. שקאַלניקאָוו

דער נגון פון אַ חלום

פאעמע

מיין נאָמען

.1

מיין סוף וועט אייביק בלוי זיך מויערן —
מיין טויט וועט אייביק דויערן —
מיין נאָמען זאָגט עפּעס צו צום חלום,
מיין נאָמען טראָגט עפּעס צו צום נגון,
און וואַנדערט איבער טעג־שליאַכן ווי אַ אָוונט פאַרב
פון איין אונטערגאַנג צו אַ צווייטן אונטערגאַנג,
און קריצט זיך אויס אליין אויף אלע שטומע שטיינער — — — —

.2

פול מיט שווערן געמיט רוישט מיין האַרץ,
זוי אַ אָפּגרונט פון אַ אויפגעוואַכטן טייך.
פול מיט היים־ליכט פייערן מיינע אויגן,
ווי אנטרונענע שטערן פון דער זון —
ציט עס מיך צו דער ערד אַראָפּ, אַראָפּ,
שטייג איך צו דער ערד,
וויקל זיך מיט ערד —
טיף אין ערד מיט ערד חלום איך אַרויף פון דער ערד
צו מיין נאָמען, וואָס וואַנדערט איבער די טעג־שליאַכן,
ווי דער שיין־טראַכט פון דער לבנה אין וועלטס גוף
און קריצט זיך אויס אליין אויף אלע שטומע צונגן — — —

.3

שטומע, טויבע און בלינדע אין האַלב־חלום
ווייסן ווער איך בין, ווייסן מיין נאָמען אין פּיין —
רופן זיי מיך און דעררופן מיך ניט . . .
הערן מיך און דערהערן מיך ניט . . .
זעען מיך און דערזעען מיך ניט . . .
ברומען זיי צו מיר דעם נגון פון זייער חלום פון מיר.
טאַפּן זיי מיט שטעקנס אַ דער ערד דעם וועג צו מיר.
לייגן זיי די אויערן צו די ווענט מיינע,
הערן נאָר די עכאָס פון מיר —
הערן זיי ניט . . . זעען ניט . . . און רעדן ניט . . .
שטויס איך שטאַרקער מיט מיינע פיס די ערד זיי אַנטקעגן,
שטויבאויף, רווישאויף די קלאַנגן פון מיין איינגעשפּאַנטן גוף
ביז דער לעצטער מידקייט מיינער.

ביזן סוף פון זייער ראנגלן זיך מיט מיר
אין באַ'חלומטן לעבן באַ זייער טיר —
פאַלן זיי אוועק ווי האַלב געקוילעטע פון פיין ביים שוועל,
און בעטן אויף זיך דעם שיין פון טויט —
איידער גלויבן אין מיר . . .
איידער האָפן אויף מיר . . .
איידער מיינען אויף מיר — דאָס איז „ער. . . . ער . . . דער אמת'ער“. . .
נאָר אין בלויען, קילן באַגינען שטייען זיי אויף אַלע מיינע וועגן,
אויף די ברייטע ראַנדן פון די לאַנגע, באַיאַכטע גאַסן
פון דער אויפגעגאַרנטער, אויפגעטאַנצטער שטאָט,
ווי קלינגענדיקע שפּיגלען אין אַלע פאַרבן פון הימלס געמיט:
און קלינגען אויס און רופן אויס אויף אַלע זייטן און וועגן
פון זייערע ווייס בלעכענע קווערטלאַך
מיט קופּער געלט, מיט זילבער געלט, מיט גאָלד געלט—
מיין טויזנט מאָל פאַרטריבענעם נאָמען — —
מיין טויזנט מאָל פאַרשאָלטענעם נאָמען — —
מיין טויזנט מאָל געפאַלשטן נאָמען — —
נאָר אינם טאָג פון אַרבעט געהער איך נאָר זיך. . .
מיינע הענט, מיינע פיס, מיין כח געהער איך,
און בידעווע זיך אויס דעם ברויט פאַר'ן גוף —
אין טאָג פון אַרבעט פון הייליקער עבודה געהער איך נאָר זיך . . . זיך . . .

.4

דער נגון פון אַ חלום.

אין דער שעה נאָר ווען עס רוען די אַרבעטס-הייזער,
אין דער שעה ווען עס שטומען די הייזעריקע מאַשינען,
די שוואַרץ אַנגעצויגענע לאַסט-פאַסן פון די פאַריאָגטע רעדער,
וואָס לויפן הין און צוריק מיליאָנען מאָל אַ טאָג —
יאָגן נאָך און זוכן אויס דעם גאַנצן רוים
מיט זייער טיף און הויכפאַרצויגענעם געזאַנג —
יאָגן און זוכן, זוכן און פאַרלירן, דעם זין פון זוכן — — —
אין דער שעה נאָר גייט אויף אין מיר די גוטסקייט, די פרייקייט,
בין איך גוט און פריי, פריי — — — —
און ווען מיינע עלנדע, מידע שכנים
רוען שוואַרץ מיט שווערן אָטעם שטאַרע בײַ זייער שוועל,
און פילן ניט קיין בײַנקשאַפט און באַנעמען ניט קיין טראַכטן,
און לאָזן אָפּ דעם אייזערנעם ווילן זייערן
אויף אַלע פינסטערע בראָטן פון זייער פאַרטייעטער נשמה —
אין זייער פּוסטער שעה קום איך זיי דערציילן פון זיך,
ווייזן מיין שטראַליגן פּנים, מיינע גליענדיקע אויגן מיט זון,
מיין בלאַנדן קאָפּ, מיין יונג-רויטבלוטיקן לייב,
מיינע אויסגעהיילטע אויסגעלייטערטע וואונדן פון מיינע הענט און פיס,
און לאָז זיך אַראָפּ צו דער שטייניקער ערד בײַ זייערע אָפענע טירן,
האַרט צו דער ערד מיטן נאַקעטן לייב,
שטרעק אויס מיינע ווייסע הענט צו זיי
און שריי אויס מיין נאָמען אין הייסע, בלוטיקע אותיות —
ב—ר—ו—ד—ע—ר — אייער ברודער, אייער שכן:

אייער פּיין — מיין פּיין...
אייער רו — מיין אומרו...
אייער חלום — מיין וואָר...
אייער מזל — מיין גורל — — —
ש־אַ, ש־אַ — עס שלאָפֿן שוין אַלע טרויער־אויגן, אַלע מידע הערצער.
אַלע שטייפֿע מיילער און אויערן, אַלע געבראָכענע הענט און פֿיס. —
אַלע, אַלע פֿון מיין באַנאַכטיקער עבודה...
אָבער די נשמות זייערע? די באַפֿרייטע נשמות אין דער שעה?
— ש—ש—אַ, ש—אַ — — —
עמיצער רירט זיך דאָרט אין דער קלעפּיקער פֿינסטער
מיט אַ קינדערש קול, מיט אַ וויינענדיק קול — — —

5.

געבורט.

צווישן הימל און ערד איז געבאָרן די שיין פֿון דער וועלט.
צווישן לעבן און טויט איז געבאָרן דער געשריי פֿון פּיין, פֿון דערלייזונג—
דאָס בלוי־קראַמפּיק לייב פֿון דער קינפּעטאָרן האָט זיך געפֿרייט:
דאָס מויל, די צונג האָבן מיט גליק געזונגן צווישן די פּאַרקלעמטע ציין
און די אויגן פֿול מיט לויטערן צער האָבן זיך געריסן צום שטערן־שיין.
וואָס איז געבאָרן רויט צווישן הימל און ערד.
צווישן לעבן און טויט...
באַם גאָלד־טריפֿענדיקן שיין פֿון נאַכט אויף טאָג, פֿון גליק און אומגליק.
האָט דאָס קינפּעטאָרן־ווייב אין היץ פֿון פֿרייד, אין קעלט פֿון פּיין געלויבט
דעם באַיאָרנטן מאַן אירן, דעם מיט די ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע הענט.
מיטן בלאַסן פֿאַרצווייפֿלטן פּנים און טיף צוקנייטשטן שטערן:
דעם גרויס גופֿ'איקן מאַן מיט די שווער־שוואַרצע לאַסטן
פֿון אומענדליכער זאָרג.
וואָס וואַקלט אונטער דער משא פֿון צענפֿאַכן פּיין...
מיט ביטערע טרערן האָט זי דעם מאַן געלויבט, דאָס יונג אָפּגערייפֿט ווייב
מיט דעם איבערזעטיקטן לייב פֿון שמעקעדיקער ליבע און זאַנפֿטער תאוה.
ווי אַ קנאָספּ אין צייט פֿון צוזומונג נאָך אַ פֿרימאָרגן רעגן:
— אַ, מאַן... מאַן.. מאַן... אומגליקלוכער מאַן...

צווישן נאַכט און טאָג איז געבאָרן דאָס נויט־לעבן...
צווישן טאָג און נאַכט איז געבאָרן דער חלום פֿונם מענטש.
דער שאָטן פֿון פּיין, פֿון אומגליק. דער נגון פֿון טויט — — —

און אַז איך בין געקומען אַ דערהאָפּטער, אַ דערפֿרייטער
צו דעם ווייבס. דער יונגער מאַמעס בעט
אַ קוק טאָן נאָך איין מאָל אין איר לעב־ליבן פּנים,
זען דעם קאָליר פֿון איר שמייכל, די שטראַלענדיקע גוטסקייט.
די פֿאַרב פֿון איר פֿרייד, פֿון איר גרינגן צאַרטן גוף.
הערן דעם זיידענעם נגון פֿון איר סודותדיקן וואָרט —
איז שוין געווען פֿאַר מיר נאָך דער צייט—שפּעט...

6.

בין איך דאך געקומען אין צייט,
אין דער צייט פון שטארבן.
און אז געקומען איז די צייט פון שטארבן
האבן זיך אלע קלארע רגעס, אלע ליכטיקע שעהן
צוקלונגן איבער גאר דער גארער וועלט,
ווי פארזאמטע שלוחים זיינען זיי געקומען צו מיר
ביים אנהויב פון מיין טאג עבודה
רופן מיך זינגן מיט זיי וידוי פאר די שטארבענדיקע פון דער נאכט:
זינג איך, שוים איך מיט הייסע געזאנגען,
מיט בלוטיקע גערדאנקן די וידוי ווערטער פון מיין אייגן לעבן,
וואס צייכענט זיך צווישן הימל און ערד,
צווישן לעבן און טויט,
ווי א ווייסער צייכן ניט באפלעקט — — —

7.

אויף דער שטארבענדיקער ערד.

גרינג און גרין מיט גאלד באלאדן גייען טעג אויף קברים —
די וועלט ציט מיט אלע אירע שיינען צום בית־עולם . . .
די ערד טראגט אונטער דעם ריח פון איר דופטיקער אייביקייט
דער נשמה, דעם גוף, דעם גערדאנק, דעם געפיל —
און איבער אלע צאנקענדיקע געמיטער פלאקערט דער הוילער שכל,
און באזינגט די טעג, די יארן מיט חלום מיט נגון — — — — — —

8.

אינם נעבל פון חלום און אמת
בין איך מיט לייב און לעבן נאך דא
יעדער רגע, מינוט און שעה —
אזא וואכער, אזא גרייטער —
אזא געזונטער, אזא שטארקער —
א באיאכטער, נאר מיט פינסטערניש . . .
און טויזנט מאל א פארצווייפעלטער . . .
אז אייביקער חולה . . . אז אייביקער צער . . .
אז אייביקער מום אויף דער נשמה
פון דער איינגעבויגענער צארטער וועלט . . .
און אמאל אזא שמעקענדיקער, א פרישער,
א פרייער, א פרייער
אריבער די שווארצע ברעגן פון דער ערד . . .

איליאַנע

אין מאָטן פרימאָרגן האָט זיך אויף אײביג ארויסגע'גנב'עט איליאַנעס בלאַסע נשמה פון איר גוף און פון דעם קליינעם שטיבל וואָס אונטערן באַרג, און זיך אוועקגעטראָגן אין דער פאַרטאָגיקער בלוי גרויער ווייטקייט.

גאַנץ אומגעריכט איז דאָס געשען. איליאַנע פלעגט זיך שטענדיק ארומטראָגן מיט אומעדיקע מחשבות וועגן איר פאַרגאַנגענהייט און וועגן איר צוקונפט. אָפט פלעגט זי אין אירע מחשבות אוועקוואַנדערן פון דער ווירקלאַכקייט אין ווייטע אויסגעטראַכטע וועלטן צו געפינען טרייסט...

לעצטנס האָט איליאַנע געפילט אַ מין מאָדנע שוואַכקייט, און עס איז איר אָנגעקומען אַזוי שווער זיך צו דערטראָגן ביז'ן שפּיץ באַרג, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט דערטראַכטן צו אַזאַ באַלדיקן סוף.

דאָס שטיבל וואָס אונטערן באַרג, און איליאַנע, זענען ביידע געווען ווי איין און די זעלבע זאַך, מ'האָט זיי נישט געקענט פאַנאַנדער טיילן, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט דעם חשבון ווי לאַנג זיי ביידע געפינען זיך דאָרט, און פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. זייערע נאָנטע שותפים זיינען געווען, דער באַרג, און די ארומיקע וועלדער. איליאַנע פלעגט אָפט וואַנדערן אין די וועלדער, אָבער אַמבעסטן האָט זי זיך געפילט אויפן שפּיץ באַרג. דאָרט אין דער הויך פלעגט זי אויסגיסן איר צער אין אומעריקע געזאַנגען. הויך און טיף פלעגט אָפּקלינגען איר שטים און עפּעס אַזוי טרויעריק האָט זיך דער נגון געגאָסן פון איר האַרץ. קיינמאָל פלעגט זי נישט זינגען דאָס וואָס אַנדערע זינגען, זי מוז אויסזינגען אירע אייגענע לידער, און זיי אוועקשיקן אין דעם רוים פון פאַרשוואונדענע קולות. אַז זי ווערט מיד, פאַרקלייבט זי זיך צום ברעג באַרג, וואו אַ שאַרפער שטראָם וואַסער גיסט זיך באַרג אַראָפּ, דאָרט זיצענדיק מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, וועבט זי אירע חלומות וועגן איר יאַן. אים האָט זי בלויז פון ווייטן אַמאָל געזען, און דאָך קען זי אים אַזוי גוט, אויף זיין פאַסטוך־פלייט האָט זי אים געהערט שפּילן, האָט זי דאָן זיין האַרץ דערפילט. זי האָט קיינמאָל נישט געזען אימיצן אַזוי פריי און ברייט שפּרייזן איבער באַרג און טאָל, און עס דוכט זיך איר, אַז אָט איצט זעט זי אים אויך פון ווייטן צווישן די הויכע גערדיכטע דעמבעס, ווי ער געהט זיך אָנגעלענט אָן זיין שווערן שטיץ־שטעקן. און אָט אינם שטילן גערויש פון די בלעטער, אין גאַס פון שטראָם טראָגט זי זיך אוועק אין אַ לייכטן דרימל, און עס דוכט זיך איר, אַז יאַן זיצט ביי אירע פיס, און שטענדיק ווייסט זי פריער וואָס ער וועט זאָגן. שטיל און האַרציק זינגט זי אויס דעם געשפּרעך וואָס זיי האָבן צווישן זיך, און זי חלומ'ט אויס איר צוקונפט: אינ'ם זעלבן שטיבל וועלן זיי וואוינען, דעם שייער וועט יאַן איבערבויען ס'זאָל זיין פּלאַץ פאַר זיינע שאָף, זי זעט שוין די שאָף צוזייט און צושפּרייט איבערן באַרג.

איליאַנע איז אָפט ביין אויף זיך אליין פאַר וואָס זי איז אַזוי אָפּגעפרעמדט פון די ארומיקע דאָרפסמענטשן, און קען זיך מיט זיי נישט צונויפלעבן. אין שניטצייט, אַרבעטענדיק אויפ'ן פעלד קומט זי זיך מיט זיי צוזאַמען, אָבער זי איז פון זיי אָפּגעפרעמדט, און קוקט אויף זיי פון ווייטן. זי האָט ליב צו זיין מיט זיי אויפ'ן פעלד, אַלע אַרבעטן אַזוי פלייסיק און זשומען ווי די בינען, זינגען זינגען זיי פון זון אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג. איליאַנע זינגט קיינמאָל ניט מיט מיט זיי, זי הערט זיך בלויז צו מיט גלאַנ־

ציקע אויגן, פארטרערטע פון א פרעמדער פרייד וואס רינגעלט זי ארום. אפט דוכט זיך איר אז די יונגע שיינע מוידן מיט די לאנגע שווארצע צעפ זינגען פון זיך ארויס א מין אומעדיקע פרייד, וואס בלייבט הייגנען אין דער לופט פון יאר צו יאר. די יונגען שווארץ פון דער זון פארברענטע שפרינגען פון ארט צו ארט ווי די פעלד זשוקעס. איליאנע האט זיי ליב די יונגען, אבער זי האט מורא פאר זיי, בלויז פון ווייטן וויל זי זיי זען. פון ווייטן זיינען זיי איר גאנץ היימיש. פאר יאנ׳ן וואלט זי קיינמאל קיין מורא נישט געהאט. און ס׳דוכט זיך איר, אז אט באלד וועט ער קומען. ס׳קען דאך אנדערש ניט זיין, ער מוז זיכער פילן אז זיווארט דא אויף אים.

א לייכט פרילינג ווינטל האט זיך פון ערגעץ פאר׳גנב׳עט, און זיך פארביי איר געטראגן פול אנגעלאדן מיט קלארער ליכטיקער פרייד. א מידע און פאר׳שיכור׳ט פון אירע טרוימען ווארפט זיך איליאנע אויף איר געלעגער. אין שטיבל איז פינסטער, און ווי שטענדיק מורא׳דיק שטיל, זי פארמאכט נור די אויגן, טראגט זי זיך שוין אין א שיפל איבער א לויטערן טייך מיט איר יאן, די זון ווארפט מיט הויפנס ליכט, נעמט זיי דער טייך אריין, און פון זיין גלאנציקער פלאך שיקט ער די ליכטיקייט צוריק ארויף. זי און יאן רעדן איצט נישט איינער צום אנדערן, זיי קוקן יעדער פאר זיך, און ווייסן אז זיי זעען דאסזעלבע.

איליאנע האט נישט ליב צו פארברייגנען לאנג אין שטיבל, אין שייער באם וועבשטול פילט זי זיך פרייער. די זון וועבט אירע שטראלן דורך די שייער שפאלטן, און איליאנע וועבט איר פלאקס און חלומות. יאן, טראכט זי, וועט דעם שייער איבערבויען, האלץ איז פאראן אין וואלד גענוג, און אין א שטיל הארציק געזאנג זינגט זי אויס איר אויסגעטראכטע צוקונפט: אין פרי־לינג וועט זייער חתונה זיין, אלץ מוז דאן זיין יונג און ליכטיק; און אט פארוויגט זי אירע קינדער, און צערטעלט זיי מיט הארציקער קינדער־שפראך, וועבט פאר זיי קליידער, און קעמט זייערע לאקן, און אט זיינען זיי שוין אויסגעוואקסן, זי טוט מיט זיי שדוכים, און האט גרויס נחת. און זי קען שוין איר גליקליכע פאנטאזיע ווייטער ניט שפינען. ווען ס׳קומען אן אומעטיקע געדאנקען וועגן דער עלטער און דער טרויעריקער ענדע, דאן פאנגט זי ווידער אן פון אנפאנג, ווידער איז זי און יאן יונג, און די קינדער קליין, און זי וויקעלט איבערסנייע פאנאנדער אירע פלענער און זעט ווי אזוי זיי צוואוואקסן זיך.

אז די שכנים זעען זי דורך די שייער שפאלטן אין אזא פארחלומטן צושטאנד, זאגן זיי אז זי באהעפט זיך דאן מיט בייזע גייסטער.

דער וועג וואס פירט צום קליינעם שטיבל וואס אונטערן בארג, איז פארשאטן מיט הערבסט בלעטער וואס לייגן זיך אוים איבערן וועג פון יאר צו יאר. די פרישע דעק ברוין פון גאלדענע בלעטער זעען איצט אוים פון ווייטן ווי הויפנס נים, וואס נעענטער צום שטיבל, ווערט דער וועג ליכטיקער פון די דינע פלאקס שטעקעלאך וואס ברעכן זיך אונטער די פים.

די ארומיקע פויערים האבן גאנץ געלאסן אויפגענומען די נייס וועגן איליאנעס טויט. מ׳איז געקומען, און זי אפארעט, פארפלאכטן אירע לאנגע צעפ, זי אנגעטאן אין שיינע חתונה קליידער, און צוגעגרייט א קרענצל מאטע בלומען. ליגענדיק אין קאסטן האט זיך ערשט ארויסגעזען ווי שען און צארט זי איז. ס׳האט אויסגעזען ווי זי וואלט איצט געווען אין א ווייטן לאנד פון גוטע חלומות, און דארט אין דער ווייט שמייכלט זי שטיל... שטיל...

*
* *

כ׳באהיינג אמאל א טאג מיינעם
מיט רויטע און מיט בלויע, גרינע סטענגעס.
און פאר ארויס אויף אים ביים וואנט פון מיין שטוב.
דא איז מיין פלאץ. דא איז מיין פלאץ
און איך היט אים:
פיינען טרייבן פייערן אויף אים,
היט איך אים,
ער זאל ניט ברענען און ניט אויסשרייען אין נאכט
מיט פלאמען און מיט מורא׳ס.

נאכט, רוף צונויף דיינע שטערן,
און זינג מיט זיי ארום מיין פלאץ.
איך וועל ליגן אויף דער ערד, אויף מיין טויטן טאג
און דו וועסט זינגען איבער מיר.
פון מיין מידקייט וועל איך ציען מיינע הענט:
נעם מיך צו, נעם מיך צו.
א קליינעם חלק ערד פארנעם איך.
און מיין טאג איז טויט.
און מיין מזל איז פון לייד צופרעסן
און ער פוילט.

צו א. ש. שקאלניקאוו

(פון א בריוו)

און —
זאל די באבע קומען פונם קבר,
און אויסשפרייטן א גרויסן טיש פאר אונז אלע.
מיר וועלן קומען ארימע און פאראומגליקטע,
יעדערער זיין שטיקל ברויט מיט זאלץ צו נעמען.
און אונז אלעמען האט אויסגעגליט דאס בייז,
אין בלייכער שיינקייט טוקט זיך אונזער פנים,
די ווייטע און דערווייטערטע . . .
דורך אומגליק אויסגעשטראפטע,
וועלן שפעטע קומען . . . שפעטע, נאכטיקע,
מיט קליינע לאמטערנדלאך אין די הענט,
זיי וועלן קומען נאך זייער זאלץ און ברויט
נאך זייער ברכה צום מזומן . . .

*
* *

שלאף דו בידנער מזל, דו!
שלאף.

אויף די ברעגן פון דיין אנגעזאפטן אומעט
שפאנט ארום דיין אויסגעקרומטער שמייכל
אין א שווייגן. — — —
און וועט שיצן יעדן ווינקל, יעדן שטיין באזונדער.
שלאף דו בידנער מזל, דו!
שלאף, דו בלינדער...
שלאף, דו בלינדער...

אויפ׳ן הימל טראגן זיך די וואלקענס מיט׳ן רעגן.
וועט דער ווינט היינט אלע טירן פון דיין שטוב פארמאכן.
און א מאמע וועט צום שלאף היינט ניט פארוויגן אירע קינדער.
שלאף דו בידנער מזל, דו!
שלאף, דו בלינדער...
שלאף, דו בלינדער...

הער ניט וואס דער הונט האט זיך צובילט ארויף צום הימל.
און מיט ברענענדיקע אויגן זיינען קעץ צו דיר אין הויף געקומען,
ס׳איז דיין אויג ביי דיר אזוי אין פינסטערניש פארשוואומען:
און פאר הונגער ביי דיין שכן וויינען זיינע קינדער...
שלאף דו בידנער מזל, דו!
שלאף, דו בלינדער...
שלאף, דו בלינדער...

קארמאַ

קארמא האט צוויי פאר פערד.
ד. יי אקסן, און שעפסן אן א צאל:
קארמא האט גערטנער פול מיט רויזן,
פעלד מיט זאנגען, ווייץ און קארן.
און דו? — — — — — — — —
האסט קליידער: —
הייזער הויכע, קראמען אן א שיעור.

פארט קארמא אין שטאט אריין —
זונטיק פרי אין קלויסטער.
פירט ער בלומען קרענץ,
ווייסן שפין וואל,
און אויף די רעדער זיינע
פרישן מארגן־טוי.
און דו? — — — — — — — —
וואוהין פארסטו, וואוהין? — — — — — —

ה. הערשמאַן

אַרמאַנד קאַרטיער

דערציילונג

געווען איז דאָס אין אנהויב פון חודש מערץ, און שוין אביסל צו פרי האָבן זיך באַוויזן סמנים פון אָנקומענדיקן פרילינג אין דער באַרגיקער געגענט וואו עס האָט געוואוינט צייט דורות די פאַמיליע קאַרטיער. און מיט שרעק האָבן די איינוואוינער באַמערקט, ווי די נעכט ווערן וואָס אמאָל מילדער און מילדער, ווי יעדן טאָג באַווייזט זיך די זון, און שיינט מיט כמעט א זומערדיקער וואַרימקייט און אז דאָס ביסל שניי, וואָס געפינט זיך נאָך אויף די שטיינערנע שמאָלע וועגן, ווערט וואָס אמאָל נידריקער און נידריקער.

דער ווינטער איז בכלל ניט געווען אזא גערעטענער, ווי מען איז געוואוינט געווען צו זען אין אָט דער צפ.נ'דיקער סביבה, און אין א טייל געגנטן איז דער מאַנגל אין שניי געווען אזוי גרויס, אז עס האָט כמעט אומעגלאַך געמאַכט דאָס אריבערפירן די אַנגעהאַקטע קלעצער פון די באַרגיקע וועלדער אינ'ם נידריקן לאַנד, וואו עס וואַרטן שוין דאָרט די גרויסשטאָטישע סוחרים וואָס וועלן אָפּקויפן דאָס רויע האָלץ, אריבערפירן אויף פליטן אין דער נאָנטער גרויסער שטאָט, און דערנאָך דאָס שוין פאַרוואַנדלן אין מענטשלאַכע באַדערפנישן.

ווי א שווערער שוואַרצער וואָלקן איז די זאָרג געלעגן אויף די געמיטער פון די איינוואוינער, צוזעענדיק ווי זייער פּראַצע פון א גאַנצן ווינטער, וועלכע דאַרף זיי פאַרזאָרגן מיט חיונה אויף דעם גרעסטן טייל פון יאָר, ליגט דאָרט אין די באַרגיקע וועלדער. און עס האָבן שוין ניט געהאָלפן די פילע טרייסטווערטער פון אַלטן אַדריאַן, אז אין די זיבעציק יאָר וואָס ער געדענקט זיך אין אָט דער באַרגיקער סביבה, האָט נאָך ניט געטראָפן, אז עס זאָל אזוי פרי זומער ווערן... אז עס מוז נאָך זיין ווינטער... אז עס וועט נאָך אָנפאַלן גענוג שניי... און די אַרבעט וועט נאָך געענדיקט ווערן פאַר'ן אָנקומען פון פרילינג... זיינע טרייסטווערטער האָבן אָבער ניט געהאַט קיין ווירקונג, די געדריקטע שטימונג איז געוואַקסן, און געזאָגט האָבן שוין אַלע, אז ער איז שוין אביסל צו אַלט, אָט דער אַלטער אַדריאַן.

מער פאַרשטאַרקט האָט זיך נאָך זייער פאַרצווייפלונג, ווען דער יונגער אַרמאַנד איז איינמאָל אהיימגעקומען פון וואַלד מיטברענגענדיק אין א בלעכערנעם קענדל א היבשע מאָס „סעפּ"*) וואָס ער האָט היינט אָפּגעצאַפּט פון א מייפּל בוים.

איצט איז שוין בא אַלעמען קלאָר געוואָרן אז דער פרילינג קומט אָן. אז מען מעג זיך שוין אינגאַנצן מיאש זיין, דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ פון די באַרגיקע וועלדער אַרויסצופירן. דערפאַר, האָבן זיי שוין איצט געלעגט זייער גאַנצע האָפנונג אויף דער דערוואַרטענדיקער געראָטעניש פון די מייפּל פּראָדוקטן. און ווען דער גלח „פאָטער סיינט דעניס" איז דעם קומענדיקן זונטיק געשטאַנען אויף דער בימה פון דאָרפישן קלויסטער, און געהאַלטן זיין וואָכענטלאַכע דרשה, האָט ער שוין לאַנג גערעדט דאַריבער, ווי גאָט איז א גוטער פאָטער, אז מיט איין האַנט שטראָפט ער, און מיט דער צווייטער בענטשט ער, אז פאַר דעם שאָדן וואָס די געמיינדע האָט געהאַט דורך דעם

*) א פליסיקייט וואָס טריפט אַרויס פון די ביימער אין פרילינג. פון דעם „סעפּ" פון די מייפּל ביימער ווערט פּראָדוצירט צוקער און סיראָפּ.

זייער מילדןווינטער, וועט זיי דער אויבערשטער דערפאר גיבן א לאנגן און װארימען פרילינג, וועלכער וועט פארטאפלן דאס גערעטעניש פון מייפל צוקער און סיראפ, און אזוי ארום וועלן זיי באלוינט ווערן פאר דעם שאדן וואס זיי האבן געהאט דורך דעם מאנגל אין שניי.

.1

ווען דער יונגער ארמאנד איז שוין געזעסן אין שליטן, גרייט אפצופארן אינם נאנטען שטעטל איינצוקויפן די באדערפנישן פאר׳ן הויז, און אויך געוויסע כלים פאר דער „מייפל" פראדוקציע, איז דער פאטער צו אים נאך אמאל צוגעקומען, אים גוט איינגעדעקט אין דעם גרויסן וואלפישן פעלץ, און נאך אמאל אנגעזאגט, — פארגעס׳זשע ניט, פרעג זיך נאך אין פאסט אויף א בריוו! דו הערסט! ארמאנד האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, א סימן, אז ער פארשטייט. און נאכדעם ווי דער פאטער האט ווידער אמאל ארומגע־קוקט די פערד און דעם שליטן, האט ער מיט די ליפן א צמאקע געגעבן, און די צוויי אויסגערוטע פערד וועלכע זיינען די גאנצע צייט געשטאנען זייער אומרואיק אויפ׳ן הויף, האבן זיך איצט מיט אמאל א לאז געטאן מיט שטורם, ארויס פון הויף אויף דעם שמאלן וועג וואס שלייגלט זיך צווישן די הויכע בערג באדעקט מיט הונדערטער יאר אלטע סאסנע ביימער.

דער פאטער איז דא נאך לאנג געשטאנען, און נאכגעקוקט ווי די צוויי אויסגערוטע פערד שניידן דורך דעם וועג וואס איז פארגאנגענע נאכט שוין ווידער פארשאטן געווארן מיט א פרישן שניי, ווי זיי ווארפן ארום זיך דעם טרוקענעם, נאך ניט איינגעטראטענעם שניי, און לאזן הינטער זיך ווייסע שטויבוואלקנס וועלכע דער ווינט כאפט אויף, טראגט אוועק אין דער לופט, דרייט דעם שטויבוואלקן אין א ווילדן קאראהאד עטלאכע מאל, און לאזט אים דערנאך אראפ, כדי ווידער צו פארדעקן דעם נאר וואס געמאכטן סליאד פון די צוויי אויסגערוטע פערד. און ווען דער לעצטער קלונג פון די גלעקלאך איז פארשלונגען געווארן צווישן די הויכע בערג, און עס האט זיך נאר נאך געהערט דאס שוואכע ווידערקול וואס איז שוין איצט פארהילכט געווארן פונ׳ם ווייענדיקן צפון ווינט, האט ער אפגעקלאפט דעם שניי פון די פיס אן דער שוועל פון הויז, און ארייגייענדיק איז שטוב געמורמלט פאר זיך „און אפשר וועט ער אויך עפעס ברייגען פון איר"?

.2

די פאמיליע קארטיער איז באשטאנען פון א פאטער און מוטער, ביידע אין אנהויב פון די פערציקער יארן. א זון ארמאנד פון צוואנציק, און א טאכטער לוסיל פון דרייצן יאר. ווי די מערסטע איינוואוינער פון די „לאר־ רענשיען" בערג האבן זיי געגלאבט אלס פארמערס נאר אין נאמען, ווייל בכלל איז דאס ניט קיין פארם געגנט ווי מען פארשטייט דאס אין די מזרח אדער מערב טיילן פון לאנד. דער גאנצער געגנט באשטייט פון א רייע ריזיקע אוראלטע שטיינערנע בערג, באדעקט מיט הונדערטער יאר אלטע סאס־ נעם און מייפל ביימער, און געפינט מען ניט וואו ניט וואו א שטיקעל גלייכע ערד, איז עס מאגער, זאמדיק, און ניט מסוגל ארויסצוגעבן געבוג פאר דער ארייגעלייגטער ארבעט. און דערצו נאך, איז דער צפונדיקער קלימאט דא אזעלכער, וואס מאכט ניט זיכער די אויסזיכטן אויף א גערעטעניש, מחמת עס איז ניט זעלטן, אז אין מיטן זומער זאל איבער נאכט אנקומען א פראסט וואס זאל צונישט מאכן די פראצע פון א גאנצן זומער. און דערפאר, באַ־ שעפטיקן זיך די איינוואוינער מער מיט דער האלץ פראדוקציע, געיעג, און

מייפּל פּראָדוקטן. אַ גרויסן טייל פֿון זייער הכנסה האָבן זיי אויך פֿון די זומער געסט פֿון דער נאָענטער גרויסער שטאָט, וועלכע קומען דאָ פֿאַרברענגען דורך די הייסע זומערדיקע חדשים. די הויכע באַרג לופֿט, דער סאָסנאָווער אַראָמאַט וואָס פֿאַרשמעקט דעם גאַנצן געגנט, די ריזיקע ווילדע בערג, און די טיפֿע גרינע טאָלן וואָס אַנטפּלעקן זיך פֿאַר'ן אויג פֿון'ם זומערדיקן באַזוכער, און שטאַלטן אויס אַ זעלטן שיינע פּאַנאָראַמע וואָס בייט איר בילדערלייך אויסזען עטלאַכע מאָל אַ טאָג, לויט דער ענדערונג פֿון די ליכטשאָטנס: די פֿילע גרויסע און קליינע אָזערעס מיט זייער קרישטאָל ריינע וואַסערן ווירקן ווי אַ כּישוף אויף די זומערדיקע באַזוכער.

און הויבט זיך נאָר אָן דער פֿרילינג, לעבט אויף דער גאַנצער געגנט. הייזער ווערן רעמאָנטירט, נייע ווערן געבויט, ווייל באַלד קומט אָן די „אינוואַזיע" פֿון די גרויסשטאָטישע מענטשן, וועלכע ברענגען אַריין, ניט נאָר נייע לעבן און פֿריילאַכקייט אין דעם מאָנאָטאָנעם באַרגלעבן, נאָר פֿאַרגרעסערן אויך דעם קוואַל פֿון פּרנסה. קומט נאָר אָן דער זומער ווערט יעדע פֿאַרם הויז פֿאַרוואַנדלט אין אַן אכסניה וואוהין עס קומען די ווייניקער פֿאַרמעגלאַכע איינוואוינער פֿון דער נאָנטער גרויסער שטאָט, ווער פֿאַרברענגען אַ וואָך אָדער צוויי, און ווער נאָר אַן ענדע־וואָך־וואַקאַציע. די מער פֿאַרמעגלאַכע איינוואוינער פֿון דער שכנות'דיקער גרויסער שטאָט פֿאַרברענגען דאָ דעם גאַנצן זומער, אַ טייל אין געדונגענע, אַנדערע האָבן דאָ זייערע אייגענע ווילאַס, וועלכע זיינען צעוואָרפֿן אין אַן אָרדנונגלאָזער שיינקייט, אויף און אַרום די בערג, אָדער באַ די ברעגעס פֿון די אָזערעס.

איצט איז נאָך ווייט צו זומער. די גרויסע בערג שטייען נאָך איינגעהילט אין זייער ווייסן ווינטערדיקן מאַנטל, און די ווילאַס,— באַדעקט מיט אַ שנייאיקער יאַרמולקע פֿון אויבן, און איינגעגראָבן אין שניי ביז אין די האַלבע ווענט פֿון אונטן, קוקן שוין אַליין אויך אויס ווי קליינע בערגלאַך, וועלכע די נאַטור האָט אומישנע אוועקגעשטעלט לעבן אָט די ריזן, כּדי זיי צו מאַכן אויסזען נאָך גרעסער און אימפּאָזאַנטער.

3.

מאַסיו קאַרטיער איז געווען אין אָנהויב פֿון די פֿערציקער יאָרן, און סיי אין אויסזען, און סיי אין זיין האַלטונג, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען פֿיל אינגער. אַ גלייכע, ניט גאַנץ הויכע. אָבער אויך ניט נידעריקע פֿיגור. דאָס פּנים אָפּגעברענט פֿון דער זומערדיקער שטאַרקער זון, און פֿאַרהאַרטעוועט פֿון די צפֿונ'דיקע ווינטערדיקע ווינטן, האָט אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט און אויסדויער, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ביי די מערסטע בערגמענטשן.

די עטלאַכע קליינע קנייטשלאַך אַרום זיינע טיפֿע שוואַרצע אויגן, און באַ די ווינקלען פֿון מויל, האָבן עדות געזאָגט אויף פֿיל פֿאַרשייטקייט אין זיינע יונגע יאָרן. און אַפֿילו איצט, מורמלט מען נאָך אויך אונטער, אַז ער, קאַרטיער, פֿאַרגעסט זיך פֿיל מאָל אַז ער איז שוין אַ פֿאָטער פֿון אַ צוואַנציק יאָריקן זון, און ווען ער קומט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרויען, פֿירט ער זיך נאָך אויף ווי אַ יונגער בחור'ל און פֿאַרמעסט זיך מיט די יונגע דאָרפֿישע בחורים, באַ וועלכע ער רופֿט אַרויס זייער פֿיל קנאה. און אַלע געבן שוין צו אַז פֿאַרדאַנקען זיין יונגער האַלטונג, און צוליב זיין דרייסטקייט וואָס איז אים געקומען דורך דעם מער צייטיקן עלטער, האָט ער אויך מער דערפֿאָלג אויף דעם געביט, מער פֿון די יונגע שעמעוודיקע דאָרפֿישע בחורים.

דערפֿאַר האָט שוין קיינעם ניט ג׳עוואונדערט, ווען פֿאַרגאַנגענעם זומער האָט מען שוין פֿיל גערעט אין דער סביבה וועגן זיינע צו נאָנטע באַציהונגען מיט דער שיינער יונגער אַלמנה פֿון דער נאָנטער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט פֿאַרבראַכט די זומערדיקע חדשים אין איינער פֿון די ווילאָס וואָס אויף זיין פֿאַרם. און ווען מען פֿלעגט זיי ביידן באַגעגנען פֿאָרנדיק אין דעם לייכטן וועגל מיט די גומינע רעדער, אָדער אַרומקלעטערנדיק אויף די הויכע בערג, פֿלעגט דאָס נאָר אַרויסרופֿן אַ האַלב־סאַרקאַסטישן שמייכעל, וואָס האָט געמיינט: יאָ ! אַ ניי בלעטל ווערט דאָ געשריבן ! — ער וועט גאָר קיינמאָל ניט אַלט ווערן, אָט דער מאָסיו קאַרטיער.

איצט איז ער שוין געזעסן אויף דעם וויג־שטול וואָס איז געשטאַנען נאָנט באַם ברענענדיקן אויוון, זיך ריטמיש געשאָקלט, רויכערנדיק זיין ליולקע אָנגעפֿילט מיט היימיש געפֿלאַנצטן טאַבאַק, בלאָזנדיק פֿון זיך גרויסע וואָלקנס רויך וועלכע פֿאַרשפּרייטן איבער דער נידריקער שטוב אַ שטיקנדיקן גערוך וואָס קומט פֿון דעם פּראָסטן היימיש געפֿלאַנצטן טאַבאַק. און געקלערט האָט ער שוין זייער אַסך פֿון זיין אַוואַנטורע פֿון פֿאַרגאַנגענעם זומער, און אויף זיך שטאַרק רחמנות געהאַט. ווייל געבענקט האָט ער שוין זייער שטאַרק נאָך איר... זיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעשטעלט אַז ער זאָל זיך טאַקע אין דער אמת׳ן פֿאַרליבן ... געמיינט, אַז ס׳איז נאָר אַ פֿאַרביי לויפֿנדיקע אַוואַנטורע ווי פֿיל אַנדערע וואָס ער האָט אין זיין פֿאַרשייטער יוגנט דורכגעמאַכט... און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס גאַנץ ערנסט, שוין אַביסל צו ערנסט פֿאַר זיין כאַראַקטער. פֿאַר זיין שטאַנד אין דעם קליינעם קרייז פֿון אָט דער באַרגיקער סביבה. ווייל געפֿילט האָט ער אַז ער איז איצט פּייאיק צו באַגיין אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס פּאַסן לחלוטין ניט פֿאַר אים. שוין דאָס שרייבן אַליין, דאָס אַריינלאָזן זיך אין אַ קאָרעספּאָנדענץ. און נאָך דערצו איז אַן איינזייטיקער, ניט באַענטפֿערטער קאָרעספּאָנדענץ. דאָס אַליין איז דאָך אַן אומפֿאַרגעבלאַכע נאַרישקייט פֿון זיין זייט. שוין זשע האָט זי איהם טאַקע אינגאַנצן פֿאַרגעסן? צו וויל זי אים שוין קיינמאָל מער ניט אָנטרעפֿן? עס קען דאָך ניט זיין! פּרוּווט ער זיך טרייסטן. עס האָט דאָך געמוזט בלייבן באַ איר כאָטש עפּעס אַן איינדרוק פֿון די פֿיל איבערלעבענישן פֿון פֿאַרגאַנגענעם זומער, און ס׳קען דאָך ניט זיין זי זאָל שוין האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן.

און אפֿשר !? הויבט אים אָן עגבערן אַ נייער געדאַנק. אַ געדאַנק, וואָס רופֿט באַ אים אַרויס עפּעס אַ מאָדנעם, ביז איצט נאָך ניט געפֿילטן ווייטאָק אין האַרץ. אפֿשר איז דאָס באַ איר נאָר געווען אַ זומערדיקער צייטפֿאַרטרייב? פֿאַרפֿירט פֿון מאָמענט, פֿאַר׳שכור׳ט פֿון דער באַ׳כישוף׳דיקער באַרגיקער אַטמאָספֿערע, האָט זי זייענדיק דאָ, פֿון איר גרויסשטאָטישן, אויסגערעכנטן וועג אַראָפּגעבלאָנדזשעט, און צוריקקומענדיק אַהיים, אין איר אייגענער סביבה, אויסניכטערענדיק זיך פֿון איר לייכטזיניקער באַרגראָמאַנטיק, האָט זי חרטה באַקומען אויף אַלע יענע געשעענישן. און איצט וויל זי די איבערלעבענישן (וואָס האָבן אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק איבערגעלאָזט) אינגאַנצן פֿאַרגעסן. יאָ! געוויס איז דאָס אַזוי! עגבערט אים דער געדאַנק. און דערפֿאַר טאַקע שרייבט זי ניט! טאָ, צו וואָס׳זשע זיך נאַריש מאַכן, פּרוּווט ער זיך אַליין אויסמוסרן. צו וואָס שיקן דעם זון יעדע וואָך אויף דער פּאָסט פֿרעגן אויף בריוו? ער וואָלט שוין געמעגט האָבן אַזוי פֿיל שכל צו פֿאַרשטיין, אַז זי וועט ניט ענטפֿערן. יאָ! ער איז שוין אַלט גענוג דאָס צו פֿאַרשטיין. און נאַריש קוקט ער שוין אויס אין זיינע אויגן, און נאַריש מוז ער אויך אויסקוקן אין די אויגן פֿון זיין זון. יאָ! ער פֿאַרשטייט, דער זון זיינער! און עס דוכט זיך אים שוין, אַז אַלעמאָל ווען דער

זון פארט אין שטעטל, און ער זאגט אים אז פרעגן אויף א בריוו, קוקט ער אים אן מיט א סארקאסטישן שמייכל, אזוי ווי ער וואלט וועלן זאגן, „אלטקייט באהיט ניט פון נארישקייט'! נאך ניט אלט גענוג הפנים דער טאטע זיינער צו פארשטיין, אז אויף גרויסשטאטישע דאמען מאכן אזעלכע זומערדיקע אוואנטורעס א קנאפן איינדרוק. און ווען ער קומט צוריק פון שטעטל, זאגט ער שוין מיט א חוזק טאן, ניטא! מען שרייבט ניט! ווען מען וואלט געשריבן, וואלט געקומען..! צו וואס די דערקלערונג, צו וואס די אויסטייטשונג? — יא! ער ווייסט וואס דא קומט פאר! געוויס פארשטייט ער, דער זון זיינער..! און איצט, וואלט ער שוין אליין וועלן זיין א קליין אינגל, נאך קלענער פון זיין זון. און האבן א בייזן טאטן, וואס זאל אים גוט אויס־מוסר'ן, און אפשר טאקע גוט אויספאטשן, פאר די נארישקייטן וואס ער באגייט. און זיצנדיק דא אין דעם וויג־שטול אנטקעגן דעם שפיגל וואס מיט דער אפגעבליאקעוועטער גאלדענער ראם, דערזעט ער ניט ווילנדיק די שיין פילע גראע האר וואס בא די ווינקלן פון זיין שטערן, און פארשעמט זיך אליין. און א צופרידנקייט פילט ער שוין וואס זיין ווייב איז איצט אין שטוב ניטא, ווארום עס דוכט זיך אים, אז זי וואלט געוויס דערקאנט וואס אין זיינע געדאנקען קומט איצט פאר. און עס דערוועקט זיך בא אים א געפיל פון בושה פאר זיין זון וועלכער ווייסט געוויס אלץ, און עס ווערט אים הייס... שרעקלאך הייס פאר אויפרעגונג.... און ער שרייט שוין אויף דער קליינער לוסיל, למאי האט זי אזוי שטארק דעם אייוון אנגעהייצט! אזוי ווי זי וואלט ניט וויסן אז דעם יאר וועט מען מוזן זשאלעוון האלץ.

.4

סאפענדיק טיף און שווער, און בלאזנדיק פון זיך א וואלקענדיקע פארע. האבן שוין איצט די פערד גאנץ פאוואליע דעם שניי געאקערט. צו טיף איז דער שניי אין דער פארגאנגענער נאכט אנגעפאלן, און נאך איצט דרייט ער זיך אין דער לופט אין אזא געדיכטער מאסע, אז ער פארשטעלט ווי מיט א פארהאנג דעם וועג אין פאראויס, און ווייטער ווי די קעפ פון די פערד קען ער שוין לחלוטין ניט זען. דער צפונ'דיקער ווינט טרייבט די ווייסזאמדיקע מאסע אין פנים, ווי מיט שארפע שפילקעס שטעכן זיי די הויט, און מאכן אומעגלאך דאס אפנהאלטן די אויגן. ארמאנד איז שוין דערפאר געזעסן אויסגעדרייט מיטן רוקן צו די פערד, פארלאזנדיק זיך אינגאנצן אויף זייער געניטקייט אין די פאר זיי באקאנטע וועגן. נאר אט האט זיך דער וועג פארקערעוועט אן א זייט, און זיך פארנומען בארג אראפ צו דעם „לאק מירוער“ און איצט איז ער שוין געפארן נאנט בא דער אזערע וואס איז געווען ארומגערינגלט פון א רייע הויכע בערג און פארשטעלט פון די בערג, האט דא דער ווינט שוין ניט געהאט אזא שליטא, און דער שניי האט זיך ווי ארומפליענדיקע פוך אין דער לופט געדרייט. און פאוואליע, מיט א בכבוד'ער גראציע אראפגענידערט אויפן וועג, וועלכער איז שוין סיי ווי אינגאנצן פארשאטן געווען, און עס האבן זיך נאר נאך ארויסגעזען די שפיצן פון די פלויטן וואס צאמען אפ דעם וועג פון ברעג טייך.

פארענדיק דא ארום דער אזערע, האט ער אינסטינקטיוו נאך מער איינגעהאלטן דעם סיי ווי שוואכן גאנג פון די פערד, און באטראכט דאס קליינע הייזל מיט די גרין אפגעפארבטע לאדן וואס שטייט הארט באם ברעג.

די אזערע וואס פארנעמט א היבשן שטח, איז ארומגערינגלט פון הויכע שטיינערנע בערג. די כמעט קיילאכדיקע פארם וואס בריטערט זיך אויס ביי די פיס פון די בערג, מאכט דעם איינדרוק אזוי ווי אימיצער האט

דאס בכיון אויסגעהאקט, געלאזט ארייגפליסן דאס וואסער פון צולאזונעם שניי אין פרילינג, און פון די זומערדיקע רעגנס. אט די אזערע באשיצט דורך די הויכע בערג פון די צפונ'דיקע ווינטן, איז זי אלעמאל רואיק און גלאט ווי א שפיגל, און האט דערפאר באקומען דעם נאמען „לאק מירוער".

איצט איז איר אויבערפלאך פארפרוירן. אבער נאך אלץ גלייך און גלאט ווי אין זומער און איבערגעדעקט איז זי מיט א קלארוייסן שניי־דעק און אין שטילע, ניט שטורמדיקע טעג, קען מען שוין דא זען די סליאדן פון הירשן און אנדערע האלב ווילדע חיות וואס האלטן זיך אויף אין די וועלדער און אויף די הויכע בערג.

דאס קליינע ווייסע הייזל מיט די גרין אפגעפארבטע לאדן וואס שטייט באם ברעג פון טייך, איז איצט פארגראבן אין שניי ביז אין די האלבע פענסטער און באטראכטענדיק דאס בילד, דערמאנט ער זיך ארמאנד, ווי אנדערש דא האט אויסגעקוקט ערשט ניט לאנג צוריק. דאמאלט איז דא אלץ געווען גרין, פריש און לעבעדיק. אפילו די שטיינערנע בערג זיינען ניט געווען אזוי נאקעט און טרויעריק ווי איצט. די בלויע הימלן מיט די ווייסע פוכענע וואלקנס האבן זיך אפגעשפיגלט אינ'ם גלאטן טייך. שיפלאך מיט פריילאכע יונגע פארלאך האבן זיך ארומגעטריבן איבער זיין אויבערפלאך, און געלאזן הינטער זיך צייכענס פון לייכט געקרייזלטע כוואלים, וועלכע זיינען זיך באלד צוגאנגען צו די ברעגעס צו, און דארטן זיך ריטמיש אפגע־קלאפט אן די דנאעס פון די געאנקערטע שיפלאך. און זיי לייכט געוויגט הין און צוריק. און ווידער איז די רואיק שפיגלדיקע גלאטקייט צום טייך צוריס געקומען און זען האט מען שוין געקענט אין זיין טיפעניש, ווי די פוכענע וואלקענס לויפן אזוי ראפטום אוועק אין דער פארבארגענער אומענדלאכקייט.

און אט אין דעם הייזל האט זי געוואוינט. נאך פון אנהויב מאי ביז העט שפעט אין סעפטעמבער האט זי דא געוואוינט. און ווען ער פלעגט דא פאר־בייפארן, האט ער זי אלעמאל געזען ליגענדיק אויף דעם וויג־בעטל, וואס איז געהאנגן אויף דער וועראנדע לייענענדיק א בוך, אדער זיצנדיק אין א לאדקע באם ברעג פון טייך, ווארמנדיק זיך אנטקעגן דער ברענענדיקער זון. און ווי בא'כשופ'ט פלעגט ער ווערן, ווי נאר ער פלעגט זי דערזען. ווי שיין זי האט אויסגעזען אין דעם זומערדיקן איינפאכן ציצענעם קליידל, וואס האט זי געמאכט אויסקוקן נאך פיל אינגער ווי זי איז אין דער אמת'ן געווען. ווי דורך דעם לייכטן שטאף האבן זיך דורכגעזען גאנץ בולט די ליניען פון איר שען פארמיקן כמעט נאך מיידעלשן קערפער, און אז א שום פריערן פלאן, פלעגט ער אלעמאל בלייבן שטיין וועלענדיק פארבינדן א געשפרעך וואס זאל אים נעענטער ברייגען צו אט דער שיינער גרויסשטאטישער פרוי, האט ער אבער קיינמאל ניט געפונען א פאסנדיקע טעמע. אנגעהויבן דעם שאב־לאנעם געשפרעך וועגן וועטער, און ניט קענענדיק אנטוויקלען אן אינטערע־סאנטערע טעמע, האט ער א פארשעמטער זיך געזעגנט, און אוועקגעגאנגן איז ער שוין מיט א שטארקן פארדרוס אויף זיך אליין, פאר זיין דארפישער אומבאהאלפנקייט.

עטלאכע מאל האט ער אפילו געפרואווט און זיך אנגעבאטן צו רודערן איר שיפל, בארימענדיק זיך דערביי, אז ער איז א געניטער שיפער. פלעגט ער אבער אלעמאל באקומען דעמזעלבן ענטפער: אז אויפ'ן וואסער, קען זי זיך בכלל ניט פארלאזן אויף אזא יונגן מענטשן, און זי האט טאקע אין זין געהאט אים בעטן ער זאל אזוי גוט זיין און זאגן דעם פאטער זיינעם, אז זי בעט אים אריבערקומען. עס איז היינט זייער גוט זיך צו שיפן, און מיט אן עלטערן מענטשן פילט זי זיך פיל זיכערער.

.5

די קארעספאנדענץ וואס ארמאנד האט פון פאסט אפגענומען, איז באשטאנען פון געוויינלאכן סארט וואס יעדער פארמער באקומט עטלאכע מאל א יאר: קאטאלאגן פון די גרויסשטאטישע מאגאזינען דורך וועלכע זיי רעקלאמירן זייערע סחורות, און אז בא זיי קען מען איינהאנדלען פון א נאדל ביז אן אקער אייזן, אדער אן אטאמאביל. אלץ אויסצוצאלן מיט קליינע ראטן. די ארטיקלען וואס אין די קאטאלאגן, זיינען אילוסטרירט מיט שרייענדיקע קאלירן כדי נאך מער צו רייצן די פארלאנגען פון די פרימיטיווע דארפישע מענטשן. קאטאלאגן פון פארם מאשינען. פאר זשורנאלן וואס זאגן אן די מקחים פון די פארשידענע פארם פראדוקטן, א נומער פון דעם קאטוילישן חודש זשורנאל „דער לייכטענדיקער צלם“, און עטלאכע בריוו פון פאראיאריקע זומער געסט וואס האבן זיך מקדים געווען אנצובינדן נייע פארהאנדלונגען וועגן זייער געפלאנטער זומער וואקאציע. גאנץ להיפוך פון זיינע דערווארטונגען, האט ער צווישן די בריוו געפונען איינעם וואס האט מער ווי אלע אנדערע צוגעצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. עפעס א מאדנער הארץ קלאפען האט בא אים אט דער בריוו ארויסגערופן, און א געדאנק איז אים דורכגעלאפן דורכ'ן מח, דאס מוז זיין פון איר! יא! פון איר איז דאס! ער וואלט שווערן אז דאס איז איר האנדשריפט, כאטש ער האט זי קיינמאל פריער ניט געזען. און מיט ציטעריקע הענט האלט ער דעם בריוו, און באטראכט אים פון אלע זייטן, ווי ער וואלט וועלן דורכדרינגען זיין אויסערלאכן צודעק. און צוקומען צו דעם אינהאלט, וועלכער האט שוין פאר אים אזא וויכטיקע באדייטונג, און רייצט זיין נייגעריקייט וואס אמאל אלץ שטארקער און שטארקער.

מ'דארף דעם בריוו עפענען, לויפט אים דורך א געדאנק. ער כאפט זיך אבער באלד צוריק. ווייל ווייסן ווייסט ער, אז מיט דערמיט וואלט ער געבראכט צו א סקאנדאל בא זיי אין הויז. ווייל קיינער פון הויזגעזינט האט נאך קיינמאל פריער א צייטונג געעפנט, אדער אפילו אן אפן קארטל איבערגעלייענט אן דער הסכמה פון פאטער. און אז זיין וויסן עפענען זיינעם א בריוו, אזא אקט וועט ער ניט אזוי לייכט מוחל זיין. און א נייער געדאנק פאלט אים איין. ער וועט דעם בריוו בכלל ניט אפגעבן דעם פאטער. עס איז דאך סיי ווי דער ערשטער בריוו פון איר... און דער פאטער ווייסט דאך ניט באשטימט אז א בריוו וועט קומען.. טא וועט ער אים איבערלייענען און צורייסן... ער מוז אים איבערלייענען! ווייל זיין נשמה רו שטייט דא אין קאן. און זוכנדיק א בארעכטיגונג פאר זיין געפלאנטער טאט, ווערט ער בא זיך וואס אמאל אלץ שטארקער און דרייסטער, און איצט באטראכט ער שוין די קארעספאנדענץ צווישן אט דער יונגער שיינער אלמנה און זיין פאטער, בכלל אלס אן אומנאטירלאכע, און שוין לכתחילה אלס א גרויזאמער טעות, אן איראניע פון שיקזאל. דער בריוו וואלט דאך אייגענטלאך באדארפט זיין צו אים געשריבן. ווייל זי האט דאך געוויס געמוזט באמערקן ווי פארליבט ער דער יונגער בחור איז געווען אין איר, און קוים האט זיך זיין געדאנקענגאנג אנגעהויבן צו פארנעמען אין אט דער ריכטונג, האט אים שוין לאנג ניט גענומען ביז ער האט געפונען א פאלקאמענע בארעכטיקונג דעם בריוו צו עפענען. און דערנאך האט ער שוין לאנג געלייענט... עטלאכע מאל איבערגעלייענט דעם אינהאלט, און זיך כמעט ניט געגלויבט, וואס ער זעט דא געשריבן. און קלאר איז אים איצט געווארן זייער אסך פאסירונגען פון פארגאנגענעם זומער. און קלאר איז אים אויך געווארן, אז דאס וואס מען האט אין דער סביבה גערעדט, איז נאך קיין אנהויב ניט אנטקעגן דעם, וואס איז אין דער אמת'ן פארגעקומען צווישן זיין פאטער און אט דער גרויסשטא־

טישער שיינער אלמנה. און א שרעקלאכער געפיל פון קנאה און אייפערזוכט דערוועקט זיך בא אים, און ער פילט עפעס א מאדנעם ווייטאק אין הארץ, א ווייטאק וואס בלאזט נאך מער פאנאנדער דאס פייער פון אייפערזוכט. און איצט לאזט ער שוין אינגאנצן פריי זיין יונגע פאנטאזיע וועלכע מאלט אים די פארגאנגענע פאסירונגען אין אזעלכע פארבן, וואס ער האט בכלל קיינמאל פריער ניט געזען. און אין זיינע געדאנקען שווימען ארויף א רייע פון פאסירונגען וועלכע האבן צו זייער צייט גארניט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. און ער דערמאנט זיך, אז ס'איז ניט אוועק כמעט קיין איינציקער טאג, אז זיי זאלן ניט געווען פארברענגען אינאיינעם. און אויב דער פאטער פלעגט ניט גיין צו איר, און ארומשיפן זיך מיט איר איבערן טייך, פלעגט זי קומען צו זיי אין הויז, פארנאנדערוויקלען א פריינדלאכן געשפרעך מיט דער מוטער, דערביי גלעטענדיק און ליובנדיק זיין שוועסטערל לוסיל, איינארדנענדיק אירע האר אויף דעם גרויסשטאטישן שטייגער. דערביי מאכן איר קאמפלימענטן אז זי איז א שיין מיידעלע, און שפּאַסדיק וועט איר אויסזוכן א שיינעם חתן אין דער גרויסער שטאט. מיט איר פריינדלאכער האלטונג צו דער מוטער און שוועסטער, האט זי זיי אינגאנצן געוואונען. און ווען זי האט שוין דערנאך געבעטן דעם פאטער, ער זאל איר באגלייטן אין וואלד און איר אנווייזן וואו עס געפינען זיך די גרויסע קוסטעס מיט די רויטע יאגדעס, האט שוין קיינער ניט געקענט האבן דעם מינדסטן חשד אז זי איז דערביי אויסן עפעס ניט געוויינלאכעס. בפרט נאך ווען זי האט דערביי געמאכט אזא צניעות'דיקע באמערקונג: אז מסתמא איז ער דאך באקאנט מיט די אלע וועגן אין אט דער ווילדער געגנט, און אגב פילט זי זיך זיכערער מיט אן עלטערן מענטש.. דערנאך פלעגן זיי שוין פארפאלן ווערן אויף האלבע טעג אין די ווילדע בערג, און אהיים קומען פלעגט ער שוין, דער טאטע זיינער, א פריילאכער, אן אויפגעלייגטער, ארומכאפן דער מאמען און גיין מיט איר א קאראהאד, אדער כאפן דאס שוועסטערל, לוסיל, אוועקזעצן זי אויף זיינע קני און איר לאנג לאנג קושן... וואס איז ער עפעס פלוצלונג אזוי אויפגעלייגט, דער טאטע זיינער? . . . קלאר ווערט אים איצט אלץ. און די קלארקייט מיט וועלכער ער זעט אט דאס אלץ, מאכט אים נאך גרעסער דעם ווייטאק אין הארץ און א מאדנע אומרואיקייט באפאלט אים פלוצלונג, און ער קען שוין דא מער ניט איינשטיין. עס ווערט אים ענג אויף אט דעם ארט, ער מוז ארויס! ער מוז ערגעץ וואו אוועק... פארטרייבן דעם שרעקלאכן הארצווייטאק, די וויסטע געדאנקען וואס פלאגן אים, ער קען שוין דא מער ניט איינשטיין.

ס'איז שוין געווען זייער שפעט נאכמיטאג, ווען ארמאנד האט פארלאזן דעם קליינשטעטלדיקן שיינק. די שווערע איבערלייבענישן פון היינטיקן טאג, און דער שלעכטער בראנפן וואס ער האט היינט שוין זייער פיל געטרונקען, האבן געהאט א מאדנע ווירקונג אויף אים. און געמישט האבן זיך שוין אין זיין מח פארשידענע אפגעהאקטע בילדער, און ער איז שוין בכלל ניט מסוגל געווען לאגיש, צונויפבינדן צוויי גלייכע געדאנקען. דערפאר, האט שוין דער שיינקער אליין ארויסגענומען די פערד פון שטאל, וואו זיי זיינען געשטאנען א גאנצן נאכמיטאג, און מעכאניש געקייט די היי וואס אין זשאלוב, און צי פאר גרויס לאנגווייליקייט, אדער פאר גרויס אויפגעלייגטקייט, זיך כסדר איינס דאס אנדערע די קעפ געגעבן, געטיאפעט מיט די פיס און געהירזשעט.

איצט האט שוין דער שיינקער זיי איינגעשפאנט, און גוט באווארנט אז די איינגעהאנדלטע ארטיקלען זאלן ניט ארויספאלן פארענדיק, געהאלפן ארמאנד'ן זיך ארייננזעצן אין שליטן. דערביי, פארלאזנדיק זיך מער אויף דעם

אינסטינקט פון די פערד, וועלכע וועלן שוין געווים טרעפן אהיים, אויף דעם פאר זיי זייער באקאנטן וועג. ווייל געזען האט ער אז ארמאנד ווייסט שוין בכלל ניט וואס מיט אים טוט זיך, כאטש ער אליין האט דאס נאך אלץ ניט געוואלט צוגעבן, און שאקלענדיק זיך, מיט כעס אפגעשטופט יעדן וואס האט אים געוואלט העלפן ארייננזעצן זיך אין שליטן.

.6

די הייזער פון ביידע זייטן וועג וואס פירט ארוים פון שטעטל האבן שוין אנגעהויבן ווערן וואס אמאל אלץ שיטערער און שיטערער. און אט איז ער שוין פארבייגעפארן דאס קליינע וועלדל מיט די בערעזענע בוימער, וועלכע זיינען איצט אינגאנצן נאקעט. און זייערע צוקרימטע און אויסגעבוי־גענע שטאמען קוקן שוין איצט אוים ווי אומישנע אפגעקאלכטע, כדי זיי זאלן הארמאנירן מיטן ווייסן שניי וואס ארום זיי.

פון דער וווייטן זעט זיך נאר נאך דער שפּיץ צלם פונ׳ם קליינשטעטלדיקן קלויסטער. איצט איז שוין ארמאנד, הוידענדיק זיך, געזעסן אין שליטן, און נאכלעסיק געהאלטן די לייצעס אין די הענט, וועלכע האבן לחלוטין ניט גע־האט קיין שייכות מיטן גאנג פון די פערד. די פארבייפארענדיקע פויערים האבן געהאלטן אין איין זידלען אים, למאי ער פארנעמט דעם גאנצן וועג... לאזט קיינעם ניט דורכפארן, זיי מוזן זיך אראפנעמען אן א זייט כדי אים אויסצומיידן, און זיינען אין א סכנה ארייננצוגליטשן זיך מיט די שליטנס אין די טיפע גראבנס וואס פון ביידע זייטן וועג. ארמאנד האט זיי שוין גאר ניט געענפערט. די צונג איז געווען בא אים ווי צוגעוואקסן צום גומען. איצט האט ער געפילט עפעס א מאדנע מידקייט. און געהערט האט ער שוין ניט דאס ווייטע קלינגען פון די קלויסטערגלעקער, אנזאגענדיק די פרומע מענטשן, אז די „וועספער“־שעה איז געקומען.

.7

דער שניי־פאל איז שוין איצט געווען פיל קלענער, נאר דער בייזער צפונ׳דיקער ווינט האט געבלאזן מיט שטארקערער קראפט, ווי ווען עד, אר־מאנד, איז אינדערפרי אויפ׳ן זעלבן וועג געפארן. און אנטוויקלט האט זיך איצט, איינע פון יענע זאווערוכעס, וואס זיינען ניט זעלטן אין דער צייט פון יאר, אין אט דער בארגיקער געגנט. דער ווינט האט דעם טרוקענעם שניי פון די נאנטע בערג און די נידריקע פעלדער אויפגערודערט, און גאנצע, כמעט גלייכע וועגט פון שניי האבן זיך מיט אן אומגעהייערער גיכקייט, פון די פעלדער איבערן וועג געטריבן. רייען־ווייז האבן זיך די שנייאיקע וועגט געיאגט, און איבערגעלאזט קליינע בערגלאך און טאלן איבער דעם אזוי אויך זייער משופּע׳דיקן וועג. דער שליטן האט זיך איצט שוין אלעמאל א לאז געטון אראפ אין א טאל, און טאקע באלד זיך ווידער א הויב געטאן בארג ארויף. דאס ווארפן זיך פון שליטן אראפ און ארויף, האט ארמאנד׳ן זייער פיל געשטערט, ווייל איצט האט ער זיך געפילט זייער מיד און שלעפעריק. צוהיצט פון דעם בראנפן וואס ער האט היינט שוין זייער פיל געטרונקן, האט ער בכלל ניט געפילט די קעלט. און עס האט אים שוין ניט געארט, ווען יעדעס מאל וואס אזא שנייאיקע וואנט האט זיך אין זיין שליטן אנגע־שלאגן, איז זיין פנים אינגאנצן מיט שניי פארשאטן געווארן. שווער האט ער דאמאלט זיין האנט געהויבן, און געפינענדיק זיין פנים, האט ער דעם שניי־אפגעווישט און א דערפרישונג האט ער שוין געפילט, ווען ער האט די נאסע קילקייט איבער זיין צוהיצטן פנים דורגעפירט.

און ווידעראַמאָל האָט זיך דער שליטן דערנענטערט דעם „לאַק מירוער" און אין דער טונקעלקייט האָט ער דאָס שטיבל דערזען. אַזוי ווי בא איינעם וואָס ליגט אין אַ היצקראַנקהייט, האָט זיך איצט זיין פאַנטאַזיע צואַרבעט. און ער גדענקט שוין ניט וואו ער איז היינט געווען, און וואוהין ער פאָרט. און אין זיינע געדאַנקען מישן זיך איצט בילדער פון פאַרגאַנגענעם זומער, און עס דוכט זיך אים, אַז עס איז איצט אַ זומערדיקער פאַרנאַכט, און ער פאָרט צוריק אַהיים פון די בערג וואו ער האָט היינט היי געשניטן — ער זיצט אויפ'ן הויכן וואָגן פרישע שמעקעדיקע היי, פאָרט פּאַוואָליע, ניט איילענדיק זיך, און פון דער הויכקייט וואו ער געפינט זיך איצט, זעט ער ווי די פלאַמענדע צפון'דיקע הימלען רויטלען זיך, ווי זיי בייטן זייערע קאָלירן מיט יעדער רגע וואָס די זון פאַרגייט העט דאָרט ווייט הינטער די מערב בערג.

און דאָרט גאַנץ אונטן אין טאָל איז שוין טונקל. און אַ נעפּל פאַרשפּרייט זיך איבער דעם „לאַק מירוער" און דעקט צו די לאָדקעס מיט די יונגע פרייל‍אַכע פאַרלאָר וואָס יאָגן זיך. דאָרט אַהיים צו די ברעגעס צו. פאַר פריילאַכקייט וועגן לאָזן זיי אַלעמאָל אַרויס אַ הילכדיקן קוויטש כדי צו הערן זייער ווידער־קול, וואָס שלאָגט אָפּ צווישן די בערג עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד: הו, הו, שרייט אויס אַ פרויענשטימע. און פון די בערג קומט צוריק שוין צום פינפטן מאָל, הו, הו, הו, הו, הו, דאָס קול קומט אים פאָר באַקאַנט, ער וואָלט שווערן אַז דאָס איז איהר קול... דאָס זיצט זי מסתמה אין דער לאָדקע ביים ברעג טייך ווי אַלעמאָל, געוויס זיצט זי דאָרט! ער וועט פרואוון צוגיין... און דרייסט ווערט ער ביי זיך, און גייט אַראָפּ פון שליטן, לאָזט זיך צוגיין צום הייזל וואָס ביים ברעג טייך, און גייענדיק באַשליסט ער אַז היינטיקס מאָל וועט ער איר שוין זאָגן. אַלץ וועט ער איר זאָגן. היינט וועט ער זיך שוין ניט שעמען. ער וועט איר דערקלערן ווי ליב ער האָט זי, ווי זיין יונגע האַרץ קלאַפּט ווען ער דערזעט זי... ווי ער קלערט נאָר פון איר טאָג און נאַכט, פון איר דער שיינער גרויסשטאָטישער פרוי. צו די פיס וועט ער איר פאַלן, דעם זוים פון איר קלייד וועט ער קושן, און איר שקלאַף וועט ער ווערן, איר אייביקער שקלאַף, פאַר נאָר איין גוט, איין פריינטלאַך וואָרט. איצט וועט ער דאָס איר זאָגן, ווייל איצט האָט ער מוטה — —

פאַרטאָג זיינען די צוויי פערד אויסגעמאַטערטע אינ'ם הויף אַריינגעפאָרן. מאַסיו קאַרטיער איז די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, וואַרטנדיק אויף דעם צוריקקומען פון זיין זון. און ווען ער האָט דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלאַך, האָט ער האַלב די טיר געעפנט, און נאָכדעם ווי ער האָט עטלאַכע מאָל גערופן דעם זון, און ניט באַקומען קיין ענטפער, האָט ער זיך גיך אָנגעטאָן, און אַרויסקומענדיק, האָט ער געזען — — — — — — — — — — —

דער זון איז ניטאָ... דער שליטן איז אינגאַנצן מיט שניי פאַרשאָטן, און מען זעט שוין ניט אַרויס די אַרטיקלען וואָס ער האָט אין שטעטל איינגעקויפט... און די פערד, שטייען שוין מיט אַראָפּהייענגענדיקע קעפּ, אַזש בא דער טיר פון שטאָל....

דעם אַנדערן טאָג האָבן זיך אַלע שכנישע פּויערים אַרויסגעלאָזן מיט זייערע יאָגד הינט זוכן דעם פאַרפאַלענעם אַרמאַנד, אָבער, איבער נאַכט זיינען אַלע סליאַדן פאַרבלאָזן געוואָרן. און אויסגעמוטשעטע זיינען זיי פאַרנאַכט אָנטוישטע אַליין אַהיימגעקומען.

ווען דער שניי איז אין פרילינג צוגאנגען געווארן, האט מען געפונען דעם קערפער פון דעם יונגן ארמאנד קארטיער, ליגענדיק בא דעם ווייסן הייזל וואס מיט די גרין אפגעפארבטע לאדן, וואס שטייט באם ברעג פון „לאק מירוער“. אין דער רעכטער האנט האט ער געהאלטן עפעס א פאפיר וואס האט אויסגעוויזן אז דאס איז אמאל געווען א בריוו. איצט אבער איז די שריפט שוין אינגאנצן אפגעווישט געווען פון דער נאסקייט פון צוגאנגענעם שניי.

אײדא מאזע

מיין קינד'ס קבר

ניט קיין בלומען, ניט קיין גראז
וואקסן אף מיין קינד'ס קבר:
א קליינע מצבה, א גרויער שטיין
שטייט און קוקט אף זיך אליין...

ניט מיט בלומען, ניט מיט גראז
וועל איך באפוצן מיין קינד'ס קבר:
מיין קינדס קבר מוז בלייבן רוי,
ווי אין הארצן בא מיר די וואונד,
ווי ער אין זיין גרוב,
ווי זיין שאטן אין מיין שטוב...

מיין קינד'ס קבר מוז בלייבן רוי...

אין שפּיגל

אז איך קוק זיך אינם שפּיגל איין
זעט דער טאָג־פאַרגיי,
דאַרט אויס ווי ווײַן.

עס נעמט דער שפּיגל מײַן יעדן ריר
אַרײַן אין זיך,
און ווײַזט עס מיר.

דער ציטער פון מײַן יעדן גליד
שוועבט אום אין שפּיגל
עלנט, מיד . . .

איך זע מײַן שטומען בויג פון קאָפּ
וואס זינקט אין שפּיגל
טיף אַראָפּ.

סוף־טאָג, אינ׳ם שפּיגל־שײַן
הילט מײַן קילער גוף זיך אײַן, —
באַדט זיך מײַן געשטאַלט אין ווײַן
אין זוניק רויטן ווײַנשל־ווײַן — — —

מיד

מיד זײַנען מיר בײדע,
און פון מידקייט ווערן מיר גוט אַז אַ ברעג —
גוט צו אַלעמען און צו זיך.
מיט שטילע שפּאַן גייען מיר אַרום
שטיל און גוט און מיד — — —

שטיל און מיד גייסטו אַלע פאַרטאָג אַוועק פון הויז.
און קומסט פאַרנאַכט שטילער, מידער, מידער.
מידע גלעטן דײַנע הענט מײַן קאָפּ
דו זוכסט דעם טאָג אין מײַנע אויגן —
אין אַ ווינקל פון אונזער פענסטער
שפּיגלט זיך קיל־שטיל דער טאָג
און באַהאַלט זיך אין אַ פאַלד פון פאַרהאַנג.

אַ ליד

אין א ווייטער שטאָט האָב איך געהאַט א מאַמע,—
בין איך א קינד געווען
מיין מאַמעס קינד געווען.
איצט האָב איך קיין מאַמע שוין ניט מער
בין איך קיין קינד ניט מער
מיין מאַמעס קינד ניט מער...

גיי איך אין דערפרעמד ארום אליין,
ניט איך פרייזיך, ניט איך טרויער, ניט איך קלער
אז איך האָב קיין מאַמע שוין ניט מער
און קיין קינד בין איך ניט מער,
מיין מאַמעס קינד ניט מער...

*
* *

אויף ווייסע ווינגנדיקע פליגל
ווינגט איין דער טאָג דאָס ליד פון פרייד.
און אין בלויען זייד פון אָוונט
וועבט זיך אויס דאָס ליד פון טרויער.
זינגען לידער טאָג און אָוונט, —
זינגען פרייד און זאָגן טרויער.
זינגט דאָס אלץ ביי מיר אין הארצן,
און איך ווער אלץ בלאסער, דינער...

נחמיה סיגאל.

אַ חלום־נאַכט

מיין פענסטער שטייט אָפן.
ס'בלאָזט אַ ווייכער ווינט —
אָנגעפילט מיט שלאָפן
ווערט מיין הארץ אַצינד.

מיט חלומות־זשום פליען
די געוועבן פון מיין מח,
ווי פידל־סטרונעס ציען
קלאַנגען פול מיט כח.

וועבט זיך אויס א חלום־נאכט
מיט געפלינגעלטן ווירוואַר —
די נאכט האָט אויפגעוואכט
מיט נעפל און געפאר...

פ. קעמבל

די אַלטע פרוי

אידיש פון ל. מ. בעניאמין

ווי אין א הייליק אַרט
א שיין ווייס ליכט,
אזוי איז די שיינקייט
פון אן אַלט געזיכט.

ווי די פארצערטע שיין
פון א ווינטער זון,
אזוי איז די פרוי,
ווען אַלץ איז אפּגעטון...

די קינדער אוועק פון איר,
די געדאנקען בלייבן שטיל,
ווי די וואסערן
פון א חרוב'ער מיל.

עדנא סיינט ווינסענט מיליי

דער לייכט-טורם

(מיין ליכט ביי בײדע עקן ברענט היינט,
פאר פרימארגן לעשט עס זיך אויס:
אָבער א! מײנע פײנט און א! מײנע פרײנט,
ס'גיט אזא ליבליכן שיין ארויס.)

צווישן נאכט און באגינען
מיין ליכט א ברוין-רויטלאכס ברענט;
און שיינט פון מיין פענסטער ארויס
וועו אהיים דער רייזנדער זיך ווענדט.

עס לייכט מיט א הייליקן שיין,
עס שיקט א הימל-ליכט וואס בלענדט:
עס גליט און פלאמט אזוי ריין
און ביי בײדע עקן עס ברענט.

ניט מיט פארצערנדיקן פייער;
ניט מיט שטעכיקע פלאמען;
ניט מיט היים-פלאמענדיקן גלוט,
עפעס א היץ שווער צו דערמאנען.

נאר פריינדשאפט-וועג צו באלייכטן;
דער פלאם פון מיין ליכט ווערט פארשוועגדט,
ווייל די ליכט איז די אייביקע ליכט
וואס ביי בײדע עקן עס ברענט.

י. ראבינאוויטש

בעטהאָווענ׳ס סוד

דער טריאומף פון דורות

עס טרעפט אמאל, אז דו קאנסט זיך קיין חשבון ניט אפגעבן, פארוואס דו געפינסט זיך אין אזא געמיטס־צושטאנד און ניט אין קיין אנדערן. עפעס מאניעט און דו ווייסט ניט וואס: עפעס וויל קריגן אן אויסדרוק צוליב עפעס. נאר עס פעלט דיר דער אינסטרומענט צונויפצושלעפן אייו „עפעס“ מיט׳ן צווייטן.

און דו זוכסט א ווארט, וואס זאל קאנען דעפינירן דאס. וואס איז פאר דיר אליין ניט קלאר: געפינסטו דאס ווארט און עס ווערט קלאר—פאר אימיצן אנדערש—דאס. וואס דו האסט גארניט געוואלט זאגן...

אבער פאר דיר אליין? דו ווייסט, אז „פון אנהויב איז געקומען דאס ווארט“: אבער דו ווייסט אויך, אז „ווערטער זיינען באשאפן געווארן צו פארדעקן דעם אמת“. און דאס אויך ניט אלעמאל ווייל עס לוינט זיך אזוי נאר מערערע מאל. ווייל עס איז קיין אנדער ברירה ניטא.

ווארים באגרעניצט איז די מענטשליכע שפראך, אפילו די רייכסטע און קולטורעלסטע. דאס ניט־דערזאגטע בלייבט ניט דערזאגט.—אפילו אין דער שיינער ליטעראטור, כאטש דארט ווערט די ליידיקייט פון ניט־דערזאגטן אויסגעפילט מיט סטיל און פארם און קינסטלערישן אטעם, און דער טיפסטער וואונטש פון דעם ווארט־קינסטלער איז דאך, אז דער לעזער זאל דערפילן דאס אנגעוואונקענע, דאס ניט דערזאגטע, דאס צווישן־די־שורה׳דיקע.

צוויי „איכ׳ן“ ראנגלן זיך אין יעדן פון אונז און ווילן קומען צום אויסדרוק. עס ראנגלט זיך דאס אינטעלעקטועלע מיט׳ן עמאציאנעלן. און כאטש דאס אינטעלעקטועלע פרעטענדירט צו זיין דער מיטל־פונקט, וואס „קאנטראלירט“ דעם שפיל עמאציעס ווייסן מיר אבער פון ערפארונג, אז נאך ווייניקער ווי דער פיל גערימטער „פראקטישער שכל“ קאן קאנטראלירן אזא געפיל ווי פיזישן הונגער, למשל, קאן ער קאנטראלירן דעם הונגער פון דער נשמה אן דער פארמיטלונג פון עפעס, וואס איז ניטא אין דר. קוע׳ס טעאריע פון אוטא־סוגעסטיע...

מוזיק ווערט גערופן: „די שפראך פון דער נשמה“. זי געפינט איר אורקוואל אין יענעם שפיל פון עמאציעס, וואס קומט פאר אין מענטשן גופא און ווערט דיריגירט ניט פון „קלארן שכל“, נאר פון עפעס, וואס ליגט „אויף יענער זייט“.

עס האט אבער לאנג גענומען ביז מוזיק איז געווארן א זעלבסט־שטענדיקע קונסט. ווארום קונסט איז ניט די אקעגנשטעלונג פון דעם עמאציאנעלן צום אינטעלעקטועלן, נאר איז א סינטעז פון ביידע. מוזיק איז די אינגסטע קונסט ניט נאר דערפאר, ווייל איר ענטוויקלונג איז טיילווייז געווען אפהענגיק אין דער ענטוויקלונג פון דער אלגעמיינער טעכניק, נאר אויך דערפאר, ווייל זייענדיק „לויטער געפיל“ האט זי ניט געקאנט ווערן קיין ציל פאר זיך אליין און האט געמוזט א לאנגע צייט בלייבן ניט מער ווי א מיטל צו אזא אדער אנדער צוועק. צי דער צוועק איז געווען דער טאנץ, דאס ווארט, אדער דער רעליגיעזער ריטואל—אין יעדן פון די דריי פאלן

איז מוזיק געווען בלויז א מיטל. אין ערשטן פאל איז די מעלאדיע געווען געבונדן אין א באגרעניצטן ריטם: אין צווייטן פאל האט די מוזיק, מעלאדיש און ריטמיש געמוזט דינען א ווערטערליכן טעקסט: אין דריטן פאל האט די מוזיק געמוזט טראגן אן אונפערזענליכן הללויה׳דיקן כאראקטער.

די רעליגיעזע אדער ליטורגישע מוזיק, וואס האט דערגרייכט א פארהעלטניסמעסיק־הויכע שטופע אין דעם רעליגיעזן ריטואל פון די ביבלישע אידן און איז שפעטער דורך דער קריסטליכער קירכע ענטוויקלט געווארן אין אזא רייכן און פארצווייגטן אוצר פון דערהויבנדע קלאנגן — אט די דאזיקע מוזיק האט מיט איר גאנצער פארבנרייכער שיינקייט ניט געקאנט ווערן קיין זעלבסטשטענדיקע קונסט. זי האט דאס אויך ניט געוואלט ווערן, ווייל דאס וואלט געמיינט ארייננעמען דאס פערזענליכע און אינטימע, וואס זיינען פון טייוול, ניט פון גאט...

דאס האט דער אידישער מאנאטעאיזם אזוי אן רחמנות פארטריבן פון דער פאליטעאיסטישער וועלט די פארשידענע געטער און אונטערגעטער וואס יעדער פון זיי האט אין די הימלן פארטראטן א באזונדער געפיל אדער סענטימענט, און ארויסגעשטעלט דעם „אחד׳ אלס דעם תכלית פון תכליתים. אלס דעם סענטימענט פון סענטימענטן.

אבער דער מאנאטעאיזם האט שטארק פארפעסטיקט דעם באגריף פון הארמאניע: מיט „אחדות הבורא“ איז הארמאניזירט געווארן דער וועלט־קאמפלעקס, וועלכער איז ביז דאן נאך אלץ געווען אין א כאאטישן צושטאנד. און ווי באלד, אז אלץ ציט צו איין מיטלפונקט און אלע דארפן זינגען איין ליד, האט דאך געמוזט קומען א סיסטעם פון מוזיקאלישער הארמאניע, וואס זאל אויסדריקן דעם סענטימענט פון א גלויביקן „קהל“ אין א צבור׳דיקן „הללויה“־געזאנג צו דער גלאריע פון גאט.

אוניסאן—אדער דאס איין־שטימיקע זינגען פון א סך שטימען, איז א לאנגע צייט גענוצט געווארן אלס די איינציקע מעגליכע הארמאניע. מען האט אבער באלד דערפילט די איינפארביקייט און מאנאטאנקייט פון אזא מין „הארמאניע׳ און עס געקומען די ערפינדונג פון קאנטראפונקט אדער פאליפאניע, וואס איז ענטוויקלט געווארן צום העכסטן פונקט דורך אזעלכע ריזן־מייסטער ווי דער איטאליענער פאלעסטרינא און די דייטשן באך און הענדל.

אבער עס איז געקומען א צייט ווען די פאליפאנישע מוזיק פון דער קירכע האט געמוזט אפראנקען פון טראן. די רענעסאנס־צייט, וואס האט אויפגעהויבן א קאמף אנטקעגן דער קלויסטערישער דיקטאטור איבער דעם מענטשליכן דענקען און שאפן האט אויך ארויסגעבראכט די שטרעבונג צו רעוואלוציאניזירן די מוזיקאלישע קונסט. מען האט געזוכט „אויפצולעבן“ די אלטע גריכישע „מוזיק־דראמע“ און ניט ווייסנדיק געווי, וואס די מוזיק פון דער גריכישער דראמע האט מיט זיך פארגעשטעלט, האט די זוכעניש געפירט צו נייע פארמען. עס איז געקומען די אפערא אין א גאנץ נייער סיסטעם פון מוזיקאלישער הארמאניע.

די פאליפאנישע מוזיק האט נאך פונדעסטוועגן ניט געהאט אפגעשפילט איר לעצטן אקארד. דארט וואו די איטאליענער האבן איבערגעלאזן האבן די דייטשן אנגעפאנגן. שטיל און באשיידן איז זיך יאהאן סעבאסטיאן באך געזעסן אין לייפציג און געלייגט דעם בריק צווישן אלטן און נייעם. דאס זעלבע האט גלייכצייטיק געטאן הענדל, וועלכער האט זיינע מערסטע יארן פון שאפונג פארבראכט אין לאנדאן.

אזן פאד דער צייט ווערן ענטוויקלט און פארפאלקאמט פיל נייע מוזיקאלישע אינסטרומענטן, וואס הויבן אן קאנקורירן מיט דער מענטשליכער שטימע, וועלכע איז נאך אלעמען שטארק באגרעניצט אין אירע מעגליכקייטן. און אזוי קומען מיר צו די דריי ריזן פון קלאסישער מוזיק, היידן, מאצארט און בעטהאווען.

מיט היידן, מאצארט און בעטהאווען איז געקומען די פולשטענדיקע אומאפהענגיקייטס־ערקלערונג פון דער מוזיקאלישער קונסט און עס הויבט זיך אן א נייע בלאט אין איר געשיכטע. עס ווערט געשאפן דער סינטעז צווישן עמאציאנעלן און אינטעלעקטועלן און ניט נאר ווערט מוזיק א זעלבסטשטענדיקער קונסט, נאר זי ווערט די קונסט פון קונסטן. „די שפראך פון דער נשמה“, הויבט אן רעדן אין פילאזאפישע טערמינען און אנשטאט צו דינען איין־איינציקן אבסטראקט סענטימענט, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט דער רעליגיעזער מוזיק, צושפילט זי זיך איבער דער פולער סקאלע פון מענטשליכע געפילן און הויבט אן אפשפיגלן אלץ וואס דער מענטש פילט און טראכט.

היידן, מאצארט און בעטהאווען זיינען געקומען אין א צייט, ווען די גאנצע אטמאספערע ארום איז געווען אנגעפילט מיט ספאנטאנער אקטיוויטעט; ווען מענטשן האבן פון זיך אינגאנצן ארונטערגעטרייסלט דעם פאסיוון מיטלאלטערליכן שימל: אין א צייט פון אומצייליקע ענדעקונגען, דערפינדונגען, רעוואלוציעס און נאטור באהערשונגען. פעאדאליזם איז געפאלן און עס האט זיך אנגעהויבי א לעבן פון „שטורם און דראנג“, שטאל און אייזן, דאמף און מאשינערי.

עס איז געווען די צייט פון **נאפאלעאן באנאפארט**, פון זיינע גבורות נצחונות און ענדליכע מפלות.

אומרוהיק איז דאמאלט געווען דער מענטשליכער גייסט: מיט קפיצות הדרך האט אייראפא געשפאנט צו א ניי לעבן.

און מאכטלאז האט זיך דערפילט דער פאליפאנישער נגון פון קלויסטער. דאס אנטוואוינט קינד האט בשום אופן ניט געוואלט מער איינשלאפן אונטער די טענער פון „הללויה...“

בעטהאווען האט אמשטארקסטן רעפרעזענטירט דעם גייסט פון יענער אומרוהיקער צייט. ער איז געווען דער גייסטיקער נאפאלעאן, וואס האט איינגענומען א וועלט — מוזיקאליש, און ווי מיר וועלן שפעטער זען איז געווען א צייט, ווען בעטהאווען אליין האט געזען א גרויסן שייכות צווישן אים און דעם געניאלן קריגער, אבער ניט זייער לאנג האט דאס אנגעהאלטן...

דער גרויסער שטורם.

דעם 24טן מערץ, 1827, האט איבער דעם שטאט וויען, זיך צושטורמט א מורא׳דיקער שטורם. בייזע צפון־ווינטן האבן געריסן דעכער, אראפגעווארפן שילדן, געבראכן פענסטער און ארונטערגעבלאזן קוימענס. און הינטער די ווענט פון די הייזער זיינען צושראקענע געזעסן די וויענער איינוואוינער און געוואוסט, אז עפעס אויסערגעוויינליכס קומט פאר אין דער וועלט, אבער נאר געציילטע פריינט און פאר׳ערער פון דעם, וואס האט אין שטורם אויסגעהויכט זיין לעצטן אטעם האבן קלאר באגריפן דעם זין פון דער מורא׳דיקער זאווערוכע.

און ווען אלץ האט זיך גענומען בארוהיקן און אויסלייטערן, און די גאסן האבן ווידער גענומען שווימלען און גריבלען מיט מענטשן, האט פון מויל צו מויל זיך דערטראגן די נייס: „בעטהאווען איז געשטארבן אין שטורם“.

און לעגענדעס האבן זיך גענומען וועבן ארום בעטהאווען'ס טויט און ביז היינטיקן טאג וויל די פאנטאזיע ניט אפגעהאקט ווערן מיט דער פשוט'ער ערקלערונג: קאאינצידענט. איז דאך דעמאלט א גרויסע און שיינע וועלט חרוב געווארן — די בעטהאווען־וועלט — און עס ווילט זיך גלויבן, אז דאס מאל איז עס געווען ניט קיין צופעליקער צוזאמענטרעף, נאר אז איינס מיט'ן צווייטן האבן געהאט אן ענגן שייכות. סיידן אלץ איז זינלאז, אפילו דאס לעבן און שאפן פון א בעטהאווען...

אבער אויב בעטהאווען'ס אוועקגיין פון דער וועלט האט געגעבן שטאף פאר לעגענדן, זיינען אבער ניטא קיין לעגענדן וועגן זיין קומען אויף דער וועלט און די ערשטע יארן פון זיין לעבן. ס'איז א געשיכטע פון הארבע פאקטען, א באריכט פון דחקות, הונגער און נויט. מען ווייס, אז דעם 16טן דעצעמבער, 1770, איז אין דער רהיינישער שטאט באנן געבוירן געווארן: א אינגעל, וואס מען האט אים א נאמען געגעבן לודוויג. דאס אינגעל האט זיך געהאדעוועט ביי א מוטער, וואס איז געווען געצאונגען צו ארבעטן אין רייכע הייזער אלס קעכין, ווייל זיין פאטער, יאהאן בעטהאווען, וועלכער איז געווען א טענאר־זינגער אין א כאר, פלעגט זיינע קליינע פארדינסטן פאר'שיכור'ן אין די ביר־הייזער.

אין די ערשטע דריי יאר פון לודוויג'ס לעבן האט זיין זיידע נאך געלעבט און ער פלעגט זארגן פאר די קינדער, אבער ווען דער זיידע איז געשטארבן איז די לאגע געווארן אלץ ערגער און ערגער. זיין מוטער איז קראנק געווארן און זיין פאטער האט געהאלטן אין איין שיכור'ן.

פאר דער צייט האט יאהאן בעטהאווען זיך געכאפט, אז זיין אינגעלע האט גרויס חשק צום קלאוויר. איז אים אריין אן אידעע אין קאפ: אפשר איז זיין אינגעל א וואונדער קינד און א צווייטער מאצארט? דאס שמעקט דאך עפעס מיט געלט און אסך געלט! ער האט ניט פארלוירן קיין צייט און גלייך אנגעפאנגען זיין לודוויג'ן לערנען קלאווער. פון אנהויב איז דאס פאר'ן קינד געווען א שפיל, אבער שפעטער איז דאס געווארן א גיהנום.

דער פאטער האט געוואלט אז זיין אינגעלע זאל ווערן א ווירטואז אין איין טאג, און ער האט מיט צוואנגען אים געהאלטן ביי דער פיאנא טאג און נאכט, גאנץ אפט ווען דער פאטער פלעגט אהיים קומען פון דעם שיינק, פלעג ער ארויסשלעפן דאס קינד פון בעט און אים צווינגען צו זיצן ביי דער פיאנא ביז טאג...

אבער צום גליק פאר דער וועלט האט א דאמאלסדיקער אויסגעצייכנטער פיאניסט, מיט'ן נאמען פפייפער, זיך פאראינטערעסירט מיט'ן קינד און אים צוגענומען פון זיין טאטן. עס האט לאנג ניט גענומען און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דאס קינד מאכט וואונדערבארן פארטשריט און באזיצט א ליידענשאפטליכע ליבע צו מוזיק.

ווען לודוויג איז אלט געווארן 6 יאר האט פפייפער געמוזט פארלאזן באנן. פאר זיין אפפארן האט ער ניט פארגעסן זיין געניאלן תלמוד און אים פארזארגט מיט אן אנדער גוטן לערער.

מיט דעמזעלבן לערער, קריסטיאן גאטלאב ניפע, איז בעטהאווען פארבליבן ביז ער איז אלט געווארן 17 יאר. אין דעם יאר האט ער געמאכט זיין ערשטן באזוך אין וויען, וואו ער האט געוואונען מאצארט'ס אנערקענונג. זיין באגעגניש מיט מאצארט'ן, וועלכער איז שוין דאמאלט געווען וועלט־באריםט, איז אן אינטערעסאנטער עפיזאד:

ס׳איז געווען אין א זומער־טאָג פון 1787. מאָצאַרט איז דאַן געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער אויפפירונג פון זיין אָפּערע „דאָן זשואַן" און אינמיטן דערינען ווערט ער איינגעלאַדן פון א פריינט צו פאַרהערן א „פאַר־שפּרעכנד אינגעל"... ער נעמט אָן די איינלאַדונג, כאָטש זיין צייט איז זייער טייער, אָבער ער גייט אַרויס פון געדולד, ווען ער הערט דאָס אינגעל שפּילן א „זאַך" אויף דער פּיאַנאָ און געפינט ניט מער ווי מיטלמעסי־קייט אין אים. דאָס אינגעל וואָס בײַ דער פּיאַנאָ דערפילט מאָצאַרט׳ס קאַלטקייט און ווייסענדיק, אַז ער האָט באמת גאַרניט באַוויזן, צו געווינען מאָצאַרט׳ס אָנערקענונג, בעט ער זיך בײַם קאָמפּאָזיטאָר, אַז ער זאָל אים שיינקען נאָך אַפּאָר מינוט און אים געבן א טעמע פאַר אימפּראָוויזאַציע. מאָצאַרט האָט אים געטאָן די טובה און וואונדער־קלאַנגען האָבן זיך געגנ־מען שיטן פון דער פּיאַנאָ. דאָס איז שוין געווען ניט קיין פּיאַניסט, וואָס שפּילט אַן אַנדערענ׳ס שאַפונג, נאָר בעטהאָווען אַליין. ס׳איז געווען די ערשטע אַנפּלעקונג פון עפּעס וואונדערליכס, וואָס רייסט זיך מראָיש עולם צו זיין, און מאָצאַרט, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון א זיסן חלום זאָגט צו זיין פריינט: „שיינקט אים די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט! ער וועט ווען־עס־איז אָנמאַכן א טומל אין דער וועלט"...

און וואָס איז עס געווען אַט די וואונדערליכע קראַפט, וואָס האָט זיך געריסן צו „א טומל אין דער וועלט?" ס׳איז געווען דער אָנזאָג פון א מוזיק, וואו דאָס אינטעלעקטועלע מיט׳ן עמאָציאָנעלן קומען זיך צוזאַמען אַן א שום „ויתרוצצו" און טענער „צורניידן זיך" אין דער ברייט און אין דער טיף, און ניט נאָר ווערן פּאַעטישע בילדער געמאָלן אין טענער, נאָר די בילדער זיינען אַזעלכע, וואָס הייבן אָן א קאָנקרעטן אינהאַלט, שוועבנדיק אין ספערן פון ריינער אַבסטראַקציע.

מיט בעטהאָווען איז געקומען די מוזיק וואָס איז געוואָרן אַן אַבסאָלו־טער „תכלית" פאַר זיך אַליין, און גענומען „דערזאָגן" דאָס, וואָס איז געבליבן ניט דערזאָגט, און איז פאַר זיך אַליין געוואָרן א סוד, זיך באַהעפטענדיק מיט דעם סוד פון דער וועלט...

בעטהאָווען איז די גרעסטע רעטעניש. געבוירן אין דורכפאַל, האָט ער שווער און טראַגיש געקעמפט זיין וועג צו טריאומף, און סוף כל סוף איינ־גענומען די וועלט — סימפאַניש.

אָבער ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיין שיקזאַל! אָט איז ער אין וויען, אויפ׳ן וועג צו זיכערן ערפאָלג, מיט אַמאָל א ידיעה פון באָנן: „מוטער האַלט ביים שטאַרבן". שנעל קערט ער זיך אום קיין באָנן און טרעפט זיין מוטער אין די לעצטע מינוטן. ער פילט, אַז מיט איר איז אַוועק זיין בעסטער פריינט. און ער דריקט דאָס אויס אין א רירנדן בריף, וואָס ער שרייבט צו א באַקאַנטן.

דאַן פאַלט אויף אים די פליכט פון א פאַמיליען פאַרזאָרגער. זיין פאָטער האָט זיך נאָך מער גענומען צום שיכור׳ן און ער ווערט דער שפּייזער פון א קאַפּעליע קליינע קינדער, וואָס זיין מוטער האָט איבערגעלאָזן. ער האָט פיינט דאָס לערעריי און האָט זיך א גאַנץ לעבן ניט געקענט צופּאַסן צו אָט דער פּראָפעסיע, אָבער נויט און פליכט צווינגען אים א לאַנגע צייט זיך אָפּצוגעבן מיט לעקציעס.

צום 22טן יאָר פון זיין עלטער איז בעטהאָווען ווידער אין וויען. ער לערנט א שטיקל צייט ביים צווייטן באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר, יאָזעף היידן, אָבער ער קאָן לאַנג מיט אים ניט הויזן.

היידן האלט זיך איז אלטע פרינציפן. און בעטהאווען וויל פון זיי ניט וויסן. א גליק נאר וואס אין דעם דאמאלסדיקן דייטשלאנד האבן צווישן די רייכערע קלאסן זיך געפונען אמת'ע ליב־האבער פון קונסט, און מיט זייער הילף הויבט בעטהאווען אן צו גיין זיין אייגענעם פרייען וועג. עס קומען צען גליקליכע יאר אין דעם לעבן פון דעם גרויסן מייסטער, און צו דעם ערשטן פעריאד פון זיין שאפן געהערן די ערשטע און צווייטע סימפאניעס, דריי טריאס, די „קרייצער סאנאטא" א. א. וו. ער ווערט אויך בארימט אלס פיאנא־ווירטואז און זיין פאפולאריטעט שטייגט.

אבער לאנג האלט ניט אן זיין גליק. ווידער קומט א שווארצער וואל־קען און דער אנפאנג פון זיין גרעסטן אומגליק: ער הויבט אן פארלירן זיין חוש השמיעה, וואס וויטער אלץ ערגער, און אין דעם יאר 1800 כאפט זיך דער אומגליקליכער בעטהאווען, אז ער איז טויב ווי די וואנט! אן אימה איז אים באפאלן. ער איז פיל אומגליקן דורכגעגאנגען, ווי קאן ער אבער פון זיין גרעסטן אומגליק זיך ראטעווען? ער פאלט אריין אין א פארצווייפלונג און שרייט אויס: „יאוש! וואס פאר אן אומגליקליכע רעטונג, און דאך די איינציקע רעטונג וואס איז מיר געבליבן!" אויף ווי ווייט זיין פארצווייפלונג האט דאמאלט דערגרייכט, איז צו זען פון אן אויסצוג פון זיינע בריף אין יענער צייט. ער שרייבט צו א פריינט: „ווען איך וואלט ניט געווען גלייענט, אז א מענטש טאר זיך ניט נעמען דאס לעבן מיט זיין פרייען ווילן, וואלט איך עס שוין לאנג געטאן מיט מיינע אייגענע הענט... איך מוז זאגן אז מיין לעבן איז מיר געווארן נמאס... פאר צוויי יאר צייט האב איך אויסגעמידן געזעלשאפט, ווייל איך קאן ניט שרייען: „איך בין טויב"... איך פארשעלט גאנץ אפט מיין גאנצע עקזיסטענץ"...

אפילו אין זיין צוואה האט בעטהאווען ניט פארגעסן אויסצודריקן אן איוב'שן פראטעסט קעגן זיין גרויזאמען שיקזאל. עס ווערט דארטן געזאגט: „באשאפן מיט א לײדנשאפטליכן טעמפעראמענט, מיט א שטענדיקן פאר־לאנג צו קומען אין געזעלשאפט, דאך בין איך געווען געצוואונגען גאנץ פרי זיך אפצושיידן פון מענטשן, און פירן א צוריקגעצויגענעם לעבן: און ווען איך האב צייטנווייז געפרואווט זיך ארויסצורייסן פון מיין איינזאמקייט בין איך העפטיק צוריקגעשטויסן געווארן פון דעם באנייטן באוואוסטזיין, אז איך בין טויב.... און דאך איז געווען פאר מיר אומעגליך צו זאגן צו א מענטשן: „רעדט העכער — שרייט! איך בין טויב!" איך האב ניט געקאנט פראקלאמירן מיין טויבקייט אין דער צייט, ווען אלע מיינען, אז מיין געהער איז פאלקאמענער ווי ביי אנדערע... וואס פאר א יסורים איך האב דורכ־געלעבט, ווען איינער פלעגט מיר זאגן, אז ער הערט די טענער פון א פלייט ערגיץ ווייט, ווייט, בעת איך הער גארניט.... איך פלעג אין דער גרעסטער פארצווייפלונג אריינפאלן ביים געדאנק אז אימיצער נעבן מיר הערט א פאסטוך־ליד פון ערגעץ ווייט, ווייט, בעת איך הער גארניט, גארניט"...

אט דאס איז געווען די טראגעדיע פון בעטהאווען'ס לעבן! נעבוירן מיט דער איידעלסטער אויער־מעמבריין. האט ער געהערט און געזען מוזיק דארט, וואו אנדערע האבן גארניט געזען און גארניט געהערט: פאר אים איז די גאנצע וועלט געווען אן אומבאארבעטער מאטעריאל פאר סימפאניעס און פלוצלונג — בעטהאווען ווערט גאר טויב!..

ווי טראגיש עס איז געווען, אז בעטהאווען האט זיך געמוזט אויף שטענדיק שיידן פון דער פיאנא, אויף וועלכער ער איז געווען דער גרעסטער ווירטואז פון זיין צייט! זיין טויבקייט האט אין יאר 1802 דע־גרייכט א שטופע, אז ער האט ניט געקאנט הערן קיין שום קלאנג אבער—בעטהאווען

גיט זיך ניט אונטער. ער האט זיך אפילו געגן דער נאטור געשטעלט און געזיגט...

עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז זיינע בעסטע ווערק—אויב ניט די בעסטע שאפונגען אין דער גאנצער מוזיקאלישער ליטעראטור — האט בעטהאווען פארפאסט דוקא דאמאלסט, ווען ער איז געווען פאלשטענדיק טויב... און דאס איז בעטהאווען׳ס גרעסטע וואונדער. זיין ערשט גרויס ווערק, וואס ער האט געשאפן אין צייט פון נאך ניט פאלשטענדיקער טויב־קייט איז געווען די דריטע סימפאניע, בעסער באוואוסט אלס די ,,סינפאניא עראאיקא"· מיט דער דאזיקער סימפאניע איז פארבונדן איינער פון די אינ־טערעסאנטסטע עפיזאדן פון בעטהאווען׳ס לעבן אין זיין צייט.

בעטהאווען און נאפאלעאן.

די ,,סינפאניע עראאיקא" האט פון אנהויב געטראגן דעם נאמען: ,,נאפא־לעאן באנאפארט" דאס איז געווען אן אויסדרוק פון באוואונדערונג צו דעם גרויסן סטראטעגיקער, וועלכער האט פרעטענדירט, אז ער איז געקומען פאר־שפרייטן די קערנער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע איבער דער גאנצער וועלט. און בעטהאווען איז פריער פון אלץ געווען א רעוואלוציאנער, אין פיינסטן זין פון ווארט.

בעטהאווען האט זיך קיינמאל ניט געלאזט באאיינפלוסן פון אזוי גע־רופענע אויטאריטעטן. ,,דער מענטש, האט ער אמאל געשריבן צו א פריינט, דארף זיין פריי און עס איז פאר אים ניטא קיין אויבערהערשאפט איבער דער קעניגרייך פון מענטשליכן גייסט".

אויף ווי ווייט בעטהאווען האט זיך ניט געלאזט בויגן פאר קיין אויטא־ריטעט קאן דינען דער פאלגענדער אינצידענט: ער איז אמאל צוזאמען מיט דעם גרויסן דיכטער געטהע געגאנגען בעגעגנט א פראצעסיע, וואס איז געמאכט געווארן פאר דעם גרויס־פירשט רודאלף, און דער דאמאלסדיקער קעניגין. געטהע האט פארגעשלאגן, זיי זאלן זיך אפשטעלן ביי דער זייט צוזאמען מיט׳ן גאנצן עולם און בעגעגנען די פראצעסיע.

בעטהאווען אבער האט ניט איינגעשטימט צו אזא פארשלאג: ,,ניין — האט ער געזאגט — איך קען גיין אינמיטן!", ער האט זיך דורכגעשפארט דורך דער מאסע און האט זיך געשטעלט אינמיטן גאס, צוזאמען מיט דער גאנצער קעניגליכער סוויטע. דער גרויס־פירשט וועלכער איז געווען א גרויסער פאר׳ערער פון בעטהאווען, האט דאמאלסט באגריסט בפני כל עם ועדה דעם גרויסן קאמפאזיטאר.

בעטהאווען׳ס אן אינטימער פריינט, ארטור שינדלער, שרייבט וועגן אים פאלגענדעס: ,,בעטהאווען איז געווען מיט דער מיינונג, אז דער מענטש זאל האבן אומבאגרענעצטע פרייהייט, און פונקט ווי איינצעלנע מענטשן אזוי דארפן נאציעס זיין פריי. ער האט געגלויבט אז עס איז דאס הייליקע רעכט פון יעדן בירגער אנטיילצונעמען אין דער רעגירונג און זאגן דעות. עס איז געווען זיין זיסטע האפענונג, אז באנאפארט וועט ברענגען גלייכע רעכט פאר אלעמען אין גאנץ אייראפא, און אזוי ארום וועט קומען דאס גליק פאר דער מענטשהייט".

אבער — אויך דא איז געקומען א ביטערע ענטוישונג. עס איז אנגע־קומען צו אים די ידיעה אז נאפאלעאן, זיין אידעאל, איז ניט מער ווי א געוויינליכער אוואנטיוריסט... ער האט דערהערט אז דער ,,וועלט־בא־פרייער" האט זיך געקרוינט פאר קעניג. דאס האט אים ווי א דונער גע־

טראפן... פאר גרויס אויפרעגונג האט ער געכאפּט דעם אריגינעלן מאנוסקריפּט פון זיין „באנאפּארט“ סימפאניע, ארונטערגעריסן פון איר דאס שער־בלאט וואו עס איז געשטאנען אנגעשריבן דער טיטול און עס געטאפּטשעט מיט די פיס, שרייענדיק: „ער איז בלויז א געוויינליכער מענטש!“ און אנשטאט באנאפּארט האט ער דידאזיקע סימפאניע געגעבן דעם אבסטראקטן נאמען „סינפאניא ערואיקא... (העלדן סימפאניע).

דער נאפּאלעאן־אינצידענט האט אויף אים אזוי געווירקט, אז פון דאמאלסט אן האט זיך געביטן זיי גאנצער בליק אויפ'ן לעבן און זיין ארט שאפן האט אנגענומען אן אנדער כאראקטער.

„אין דער „סינפאניא ערואיקא“—שרייבט דער גרויסער פראנצויזישער שריפטשטעלער ראמעין ראלאן — פילט זיך נאך די פרישקייט פון בעטהאווען'ס לעבנס־טאג. דאס איז א סימפאניע פול מיט מענטשליכער פרייד! אבער אין זיינע שפּעטערדיקע שאפונגען פילט זיך שוין אן אנדער גייסט — טענער פון מעלאנכאליע און געבראכנקייט לאזן זיך שוין פילן דא און דארט“.

בעטהאָווען און טאלסטאי.

צו פארדאנקען טאלסטאי'ס ראמאן, וואס טראגט דעם נאמען „קרייצער־סאנאטא“ איז בעטהאווען'ס קאמפאזיציע מיט'ן זעלבן נאמען געווארן שטארק פּאפּולער. עס איז געווארן א מאדע צו הערן די „קרייצער סאנאטא“ מיט טאלסטאי'ס אויערן... מ'קומט צו מיט א פארטיקן פּראגראם: די „פּרעסטא“ איז א געפערליכע זאך, די „אנדאנטע“ אביסל ווייניקער געפערליך און דער פינאל—„דער טייוול ווייסט וואס!“ זיכער אבער איז פאר יעדן איינעם, וואס גלויבט פאזדנישעוו'ן אויפ'ן ווארט. אז קיין מלאכים זינגען ניט ארויס פון „קרייצער סאנאטא'.

עס זיינען אבער פאראן מענטשן וואס האבן א טבע זיך צו באציען אפּיקורסיש צו מכלמרשט'דיקע פעסטגעשטעלטקייטן. טאלסטאי איז טאקע געווען א גרויסער קינסטלער און אין דער אימפּרעסיע פון א קינסטלער קאן מען טאקע גאנץ אפט געפינען דעם קערן פון אמת; אבער פון דער אנדערער זייט ערשיינט טאלסטאי פאר אונז אין א מאנטל פון א פּריידיקער, א מאראליסט און קוקנדיק אויף טאלסטאי דעם פּריידיקער, קאן זיך דער אפּיקורס פארגינען צו צווייפלען אויב די מיינונג, וואס ער לייגט ארײן זיין העלד פאזדנישעוו אין מויל איבער בעטהאווען'ס „קרייצער סאנאטא“ איז אין גאנצן „מסיני“... דאס מערקווירדיקסטע איז, אז פּונקט ווי ס'ציט זיך ווי א רויטער פאדים איבער דעם גאנצן ראמאן יענער נסיון, וואס טאלסטאי דער פּריידיקער, האט געהאט בייצושטיין אנקעגן טאלסטאי דעם קינסטלער, אט פּונקט אזוי פילט זיך די צווייפאכע פערזענליכקייט פון טאלסטאי, ווען ער רעדט וועגן מוזיק בכלל און וועגן דער „קרייצער סאנאטא“ בפרט. מיר זען אז פון איין זייט דעקט טאלסטאי אין א פּאר שטריכן אויף א גרויסן אומבאשטרייטבארן אמת, ווען ער רעדט וועגן דער מאמענטאלער ווירקונג פון דער אומאפּהענגיקער מוזיק. ער זאגט: „מוזיק זעט מיר אויס צו זיין פּונקט ווי דאס געגעצן אדער דאס לאכן. איך האב ניט קיין פארלאנג צו שלאפן, אבער איך געגעץ, ווען איך זע אנדערע געגעצן; איך האב ניט קיין אורזאך צו לאכן און דאך לאך איך ווען איך זע אנדערע לאכן. מוזיק פירט מיר מאמענטאל אריין אין א געמיטס־צושטאנד פון וועלכן דער, וואס האט די מוזיק געשריבן האט זיך אין יענער צייט געפונען. מיין נשמה ווערט פארשלעפּט פון זיינער און צוזאמען מיט אים, געה איך איבער פון איין

געמיטס־צושטאַנד צו אַ צווייטן. אָבער פּאַרוואָס איז דאָס? איך ווייס גאָרניט וועגן דעם! אָבער דער, וואָס האָט געשריבן בעטהאָווענ׳ס „קרייצער סאָנאַטאַ״ האָט גוט געוואוסט, פּאַרוואָס ער האָט זיך געפילט אין אַזאַ צו־שטאַנד און ניט אין קיין אַנדערן. יענער צושטאַנד האָט אים געפירט צו געוויסע האַנדלונגען און דערפאַר האָט עס פאַר אים געהאַט אַ באַדייטונג, אָבער ניט פאַר מיר. און דאָס איז די אורזאַך, וואָרום מוזיק דערוועקט אַן אויפרעגונג, וועלכע ווערט ניט דערפירט צו קיין ענד־ציל. למשל: עס ווערט געשפּילט אַ מיליטערישער־מאַרש, די סאָלדאַטן גייען נאָך דעם טאַקט פון דעם מאַרש און די מוזיק איז געענדיקט. אַ טאַנץ ווערט געשפּילט, און ווען איך האָב געענדיקט טאַנצן איז אויס מוזיק. אָבער סתם אַזוי מוזיק שאַפט אַ שטימונג, וואָס פירט צו אַ געוויסער אומבאַשטימטער „טעטיקייט, וועלכע ווערט ניט דורכגעפירט״.

און טאָלסטאָי האָט גלייך אַ נאָמען פאַר אָט דעם צושטאַנד: אויפרעגונג.

דאָס ביז אהער ציטירטע איז אָן ספק אַ קינסטלערישע עמפּינדונג, אָבער דאָ קומט טאָלסטאָי דער מאָראַליזאַטאָר און ער געהט איבער צו מוסר־זאָגערייַ:

„די אויפרעגונג (וואָס סתם־מוזיק רופט אַרויס) ווערט—זאָגט ער — ניט באַגלייט פון דער זאַך, וואָס דאַרף דערביי געטאָן ווערן (ווי למשל דאָס טאַנצן—י. ר.) און אָט דערפאַר איז מוזיק אַזוי געפערליך און ווירקט אַפּט־מאָל אַזוי מורא׳דיק״.

און טאָלסטאָי געהט דאָ אַוועק אַזוי וויַיט ווי צו ראָטן אונז, אַז מיר זאָלן זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון כינע „וואו מוזיק איז אונטער דער קאָנטראָל פון שטאַט״. שולדיק אין דעם אַלעמען איז בעטהאָווענ׳ס סאָנאַטאַ אָפּוס 47 („קרייצער״), וואָס האָט פּאָזדנישעוו׳ן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ שטימונג, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן זיין אייפערזוכט. טאָלסטאָי גלויבט באמונה שלמה, אַז אין סאַלאָנען צווישן דאַמען, וואָס טראָגן דעקאָלטירטע בלוזן און קאָרסעטן טאָר אַזאַ געפערלאַכע מוזיק ווי די „קרייצער סאָנאַטאַ״ ניט געשפּילט ווערן.

בלייבט די קשיה: איז עס באמת אַזוי שרעקלאַך ווי טאָלסטאָי שילדערט עס פאַר אונז?

דאָס איז אַ קשיה, וואָס קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן מיט אַן אַבסאָלוטן „ניין״, ווייל אין מוזיק קאָן אַ מענטש מיט פאַנטאַזיע אַריינטייטשן אַלץ, וואָס אים גלוסט זיך. „פּראָגראַם־מוזיק״ (מוזיק מיט אַ באַשטימטער אַבסט־ראַקטער אידייע) איז פּונקט ווי דער מן, וואָס די בני ישראל האָבן געגעסן אין דער מדבר: איטלאַכער פילט אין דעם אַ באַזונדערן טעם. עס איז געווענדט, ווי אַזוי איינער נעמט עס אויף.

ווען מען טרעט צו צו „קרייצער סאָנאַטאַ״ מיט דעם געמיטס־צושטאַנד פון אַ פּאָזדנישעוו מוז מען על פּי סברא פילן דעם טעם, וואָס טאָלסטאָי האָט געפילט. און ווי דען קאָן דאָס אַנדערש זיין? פּאָזדנישעוו זאָגט:

„ניט אין אַ שפּיטאָל פון סיפיליטיקער, וואָלט איך געפירט יענעם יונגען מאַן, וואָס גלוסט נאָך פרויען, נאָר אין מיין געמיטס־צושטאַנד...׳

און עס איז שוין אַן אַלטער כלל, אַז ווען מען האָט מורא פאַר׳ן טייוול זעט מען אים אומעטום — אַפילו דאָרט, וואו ער איז ניטאָ.

אמת, מיט די בעסטע ביאָגראַפישע און אַפילו אויטאָביאָגראַפישע פאַקטן אין דער האַנט וואָלט מען ניט געקאָנט געבן קיין צופרידנשטעלנדיקן

5

דאָס איז מיין זעל — פון חלום ערשט ארויס —
דאָס בין איך אזוי ציטיג אויף דער ערד.
און דאָס איז מיין קול אזוי הילכיק־גרויס —
דאָס האָט מיין דור אין חלום מיך געהערט
רייטנדיק צו דער וועלט פון מיין מאַמעס שויס.

דאָס איז מיין צייט — פון רו ארויס —
דאָס בין איך אזוי אומרואיק אין די טעג;
און מיין נאָמען טראָגט זיך דורך גאס און הויז —
דאָס האָט מיין דור גענומען זיך אזא וועג,
וואנדערן אין מדבר, וואו עס וועלקט די רויז.

דאָס איז מיין דור — אין קריג אריין —
דאָס בין איך אזוי בלאַנקיק צושטרייט,
מיט ביקס, האַק, לאַם, מעסער און פיין —
דאָס האָט מיין דור פון אורטרויער זיך באפרייט
אינ'ם קלאַנג פון מיין זעל פון אורשיין.

6

אור־שיין גאָלדענער ברענט איבער'ן שטאָט,
אין אש־שטויב וויקלט זיך דער פלאַם, —
אין שיין פון פלאַם אין מיין טראָט
זינגט דער פרילינג פון דורות מיט טעם
צום יונגן פון זון אויפגעוואכטן גאָט.

אָ, גאָט! מיין פריינט ביסטו!
ביסט מיט מיר אין אומרו, אין טרויער;
פון אלע שטערן שיקסט מיר רו,
ווען ס'באצווינגט מיך א חלום א גרויער.

נאָר איך חלום אין בלוט מיט טאט,
אין דער גערעכטיקייט פון מאַסן ניט גראד,
אינ'ם פלאַנטער וואָס יאָגט מיך דורך זיי.
און אין שטאָט פון שטיינערנע, שטאָלענע ווענט
פלינלט אויף מיין הארץ — צו יעדנס געווענט,
שפרייט אָטעם פון יום טוב און ריחות פון ווי.

7

ריחות פון וויי מערט מיר די ערד.
אויף מיינע ליפּן זאַנפט דער טוי פון וויי.
מיר איז דאָס מזל פון דער ערד באַשערט,
דופטן דורך מיין לייב מיט בלוט ווי שפּריי,
איבער האַלץ, אייזן, שטיין פון זון געגערט.

אין ריי מיט בוימער, בלומען און גראָזן
קאַליר איך ווי טייך, פעלדער און ווייץ —
מיין לייב ליניעט אין שיין בלוט־ראָזן,
מיינע גלידער וויכערן מיט מאַגישן רייץ,
און אין מיינע אויגן שפּילן ווייסע האָזן.

און אין ריי מיט גאַסן, מויערן, קופּאָלן
קאַליר איך ווי האַלץ, אייזן און שטיין —
מיט מיין לעבן פיל איך אָן אלע צאָלן,
נאָר מיין טויט הינטער מיר גייט אליין
מיט שווארצע, ליידיקע שאָלן...

8

דער טויט האָט שווארצע, ליידיגע שאָלן
און דאָס לעבן פילט זיי תמיד אָן —
איבער יעדנס קאָפּ פלאַטערט טויטס־פאָן
מיט תכריכים, קברים אין קונסט געמאָלן.

נאָר דעם דור, וואָס איז שוין געבאָרן
ליכטיגן די יאָרן אנטקעגן — רונדע זונען; —
אין מוטערס לייב האָט א מלאך אים גליק געשוואָרן
ביי דעם בלוט, וואָס איז אין פיין גערונען...

עס איז ביי מיר אָן איינציק קינד געבאָרן,
איך האָב עס אין אומגליק שוין פאַרלאָרן —
אזא הוילער, וואונדיקער וויי מיר געבליבן...
כ'האָב זיין נאָמען אין ערגעץ ניט פאַרשריבן,
קיין קבר אין פעלד ניט געגראָבן,
קיין מצבה ביי זיין קאָפּ ניט געשטעלט —
אין זיבן שעה איז פאַרגאַנגען זיין וועלט,
און עס טראָגן אים ערגעץ שווארצע ראָבן..

פייגל

פונם פלאטער פון א פליגל
אויף מיין בלינדן טרויער,
טוט מיר פארן זין א שפיגל
אזא שיין א בלויער.

דו מיט דיינע בלויע אויגן
פליגלסט אויף מיין זינען,
און צינדסט אן א רעגנבויגן
איבער די רואינען.

פון מיין אפגע'חרוב'ט לעבן
ביז אצינד, אציינדער,
נעמען פאר די אויגן שוועבן
טעג ווי קליינע קינדער.

טעג האלב נאקעטע און ווייסע
קעפלאך־גאלדענע קוילן,
עפעס אזא שיינע מעשה
גארנישט צו דערציילן.

בלויז אזוי פונוויטנס קוקן
קוקן מיט די אויגן
ביז זיי הויבן זיך טוקן
און — אוועקגעפלויגן.

פליען, פליען ערגעץ פייגל —
טעג פון יונגן טרויער.
פונם פלאטער פון א פליגל
אויף מיין בלינדן טרויער.

כ׳האָב געשוואוירן

כ׳האָב געשוואוירן צו פאַרליבן זיך —
אין קיינעם ניט — אין קיינעם ניט —
נאָר אומגיין אויף דער וועלט אזוי—
פאַרלוירן נאָר — נאָר זוכנדיק —
זוכנדיק פאַרלוירענע —
פאַרלוירן, ניט געפינענדיק —
און ליבן ליבן קיינעם ניט —
אַ קיינעם ניט — אַ קיינעם ניט!

אז איך וועל זען

אז איך וועל זען
דו פאַרסט אוועק—
וועל איך שמייכלן.
דיך מיט פרייד
באַלאָדן אויף דיין וועג.
און ווענסטו ווייט שוין זיין,—
וועל איך וויינען אין דער שטיל,
און נאָך דיר בּיינקן.

צו...

צוויי מאָל איז ער מיר געקומען שוין צו חלום—
פרייד — מיין פרייד!
צוויי מאָל האָט ער מיך שוין ליב ארומגענומען —
פרייד — מיין פרייד!

—און צוויי מאָל אויך פון זיך מיך אפּגעשטויסן—
שרעק, מיין שרעק!
—אפּגעשטויסן —
און מ׳ער צו זיך שוין ניט גענומען —
און אין חלום מער צו מיר שוין ניט געקומען—
שרעק— מיין שרעק!

ר. וו. עמערסאן

SELF-RELIANCE

אידיש פון ש. ווייסמאן

כ׳האב ערשט ניט לאנג געלייענט אייניקע לידער פון א בארימטן מאלער. אייגנארטיקע און ניט געוויינלאכע לידער. וואס זייער אינהאלט זאל ניט זיין, הערט אונזער נשמה א ווארנונג, וואס קומט פון אזעלכע שורות. דאס געפיל, וואס זיי ווייען אויף אונז ארויף, האט מער ווערט איידער די גרעסטע געדאנקן וואס זיי ענטהאלטן. צו האבן אמונה אין דיינע אייגענע געדאנקן, צו גלויבן אז דאס וואס איז אמת פאר דיר אין דיין אייגן הארץ איז אמת אויך פאר אלעמען—דאס איז גרויסקייט.

גיב אויסדרוק צו דיין שטומער איבערצייגונג, און זי וועט ווערן דער זין פון דער וועלט, ווייל דאס טיף אין־זיכיקע ווערט אלעמאל דאס ברייט־דרויסנדיקע, און אונזער ערשטער געדאנק דערטראגט זיך ווידער צו אונז מיט דעם שאלן פון דעם שופר של משיח.

די גאר גרויסע ווערט, וואס מיר שרייבן צו צו א משה א פלאטאן און א מילטאן איז וואס זיי האבן מבטל געווען ספרים און טראדיציעס, און האבן אויסגעדריקט ניט עמיצנס מחשבות, נאר זייערע אייגענע. א מענטש זאל זיך אויסלערנען צו דערקענען און באוואכן דעם ליכט שטראל וואס האט אויפגעבליצט איבער זיין מח און אין די טיפנישן פון זיין נשמה גיכער איידער די הימלישע ליכטיקייט פון זינגער און חכמים. ער, אבער, פאר־טרייבט פון זיך, אן שום אויפמערקזאמקייט, זיין אייגענעם געדאנק, נאר דערפאר ווייל ער איז זיינער.

אין יעדן גרויסן ווערק דערקענען מיר אונזערע אייגענע, פארשטויסענע געדאנקען. זיי קערן זיך צוריק צו אונז מיט א מין דערוווייטערטער מאיעס־טעטישקייט. דאס איז די רירנדסטע לערע, וואס גרויסע קונסט ווערק ברייינגען אונז. זיי לערנען אונז זיך פעסט צו האלטן ביי אונזערע ספאנ־טאנע איינדרוקן מיט א מין גוטמוטיקער עקשנות, און אמשטארקסטן דאן ווען אלעמענס געשריי איז ניט אויף אונזער זייט. ווייל אויב ניט וועט מארגן א ווילד פרעמדער מייסטערהאפט און קלוג אויסדריקן דאס וואס מיר האבן געטראכט און געפילט די גאנצע צייט, און מיר וועלן זיין געצוואונגען אויפצונעמען מיט פיל בושה אונזערע אייגענע געדאנקן פון אנ׳אנדערן.

ס׳קומט א צייט אין דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון יעדן מענשן ווען ער דערשלאגט זיך צו דער איבערצייגונג אז קנאה איז אומוויסנהייט, אז נאכאמונג איז זעלבסטמארד; אז ער מוז זיך האלטן ביי דאס זייניקע, בעסער—ערגער, ווי אלס ביי זיין איינציק חלק; אז כאטש די ברייטע וועלט איז פול מיט גוטס, קען קיין קערנדל פון נארהאפטן ווייץ ניט אנקומען צו אים אן זיין שווערער מי, וואס ער וועט אוועקגעבן דעם שטיקל ערד, וואס איז אים איבערגעגעבן געווארן צו באארבעטן. דער כח, וואס געפינט זיך אין אים איז א נייעס אין דער נאטור, און קיינער אויסער אים ווייסט ניט וואס דאס איז אזוינס וואס ער קען אויפטאן, און ער אליין אפילו ווייסט אויך ניט ביז ער האט זיך ניט אויסגעפרובירט. ניט אומזיסט געשעט עס דאס איין פנים, איין כאראקטער און איין פאקט מאכט אויף אים א שטארקן איינדרוק און אנ׳אנדערער ניט. אט דער געבוי אין זיין זכרון האט זיך זיין פאראויס־באשטימטע הארמאניע. זיין אויג האט זיך אפגעשטעלט דוקא דארט וואו איין געוויסער שטראל איז געפאלן, נאר צוליב דעם אז עס זאל

קענען דערציילן וועגן דעם שטראָל. זאָל ער מוטיק אויסדריקן אפילו די לעצטע זילבע פון זיין ודוי.

מיר גיבן זיך אַ גאָר קנאַפּן אויסדרוק, און מיר שעמען זיך גאָר מיט דער געטליכער אידעע וואָס יעדערער פון אונז שטעלט מיט זיך פאָר. זאָל מען נאָר האָבן פולן צוטרויען צו איר אַז זי איז גלייכגעוויכטיג און וועט פירן צום גוטן, אויב זי וועט נאָר געטריי איבערגעגעבן ווערן. אָבער גאָט וויל זיך ניט לאָזן אַנטפּלעקן דורך פייגלינגע. נאָר אַ געטליכער מענטש קען אַרויס־ברענגען עטוואָס געטליכעס. אַ מענטש דערפילט זיך פריי חדוה'דיק ווען ער האָט אַריינגעטאָן זיין האַרץ אין זיין אַרבעט אַריין, און האָט געטאָן זיין בעסטעס, אָבער דאָס ניט דערזאָגטע און ניט־דערטאָנענע וועט אים ניט לאָזן רוען. ס'איז אַ באַפרייאונג וואָס באַפרייט ניט. אין אָט דעם פאַרזוך פאַרלאָזט אים זיין געני; ס'ווייזט אים קיין פריינדשאַפט ניט אַרויס קיין מוזע, קיין ערפינדונג, קיין האָפנונג.

האָב צוטרויען צו זיך: יעדנס האַרץ וויברירט צו דער אייזערנער סטרונע. נעם אָן דאָס אָרט וואָס די השגחה עליונה האָט פאַר דיר אָנגעמאָסטן, די געזעלשאַפט פון דיינע צייט־מענטשן, די פאַרבינדונג פון די געשעענישן. די בני עליה האָבן אַלעמאָל אַזוי געטאָן, האָבן זיך, אויף אַ קינדערשן שטייגער אָנפאַרטרויעט צום גייסט פון זייער צייט, און האָבן, ניט ווילנדיק אַרויסגע־וויזן זייער געפיל אַז דער קדוש ברוך הוא באַוועגט זייער האַרץ, אַרבעט דורך זייערע הענט און באַהערשט זייער גאַנצן וועזן. און יעצט זיינען מיר אויס־געוואַקסן און מוזן זיך אונטערוואַרפן באַהבה צו דעם זעלבן איבער־ערדישן גורל. לאָמיר זיין ניט ווי די וואָס ווערן פאַרשטופּט ערגעץ אין אַ ווינקל, ניט ווי די פייגלינגע וואָס אַנטלויפן פאַר דער גרויסער ענדערונג, נאָר ווי אויס־לייזער און מענשטן פריינט; לאָמיר הייליק שטרעבן צו זיין די איידעלע מאַטעריע אין די הענט פונ'ם אַלמעכטיקסטן. לאָמיר מוטיק שפּרייזן אַריבער דעם כאַאָס און דאָס פינסטערניש.

וואָסערע אמת'ע באַווייזן גיט אונז די נאַטור וועגן דעם ענין אין דער געשטאַלט און אין דער באַנעמונג פון קינדער, און אַפילו פון ווילדע באַשעפע־נישן. ניכאָ ביי זיי די אומזיכערקייט און ווידערוווילן פון געמיט, אויך ניט דער אומצוטרוי צו זייער געפיל, וואָס שאַפט זיך ביי אונז נאָר ווייל מיר רעכנען אויס מיט אונזערע קליינליכע חשבונות די כוחות און די מיטלן וואָס שטייען אין געגנערשאַפט צו אונזערע צילן. ווייל זייער ציל איז נאָך גאַנץ, איז זייער אויג אומבאַזיגט, און ווען מיר קוקן זיי אין פּנים אַריין, דערפילן מיר זיך אומצופרידן מיט זיך. קינדהייט וואַרפט זיך צו קיינעם ניט אונטער, אַלע וואַרפן זיך אונטער צו איר; אַזוי אַז איין קליין קינד פאַר־וואַנדלט פיר אָדער פינף גרויסע אין קליינע קינדער, וואָס פּלאַפּלען און טוען תפלה דערצו. און אַזוי האָט גאָט באַוואָפנט אויך די יוגנט, און די מאַנליכקייט מיט אַן אייגענער שאַרפקייט און צויבער, האָט זיי געמאַכט פול מיט חן און גרויסקייט, מיט אייגנשאַפטן וואָס לאָזן זיך ניט מבטל מאַכן, אויב נאָר זיי וועלן זיך ביי זיי פעסט האַלטן.

האַלט ניט אַז דאָס יונגע בחור'ל באַזיצט ניט קיין אינערליכע קראַפט נאָר דערפאַר ווייל ער ווייסט ניט ווי צו רעדן מיט דיר און מיר. הער! ווער רעדט דאָס אַזוי קלאָר און שאַרף אין צווייטן צימער? ס'ווייזט אויס אַז ער ווייסט ווי צו רעדן צו זיינס גלייכן. מחשבותן! דאָס איז דאָך ער! דאָס איז דאָך דערזעלבער שעמעוודיקער און אומגעלומפּערטער בחור, וואָס האָט שוין וואָכן לאַנג גאָרנישט געטאָן נאָר געגעסן, און יעצט דונערט ער אַרויס פון זיך די ווערטער ווי שווערע גלאָקן־קלאַנגען. ס'ווייזט אויס אַז ער ווייסט ווי

אזוי צו רעדן מיט זיינע חברים! שעמעוודיק אדער חוצפה'דיק, ער ווייסט שוין ווי אזוי צו לאזן פילן אונז, די עלטערע אז מיר זיינען איבעריק.

די זארגלאזיגקייט פון אינגלאד וואס זיינען זיכער מיט זייער מאלצייט, און וואס וואלטן עס באטראכט פונקט ווי א לארד פאר אנ'ערנידערונג עפעס צו טאן אדער זאגן אום מיט וועמען ס'ניט איז שלום מאכן. אט דאס איז דער געזונטער שטאנדפונקט פון דער מענטשליכער נאטור. ווי שטארק דאס אינגל באהערשט די געזעלשאפט! ער איז גאנץ אומאפהענגיק, אומ־פאראנטוואורטליך: פון זיין איינעגעם ווינקל ארוים באטראכט ער די מענטשן און זאכן וואס גייען אים פארביי. גיט איבער זיי ארוים זיין אורטייל און שטראף פאר זייערע מעשים, און אויף זיין אייליקן און לעבעדיקן אופן בא־צייכנט ער זיי אלס גוטע, שלעכטע, אינטערעסאנטע, נארישע, וואויל־רעדנערס און צרות־אנטוער. ער קימערט זיך קיינמאל ניט וועגן פאלגן און צילן. ער גיט ארוים זיין אונאפהענגיקן און הערליכן אורטייל. דו מוזט זיך חנ'דלן צו אים, ער וועט עס ניט טאן.

אבער דער מאן ווערט ווי פארשטיקט אין תפיסה איבער זיין באוואוסט־זיניקייט. האט ער נאר עפעס געטאן אדער קלאר זיך אויסגעדריקט איז ער שוין ווי א געבונדענער; ער ווערט באוואכט דורך דער ליבשאפט אדער פיינד־שאפט פון הונדערטער, מיט וועמענס געפילן ער מוז זיך איצט רעכנען. ניטא פאר אים אזא זאך ווי פארגעסן! הלואי וואלט ער ווידער געקענט אריבערגיין צו זיין נייטראלער געטליכער אונאפהענגיקייט!

דער וואס קען פארגעסן אלע זיינע התחייבותן, און כאטש ער האט שוין איינמאל געזען, ווידער אמאל קוקן מיט דער זעלבער אומבארירטער, אומפארטייאישער, אומאפקויפבארער, און אומדערשראקענער אומשולדיקייט מוז זיכער האלטן מענטשן אין מורא, און ארויסרופן די ווארימע אויפמערק־זאמקייט פונ'ם פאעט און פון דעם גרויסן מענטשן. ס'לאזט זיך פילן די קראפט פון אזא אומשטערבליכן בחור. ער וועט אויסדריקן מיינונגען וועגן אלע געשעענישן פון טאג, וועלכע וועלן איבער זייער דרינגענדער נויטווענ־דיקייט ארייזינקן אזוי ווי פיילן, אין די אויערן פון דער וועלט און זי איבער־שרעקן.

אין אונזער איינזאמקייט הערן מיר די שטימען, אבער ווי מיר קומען נאר אין בארירונג מיט דער וועלט ווערן זיי וואס שוואכער און אונהער־בארער. די מענטשליכע געזעלשאפט איז אומעטום אין א פארשווערונג קעגן דער זעלבסט־שטענדיקייט פון יעדן איינעם פון אירע מיטגלידער. זי איז א מין אקציאנס געזעלשאפט, אין וועלכער די מיטגלידער זיינען מסכים, אום זיכער צו זיין מיט זייער ברויט, אויפצוגעבן זייער רעכט אויף פרייהייט און גייסטיקייט. די געזעלשאפט פארלאנגט פון יעדן די מידה טובה פון אונ־טערטעניקייט. זעלבסט־צוטרויען איז ביי איר פארהאסט. זי האט ניט האלט ווירקליכקייטן און שאפער: בלויז נעמען און טראדיציעס זיינען אירע ליבלינגע.

דער וואס וויל זיין א מענטש, מוז זיך אפשיידן פונ'ם כלל. דער וואס וויל אונשטערבליך זיין טאר זיך ניט לאזן פארפירן דורך דעם נאמען „גוטס־קייט", נאר ער זאל צוערשט אויספארשן צי ס'איז גוטסקייט. סוף כל סוף, איז קיין זאך ניט הייליק אויסער די גאנצקייט פון אונזער נשמה. באפריי זיך אליין און דו וועסט קריגן די אנערקענונג פון דער גאנצער וועלט.

איך דערמאן זיך אנ׳ענטפער וואס כ׳בין אמאל געצוואונגען געווען צו געבן א חשוב׳ן בעל יועץ מיינעם, וועלכער פלעג מיך באלעסטיקן מיט די ליבע, אלטע קירכן־לערן. ווען כ׳האב אים געזאגט: „וואס האב איך צו טאן מיט דער הייליקייט פון טראדיציעס. אז איך לעב מיר נאר לויט די געזעצן פון מיין נאטור“; האט ער מיר באמערקט: אבער ס׳קען דאך זיין אז די געפילן דיינע קומען גאר פון טייוול און ניט פון די עולמות העליונים. אויף דעם האב איך אים געענטפערט: „איך גלויב ניט אז זיי זיינען אזעלכע, נאר אויב איך בין יא דעם טייוול׳ס קינד, וועל איך לעבן לויט דעם טייוול׳ס געבאטן“.

קיין געזעץ קען ביי מיר ניט הייליק זיין, אויסער דאס געזעץ וואס שטראמט פון מיין נאטור. ג ו ט און ש ל ע כ ט, דאס זיינען בלויז נעמען, וואס מ׳קען זיי לייכט צושרייבן צו דעם אדער צו יענעם: אבער נאר דאס איז גוט וואס שטימט מיט מיין נאטור, און נאר דאס איז שלעכט וואס איז קעגן איר.

דער מענטש דארף זיך באציען צו אלצדינג וואס איז קעגן אים מיט א בטול, גלייך ווי אלצדינג וואס איז אויסער אים איז ניט מער ווי א טפל און א צייטווייליקע זאך. איך שעם זיך ווען איך טראכט ווי לייכט מיר גיבן זיך אונטער צו אויפשריפטן און צו נעמען, צו גרויסע געזעלשאפטן און צו אינסטיטוציעס. יעדער אנשטענדיקער און גלאט שאפטן אין די טויטע אינסטיטוציעס. יעדער אנשטענדיקער און גלאטצינגיקער מענטש האט איבער מיר מער איינפלוס אין ממשלה ווי ער איז עס ווערט. איך וואלט געדארפט ארומגיין מיט א דערהויבענעם קאפ און מיט א פריילאכן געמיט און אומעטום זאגן דעם דרייסטן אמת. אויב רשעות און קליינליכקייט באצירן זיך מיט׳ן מאנטל פון פילאנטראפיע, זאל איך דאס פארשווייגן? אויב א צורייצטער היפאקריט נעמט זיך אן פאר דער גערעכטער קריוודע פון די פארשקלאפטע, און קומט צו מיר מיט די לעצטע נייס בארבאדאס, פארוואס זאל איך צו אים ניט זאגן: גיי דיר און האב ליב דיין קינד, דיין האלץ־העקער; זיי פריינטליך און באשיידן: האלט זיך ביי דער מדה טובה, אבער זאלסט קיינמאל ניט באפוצן דיין פארהארטעוועטע, און רחמנות׳לאזע אמביציע מיט אט דער אונגלויבליכער ליבשאפט צו שווארצע מענטשן טויזנטער מיילן ווייט פון דיר. דיין ליבע צו די ווייטע איז ניט מער ווי שנאה, צו דיינע נאענטע“. אמת, אזא ברוך הבא וואלט געווען הארב און ביטער, אבער דער אמת איז שענער איידער דער אנשטעל פון ליבע. דיין גוטסקייט מוז האבן א ברעג. ווען ניט, איז דאס גארניט ווערט.

מ׳מוז אנהויבן פריידיקן די לערע פון שנאה אלס א געגנגיפט צו דער לערע פון ליבע, ווען זי ווערט קליינליך און פאלש. ווען מיין גייסט רופט מיך, דאן מייד איך אויס טאטע־מאמע, ווייב און ברודער. כ׳וואלט גערן אויפגעשריבן אויף די ווינקלן פון מיין טיר „קאפריז“. אמת איך האף אז ס׳איז פארט עפעס בעסערס ווי קאפריז, אבער מיר קענען דאך ניט פרשווענדן דעם גאנצן טאג מיט ערקלערונגען. ערווארט ניט פון מיר אז כ׳זאל דיר אנגעבן אורזאכן פארוואס איך זוך אויף אדער פארוואס איך מייד אויס געזעלשאפט. און ווידער זאלסטו מיר ניט דערציילן דאס וואס איינער א גוט־הארציקער מענטש האט מיר היינט שוין דערציילט, אז ס׳איז מיין חוב אוועקצושטעלן אלע ארימע מענטשן אויף א גוטן מעמד. זיינען זיי דען מ י י נ ע ארימע לייט? איך זאג דיר, דו נארישער פילאנטראפ, אז מיר טוט באנג פאר דעם דאלאר, דעם צען־סענט־שטיק, אדער דעם סענט וואס איך גיב אוועק פאר מענטשן ניט פון מיין קרייז. ס׳איז דא א קלאס מענטשן צו וועמען כ׳בין

צוגעבונדן דורך קייטן פון גייסטיקער נאענטקייט: פאר זיי וואלט איך אין געפעננגניש געגאנגען ווען נויטיק. אבער דיינע פארשידנארטיקע פאלקס־צדקות: דאס ערציען שוטים אין די אוניווערזיטעטן: דאס אויפבויען פאר־זאמלונגס פלעצער צוליב'ן פוסטן ציל, צוליב וועלכן פילע אזעלכע שטייען שוין: צדקה צו שכורים, און צו אנדערע טויזנט־פאכיקע צדקה־אנשטאלטן: — אמת, כ'בין מודה מיט בושה אין הארצן אז כ'גיב זיך אפט אונטער און גיב אוועק א דאלאר, אבער ס'איז א פארשאלטענער דאלאר. וואס איך וועל אמאל האבן גענוג מוט צוריקצוהאלטן.

(ווייטערס אין צווייטן נומער)

חיים טאלמאטש

קונסט און מנשה

בא מנשה'ן איז שטוב האט אומגעשפאצירט די קונסט מיט א גרויסן אנשטעל. די באלעבאסטע איז אין שטוב ניט געווען. מנשה'ן אליין האט מען אויך לאנג ניט געזען. געסט זיינען געקומען ווינציק און אז זיי זיינען געקומען, האבן זיי זיך אויף דער קונסט אויך ניט שטארק אומגעקוקט...

איז דער קונסט בא מנשה'ן אין שטוב געווארן ענגער, פרעמדער, און אומעדיקער.

און אז אין דרויסן איז טונקל געווארן, אויף די אנגעהויכטע שויבן האבן גענומען זיך שפליטערן די פארנאכטיקע טראפנדלאך, איז אויף דער קונסט א שווערע אומרו געפאלן. אז אומרו וואס האט פון פענסטער די פארהאנגן געריסן, און צו ווייטע הימלן זיך געצויגן. אויף די הימלן זיינען טויזנט יאריקע וואלקנס געלעגן איבערגעלייגט ווי גרויע האנטיכער, און אין זייערע באהאלטענע פאלדן, האט זיך א שטילע ביינקשאפט געשלייערט... געשלייערט און געצויגן צו ווייטע, ווייטע האריזאנטן. די קונסט מיט אנגעטרערטע אויגן האט ארויף געקוקט צום בלויען הימל, נאכגעקוקט די ציענדיקע וואלקנס, און ס'הערצל איז געווארן ברייטער, פרייער און פרייער. און געטראכט האט זי אז עפעס האט די שטומע וועלט אויך א שטיקל ביינקשאפט אין איר הארצן, די גרויסע בידנע וועלט...

אז די אומרוה איז אוועק, האט קונסט פרייער אפגעאטעמט, צוגעגאנגען צו דער קליידער שאפע, אנגעטאן א לאנגע שלעפקלייד מיט שמאלע ארבל, זיך דורכגעשפאצירט איבערן שטוב, און א טראכט געטאן: מ'האט באדארפט דעם לאמפ אנצינדן. א רחמנות אויפ'ן לאמפ, ער פינסטערט דאך די יארן זיינע אפ דא... און אז ער שיינט איז אויכעט בלויז צו זיי, די שטומע קעמלן אויפ'ן טעפיך וואס טראגן נעבאך אזוי שווער מנשה'ס ארץ ישראל ביינקשאפט... אמת, ער ווארפט אמאל א בלייכן שיין אויך צו די בראנז רעליעפן, צו די קופער רויטע טאצן, אויפ'ן האלצשניץ, שטום אבער און טונקל בלייבן קריג און וואזעס, שטום און טונקל ווי די גאלד באראמטע בילדער אויף די ווענט וואס וויקלען זיך אין זייער אייגן שווייגן. שווייגן שווייגט נאר ניט א זילבערנע קמיע, דערציילט דו ליבע הייליקע קמיע...

מנשה

אז מנשה איז נאך גאר א יונגער בחור'ל געווען האט ער שוין דערפילט אז עפעס האט די וועלט פאר אים א גרויסע מיסיע צוגעגרייט, נאר וואס די

מיסיע זיינע דארף זיין, האט ער ניט געוואוסט, איז ער ארויס אין גאס געקויפט אפאר גרויסע שווארץ־באראמטע שפאקולן און זיך ארויסגעלאזן זוכן די מיסיע זיינע...

אין גאס איז געווען יום טוב, נאר דער יום טוב איז נישט געלעגן אויף דער גאס, ווי דער שיין פון יום טוב ליכט אויף פארנאכטיקע שויבן, נאר ערגעץ אין דער לופט; און אז מנשה איז ארויס אין גאס האט עס אים גע־צויגן ווי ס׳ציט א טיפער אפגרונט דעם גלאטן אויבערפלאך פון א לויפנדיקן טייך.

אויף איינע פון די גאסן האט זיך פארזאמלט א רעדל מענטשן; אינמיטן פונ׳ם רעדל איז געשטאנען א רעדנער און געשאטן מיט אידייען וואס פון זיי האט מנשה שוין לאנג, לאנג געטראכט און דאס הארץ האט בא אים גענומען קוועלן פאר באגייסטערונג, געקוואלן ווי אין א ברונען דאס וואסער . . .

געקוואלן, געקוואלן, און געקוואלן . . .

קונסט האט ניט פארבלאנדזשעט צו מנשה׳ן אין שטוב, פרייד און שמייכל האט איר אהין איינגעלאדן, און אז מנשה האט געזען אז קונסט טרעט אריבער זיין שוועל, האט אן אינערלאכע פרייד אין אים גענומען שלאגן, א פרייד וואס האט זיך אנגעהויבן אין איין ערגעץ, און זיך געענדיקט אין א צווייטן ערגעץ . . .

איז דער קונסט בא מנשה׳ן אין שטוב זייער גוט געווען, ווארים קונסט האט ליב, אז מען זאל זיך מיט איר באגייסטערן, אז ניט, איז זי אויס קונסט . . .

מנשה האט יעדן טאג געציילט די פערל פון איר האלז, דורך זיינע ווארימע פינגער דורכגעזיפט די גאלדענע לאקן, און יעדן ווארט פון אירע ליפן אויף אויסנווייניק געלערנט. נאר אז מנשה האט איינמאל גענומען אריינשמייכלן זיין שטענדיקן שמייכל דער קונסט אין די אויגן, און אויף זיינע ווייסע ציין האט זיך עפעס גענומען לייגן א הינטישע אונטערטעניקייט, האט קונסט א ציטער געטאן, אפגעקערט דעם קאפ, צוגעמאכט די אויגן, און געבליבן זיצן אין שווייגן. „קונסט, מיט אירע קאפריזן“, האט מנשה געטראכט.

קונסט האט זיך אויפגעהויבן פון ביינקל, צוגעגאנגען צו דער קאנאפע אנגעשפארט זיך אן ווייכן קאפ און געטראכט, אז אין יעדער פרייד מוז זיך כאטש א דינער פאדעם פון טרויער דורכציען, אז ניט איז די פרייד קיין פרייד ניט...

און טראכטנדיק האט זיך איר קאפ א דריי געטאן צו מנשה׳ן. מנשה איז געזעסן א פארטרויערטער, געוואוסט אז מער פון אלץ איז שולדיק זיין אומבאגרעניצטע באגייסטערונג, ווארום אלע מענטשנס באגייסטערונג האט גרענעצן, און זיינע ניט, און אויף זיין גלאנציק פנים האט זיך א וואלקן פארכמורעט.

דער טרויער אז אנגעשפאנטער, האט אומגעבלאנדזשעט פון איין ווינקל פנים צו א צווייטן, געזוכט פאר זיך א ווינקעלע, זיין שטן צו פארשפרייטן און ניט געפונען, ווארים מנשה׳ס פנים איז אומעטום אויסגעפילט געווען ביז צו זיינע אויגן ווינקלען, און אז טרויער האט ניט געהאט וואו זיך צו לעגן, האט ער זיך גענומען בלאנדזשען, איז עס מנשה׳ס שמייכל ניט געפעלן געווארן, ווארים מנשה׳ס שמייכל איז ניט ווי אלע שמייכלען, וואס ליגן אין די ווינקע־לאך פארבארגן און ווארטן. מנשה׳ס שמייכל איז ניט קיין פארבאהאל־טענער, צו מ׳דארף אים, צו מ׳דארף אים ניט, איז ער שטענדיק אויף דער וואך... און אז טרויער האט גענומען ארייננדרינגען אין זיינע גרעניצן, האט שמייכל פראטעסטירט; און שמייכלענדיק פריער טיף אין זיך, דערנאך אלץ פרייער און פרייער, ארויס פון זיין באהעלטעניש, און זיך צושמייכלט. דערפאר איז דארט די קונסט אזא פארטרויערטע געווען...דערפאר — —

רעזאָנאַנסן

דורכגעבלעטערט א. ריינוויינס ביכל, „געשיכטע פון די אידן אין קאַ־נאַדע (!)“, אזש פון דער פראנצויזישער פעריאָדע ביז דער לעצטער צייט.

מיר זאָגן „דורכגעבלעטערט“, ווייל לעזן קאָן מען עס ניט. ס׳איז ניטאָ וואָס צו לעזן.

דאָס וואָס ריינוויין גיט אונז איז ניט נאָר הימלווייט פון א געשיכטע פון די קאַנאַדער אידן נאָר עס האָט אפילו דעם מינדסטן ליטעראַרישן ווערט ניט.

אַלץ וואָס ריינוויין האָט געטון, איז געווען איבערצושרייבן אינגאַנצן אַ פּאַמפלעט, וואָס איז מיט א זעקס יאָר צוריק ערשינען אין מאָנטרעאַל, צוזאַמען מיט שטיקער פון דעם אַרטיקל „קאַנאַדע“ אין דער אידיש־ענלי־שער ענציקלאָפּעדיע. ער האָט אויך אויסגענוצט עטלאַכע אַרטיקלען פון א באַקאַנטן קאַנאַדיש־אידישן שרייבער, און דאָס אַלץ איז די „געשיכטע“.

און גלייך אין זיין פאָרוואָרט נעמט ער מיט אייך אויס א תנאי אז „ער האָט ניט ליב צוגריבלען זיך אין פּערזאָנען אדער פּאַסירונגען“; טאַקע, צו וואָס זיך גריבלען? אַז אַ פּאַרטיקע זאַך איבערשרייבן איז אַסך לייכטער...

אבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. טשיקאַווע זיינען די גרויסע האַנשפּרונגען וועלכע ער מאַכט שמירנדיק דעם וואַסערדיקן שטאָף וועלכן ער רופט געשיכטע — אָט די קפיצות ווייזן אייך וואַסער א גרויסער היסטאָריקער ער איז. גלייך אין איינעם פון די ערשטע קאַפּיטלאַך דערציילט ער אייך אַלץ מיט אַן אַנדער וועגן דזשעסי דזשאָזעף, און ערשט אין א שפּעטערדיקן אַרטיקל וועגן הזקל האַרט. דער אונטערשיד איז דאָ באַלד א יאָר הונדערט. האַרט איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער „אַסעמבל“ אין 1808; דזשאָזעף איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל אין 1904... ער גיט אייך אָן וויפיל אידן עס האָבן אין וויניפּעג זיך געפונען אין 1911 און וויפיל אידישע אימיגראַנטן עס זיינען אין 1915, אפילו אריינגעקומען אין לאַנד איידער נאָך איר געפינט ביי אים א האַלבן וואָרט ווי אזוי דער אידישער ישוב אין וויניפּעג איז ענטשטאַנען. און אזוי ווייטער.

אַפּנים אַז אזוי האָט די אידישע געשיכטע אין קאַנאַדע זיך אַנטוויקלט. אָט ווי ער שרייבט עס—מיט די פּיס אַרויף.

אויב עס איז נויטיק אז די אידן פון קאַנאַדע זאָלן לייענען זייער גע־שיכטע, דאַרפמען דאָך זיי דערציילן די אמת׳ע געשיכטע? אויב זיי דאַרפן וויסן פון א „רויטן האָן“, אַ „גראַגער“, (אויסגאַבן אזוינע) פאַר וואָס זאָלן זיי אויך ניט וויסן פון די גוטע ליטעראַרישע אויפטואונגען וואָס איז אויך א שיכות צו זיי?

אין 1921 האבן א גרופע יונגע דיכטער אין מאָנטרעאל ארויסגעגעבן צום ערשטן מאָל אין קאַנאַדע א קינסטלערישן חודש זשורנאַל, מיט'ן נאָמען „ניואַנסן“, אונטער דער רעדאַקציע פונ'ם טאַלאַנטפולן דיכטער י. י. סיגאַל. דריי נומערן זיינען דאַן ערשינען. און אין דעם זעלבן יאָר זיינען אויך אין מאָנטרעאל דערשינען צוויי ביכער לידער פון די יונגע דיכטער: א. ש. שקאָלניקאָוו'ס — „פאַר א ברענענדיקער זון“, און י. י. סיגאַל'ס—„באַזונדער“. און אין 1922 איז אויך דערשינען פון דער זעלבער גרופע דיכטער איז מאָנטרעאל, דער גרויסער מוסטערהאפטער זאַמל־העפט „עפּאָכע“, אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל, א. אַלמי און א. ש. שקאָלניקאָוו, און דערנאָך ערשט די אומפּעריאָדישע העפטן „רויערד“. אויך אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל. אַלץ ערשטע ליטעראַרישע אויפטואונגען אין קאַנאַדע. און אין דער זאַגענאַנטער ריינוויין געשיכטע פון קאַנאַדער אידן, איז וועגן די פּיאָנערישע אַרבעטן גאָרניט דערמאַנט, אפילו א וואָרט ניט. דערפאַר האָט איר דאָרט אַלץ אויסער א געשיכטע. די אמת'ע געשיכטע שרייבט עמיצער אַנדערש, וואָס וויים און קאָן שרייבן געשיכטע פון די אידן אין קאַנאַדע.

א. ש.

זיצט ניט ליידיק אין קאַנטרי ! ! ! !

דורך די צוויי חדשים וואס איר וועט זיין אין קאַנטרי, קענט איר אויסשטריקן א שעהנעם סוועטער פאר אייך אליין, פאר אייער מאַן אדער חתן, אדער פאר אייערע קינדערלאך, אדער א מתנה פאר אייער בעסטן פריינט.

W. BARASH

1241-43 סט. לאָרענס בולוואַרד

האָט א גרויסן אויסוואל פון אלערליי וואָל און זייד

וואָל ווערט פארקויפט ביים פונט. מיר האָבן אויך פארטיקע סוועטערס

איידער איר פאָרט אין קאַנטרי קומט אריין צו אונז !

דער אָפיס פון

דר. ה. גאַרבער

געפינט זיך איצט אין

33 ESPLANADE AVE.

Montreal

Tel. Belair 5946

אַן אמת׳ער אפטייק

ניט קיין אייז־קרים פארלאָר

S. SHMERLING

27 PRINCE ARTHUR ST. E.

Tel. Plateau 0911-5908

— אין רעכטן ביזנעס צענטער —

1431 BLEURY STREET

צווישן סיינט קעטרין און אנטעריאָ גאַסן

צוקערמאַנ׳ס רעסטאָראַן

חתונות, באנקעטן, פארטיעס און גלאַט אזוי ווען עס הונגערט אייך, קומט אריין צו מיר, איר וועט ארויסגיין א זאטער און צופרידענער

אמת׳ע פראַנטן קויפן ניט קיין פארטיקע מלבושים, נור לאָזן זיך מאכן צום מאָס ביים עקספערט מענער־שניידער

נ. שיפ

134 ST. CATHERINE ST. W.

Tel. Plateau 2970

ביים דרייען אייער זייגער פון „סטענדערד“ אויף „דיי־לייט“, האָט איר אַוואַדע איבערגעדרייט דאָרט עפּעס א פרוזשינקע, קומט אריין צו אונז וועלן מיר אייך אָנשטעלן אייער זייגער אזוי אז ער זאָל האַלטן די ריכטיקע צייט.

זזאַלערשטיין און פרידמאַן

עקספערט זייגערמאכערס

795a ST. LAWRENCE BLVD.

Phone, Lancaster 2003

עטאבלירט אין יאר 1901

געלט געשיקט אין דאלערס און אויסלענדישע וואליוטא אויף דער גאנצער וועלט צו די ראַיעלסטע טעגליכע פרייזן. פאסט אפיס ברענטש, טעלעגראמען און קייבל אפיס.

שיפקארטן פארקויפט

ELIAS ILIEFF & CO., Inc.

510 St. Lawrence Blvd.

Tel. Plateau 1320



מענער קליידער

לויט די נייעסטע ניו־יארקער מאדע, ווערן אמבעסטן געמאכט

— ביי —

S. SHIP

MEN'S CUSTOM TAILOR

נאר וואס אריבערגעקליבן זיך אין א נייעם און גרעסערן פלאץ

1219 ST. LAWRENCE BLVD.

Tel. Belair 4772

אויב איר דארפט ניט איצט, וועט איר אפשר שפעטער דארפן

געדענקט זשע !!!

EX-LAX—עקס-לאַקס

מאנטרעאלער פארטרעטער

H. SINGER

Druggist

87 LAURIER AVE. WEST

Tel. Belair 2730

לויט דעם אידישן דין, איז א געפלעקט מלבוש טמא.

לויט היגיעניע איז עס ניט געזונט;

לויט דער אנגענומענער עטיק איז עס גלאט ניט שעהן צו טראגן א געפלעקטן מלבוש;

פון עקאנאמישן שטאנדפונקט דויערן ריינע קליידער לענגער, ווייל די אומריינקייט פרעסט אויף די סחורה;

לויט אלע שטאנדפונקטן דארפט איר האלטן אייערע קליינען ריין!

און דער בעסטער וועג דערצו איז

טעלעפאנירט קאלומעט 2345 אדער 4223, און אונזער ספעשעל סערווים מאן וועט צו אייך קומען, אוועקנעמען אייערע מלבושים. און אין אפאר טעג ארום וועט ער זיי צוריקברייננן און טאקע ווי נאר וואס פון דער נאדל ארויס.

American Dyers & Cleaners

TELEPHONE, CALUMET 4223-2345

מיר באַגריסן די דערשיינונג פון

„קאַנאַדע"

אדלער, צילי, סי גייט, ניו־יאָרק
באַרסקי, ה.
בלוישטיין, ס.
בלום, ל. ס.
ברוין, מ. ל.
גאַרבער, דר. ה.
גאָלדבערג, משה
גאָלדסמאַן, ל.
גאָרעליק, דר.
דושאָף
האָלענדער, איזידאָר און חנה, ניו יאָרק
הערשביין ברידער
וויזענבערג, ל.
ווינגדאָר, א.
זיידעל, י.
מאגיד, יוסף
מייערסאָן, נחום
מייערסאָן, משה
סקולניק, מנשה און שרה ניו־יאָרק
סימאָנאָף, ה., אָטאַווא, אָנט.
עלשטיין, לואיס לאָס אַנדזשעלעס, קאַל.
ערדעלבערג, ה.
פּאָליסוק, ס.
פּאָטעל, א.
פּאָקס, י. ל.
קייזערמאַן, ח. מ.
שאַפּראַן, יוסף
שאַרף, דוד
שווארץ, ב.
שווארץ, פישל

נאָך אייער
יוניאָן אדער פאַראיין
מיטינג, קענט איר
פאַרזעצן אייערע
דיסקוסיעס אין דעם

ניי - געעפנטן
באַנקעט-זאַל

אין פאַרבינדונג
מיט

פ. ביטלער'ס
קאַווע און טיי הויז

קאָר. סט. לאָרנס און פרינץ אַרטור

ביי אַ גלעזל קאַווע מיט צובייסן
אַרגומענטירט זיך בעסער.

L A D I E S !

DON'T YOU KNOW

— THE —

National Ladies Tailors

THE MOST UP-TO-DATE
READY-TO-WEAR

Shops of Service where the good will of the morrow is of vastly more importance than the sale of to-day.

מאַכט אייער באַזוך אין איינעם פון
אונזערע 2 ערשט־קלאַסיקע סטאָרס

126 ST. CATHERINE ST. W.
Tel. Plateau 2564

38 ST. CATHERINE ST. E.
Tel. East 8082

"CANADA"
A LITERARY MAGAZINE

H. HERSHMAN, Sec'y
[redacted] 1102 City Hall ave.
MONTREAL, Que.

ARTISTIC PRINT SHOP

פרייז 25 סענט

קאַנאַדע

פעריאָדיש-ליטעראַרישער
זשורנאַל

צווייטער נומער

25 סענט

אָקטאָבער, 1925. מאָנטרעאַל

קאַנאַדע

פּעריאָדיש-ליטעראַרישער זשורנאַל

רעדאַקטירט פון י. ראַבּינאָוויטש און א. ש. שקאָלניקאָוו.

אַבּאָנענטן פּרייז: יערלאַך — $2.50
איינצעלנע נומערן — 25ס.

מיט רעדאַקציאָנעלע און געשעפט איינגעלעגנהייטן זיך ווענדן:
1102 City Hall Ave., Montreal

אינהאַלט:

לידער — — — — — — — — — — — — — — — י. י. סיגאַל
ווייבּער (אַ שפּיל אין איין אַקט) — — — — — — ח. טאָלמאַטש
ליד — — — — — — — — — — — — — — — — אשר ראזען
לידער — — — — — — — — — — — — — — — אסתר סיגאַל
ליד — — — — — — — — — — — — — — — — אײדא מאַזע
בּעטהאָווענ'ס סוד (סוף) — — — — — — — — י. ראַבּינאָוויטש
ליד — — — — — — — — — — — — — — רבקה רויזענבּלאַט
פילאָזאָפיע — דער אייבּיקער פּראָמעטעאוס — — — — א. אלמי
פייגע לאה די משוגענע (דערציילונג) — — — — אַגנעס קאָהן
לידער — — — — — — — — — — — — — — בּרוך קאצענעסלאָן
Self-reliance (עסיי) — — — — — — — — — ר. וו. עמערסאָן
לידער — — — — — — — — — — — — — — א. ש. שקאָלניקאָוו
בּריוו פון ניו יאָרק — — — — — — — — — — — י. י. סיגאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — — — חיים קרול
ה. לייוויק (אָפּהאַנדלונג) — — — — — — — — — פּעסיע כהנא
ווענן מינקאָוון — — — — — — — — — — — — א. ש. שקאָלניקאָוו
מנורה זשורנאַל — — — — — — — — — — — י. י. ראַבּינאָוויטש
רעזאָנאַנסן

לידער מיינע

לידער, לידער מיינע, איך באשווער אייך,
נידעריקער, נידעריקער זאלט איר זיך פארבייגן,
פול מיט בושה זאלן זיין אייערע אויגן,
אזוי ווי מיינע אויגן.

אין דער שטענדיקער עניוות
קלייבן ליכטיקע קערנער
איבער אייך וועט זיך צעוואקסן גרויסע ליכטיקייט —
א הירש מיט גאלדענע הערנער.

לידער, לידער מיינע — איך פארווער אייך
גיין איבער די בלענדנדיקע גאסן וואו עס זינגען
תאוה'דיקע פריידן אויף קרישטאלענע פלויטן.
ביי די ווענט פון אלטע שטיבער,
אין שאטן פון אלטע, אלטע נויטן
זאלט איר זיך שארן,
אזוי ווי איך.

לידער, מיינע לידער.
איר זענט דאס גאלד פון מיינע פינסטערע נאכטיקע היילן.
איר זענט דאס מיסט פון מיינע גרויע שוועלן,
וואו איך זיץ און ווארט אויף מיין טויט.

לידער, לידער מיינע, איך באשווער אייך.

אפשר

איך ווייס ניט
צי האסטו מיין געבעט אינגאנצן שוין פארנומען.

אין די אווענטן קומט אן אין קילן שיין פון מיינע פענסטער
אזא מין לייכטענדיקע שיינקייט און א גוטסקייט.
פרילינג גליט מיט ווארימע הענט
די דעכער און די שוועלן פון די קליינע דארפשטיבער,
טייכלאך ווערן פרומער הימל.

איצטער קומען אויך נאך וויסטע טעג,
נאר פונ'ם אינדערפרי וואס בלויט איבער מיין שוועל ווי אן אויג
שיינט זיך דורך די טרייסט פון לויטרן אוונט.
איך קום אהיים פון יאך
מיט מידן שווייגן.
עלנטע ווערטער ווייגען אינדערשטיל
און ווערן איינגעשלאפן.

אין די פענסטער קוקט די וועלט
מיט מוטערליכער גרויסער גוטסקייט.

פרייד און פרייד פון מילדן גאָלד
פון העברסטיקן בית־עולם איבער מצבות —
די אָוונטן ביי מיינע פענסטער.

אָ, אַלטע צייט

דאָס קלאסיש־קלאָרע בלאָט פון דעם וואָס איז אוועקגעגאנגען —
אין יענע ווינטערדיקע קאלטע און פארלאָזטע נעסטן.
דאָס ליכט וואָס שפרייט זיך ריין און פריי איבער'ן אויסגעטראָטענעם
שליאך.
דער פרידן וואָס פאָכט מיט זיינע ווייסע פליגל איבער אים.
אָ, אלטע צייט, דו הערסט ניט די פארקאָוועטע טריט איבער דיין וועג,
דו הערסט ניט דאָס געשריי פון פיבערדיקן ברייטן פיסק
וואָס ס'שרייט ארויס פון זיך דאָס וואָלפיש בלוט נאָך פייעריקן זעט,
נאָך דעם שווארצן ברויט פון די פארשלאָסענע שפייכלערס.
איך קאָן ניט אויסהערן און קאָן ניט טראָגן אויף מיין הארץ
דאָס שטומפיק־פינסטער קול פון קנעכטישן חיל.
אָט ברעכט עס אויף דעם איינגעשלאָסענעם שפייכלער.
אָט ליגט עס אויסגעלייגט איבער'ן וועג און פרעסט זיין ערליך רויב
און הויבט זיך מער ניט אויף און בלייבט אזוי אין פוילער זעט,
און זיצט אויף זיינע הארטע קני און שימלט איין אין זאטער פעט.
וואקסט ארום אים אויף דאָס ברודיק האָב און גוטס
און אונטער אים — דאָס פעסטיקע געשטאנק פון בלוט און שמוץ.

ווי מעוועןאונזער לעבן

ווי מעוועןלייכטע, ווייסע איבער'ן גרויסן גרויען וואסער אין א טריבן טאָג,
וועט דורכציען דאָס לעבן אונזערס אזוי לייכט און אומדערהערט.
עס צופליען אין דער לופט אונזערע רייד, מעלאָדיש און מאָנאָטאָן,
און אונזערע וואונטשן פיקן גרויע קערנער אינ'ם צופאל פון מיטנוועג.
אונז דאכט זיך אויס: מיר וועלן צונעמען די פליגל און ס'וועט אלץ
ליכטיק ווערן
אויף אונזער אויסגעשפרייטער און צעוואקסענער לייד,
וועט רעגענען מיט גאָלדענער דערפרישונג.
נאָר איינגעהאלטן ליגט דער ווילן אין זיין קאלטער שווערקייט.
אונטער דער אפאטיע פון אונזערע מאכטלאָזע פליגל,
וועט דורכציען דאָס לעבן אונזערס אזוי לייכט און אומגעהערט,
נידעריק, נידעריק ביי דער ערד...

סעפטעמבער

גינגאָלדענע הערבסטיקע שעה'ן,
מיט אברים שווער־מיד און האלב־טויט.
דער הימל מיט פליגל בלאָע
זיין ליכטיק געגאָד צושפרייט.

מיט ליכטיק־פאר'חלומ'טע אויגן
דער זומער גייט דורך אויפ'ן וועג.
בוימער מיט ביינקיע צווייגן

אין אומעטיק־צארטן שרעק.

קיל־בלאָע קלויסטער־קופּאָלן
פון די צלמים פון גאָלה אין דער הויך,
ווי פון הערבסטיקע רויטע טאָלן,
זיך־זילבערדיק דינער רויך.

טוט א הירזשע א פערד אין די שטאָלן —
ווארימער אומעט און קעלט.
און טייכן ווי וואָלקנס, ווי שאָלן —
שטומער געוויין אויף דער וועלט.

איצטער

איצטער שטייט שוין א מצבה אויף דיין קבר.
שטעט און פעלדער האָבן מיך פון דיר דערווייטערט.
תמיד אָבער שטייט פאַר מיר די וואַנט פון שטוב מיט'ן פענסטער
ביי וועלכן דו פלעגסט זיצן אין נאָכמיטאָגדיקער מידקייט.
פון דער גאנצער שטוב פון יענער לעבט דאָס פענסטער אין מיין געדעכעניש.
פון דער גאנצער צייט — די שעה'ן גרויע נאָכמיטאָג
און די גאָלדענע גלעזער טיי,
אויף די בלוי־געקווייטלטע שאָלן.

שטארקער ווינטער הערשט אין ווייטן מאָנטרעאָל.
טיפע שנייען דעקן איין די טעג און נעכט די ציטערדיקע.
ווייטע אומענדליכע ווייסע מיילן ציען זיך צו מיר פון דעם בית עולם.
פון דיין קליינער מצבה.
און איך קאָן ניט קומען,
איינאטעמען אין זיך דיין רו.
אָפּרייסן די אויסגעשפּינטע ווייטקייט,
און ווארימען מיין הארץ ביי דיין שטיין.

קאַלטער זילבער־שפּינוועבס שוועבט שוין אין דער לופט פון מיין יוגנט.
פריער ווינטער קלאַפּט מיט פּראַסטיקע פינגער אין מיינע נאַכטיקע
פענסטער.
רופן מיך אין וועג פון קעלט און ווינט.
איך שרעק זיך ניט.
לייכט ווי א הויך ליגט די נאכט אויף מיינע ברעמען.
גרינג ווי א קראנקער שמעטערלינג איז דער שלאָף ביי מיין צוקאָפּענס
און ער שטארבט אין מיטעננאכט.

אלע ווייסע לאנגע מיילען פון דיין קבר ביז צו מיר,
וועלן אויסרינען, וועלן אנטלויפן, וועלן אויסוועבן.
איך וועל מיין קליינע האנט אויסשטרעקן צו דיר פון בעט אראָפּ,
און דיין ווייסע געטריי האנט וועט אנטקעגן קומען.
און אָננעמען מיין האנט,
שטיל, מיט גרינגע באַרוועסע פיס,
אין ווייסן לאנגען העמד,
וועסטו מיך אוועקנעמען
אין דיין אייביק הויז.

ווייבער

(אַ שפּיל אין איין אַקט)

פּערזאָנען:

פריידע — אַ ברויט בעקערין
גרשון — איר זון
האָדל — זיין פרוי
געליע — אַ טאָכטער
העניע — אַ באַלעבאָסטע
דענים — אַ מילנער
כוואָדאָסיע — אַ גויאישע באָבע
אברהם — אַ קברות מאַן שכנות

פרימאָרגן, אין שטוב איז אויסגעשאָטן געלער זאמד. ביים הרובע ליגן עטלאכע שייטלאַך האָלץ. די פאָדער טיר איז פארשפּארט, הארט בּאַ דער טיר שטייט אַ קופערט איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט. אויפ'ן קופערט פריש געבאַקן ברויט, אויבן אַן אראָפּהענגענדיקער שטיינגל מיט צוויי בלעכענע שאָלן. אין ווינקעל אַ טיש, אַ קאַנאָפּע, צוויי שמאָלע בענקלאַך, דער טיש איז פארשפּרייט מיט אַ האַנטאַך, ברויט סקאָרינקעס, ברעק־לאַך, אַ ליידיק פלעשל, און צוויי גלעזלאַך. רעכט, נאָענט צום קופערט אַ טאַפּטשאַן, אויבן אַ מולטער, צוגעדעקט מיט אַ רויטער קאָלדרע.

פריידע, אין אַ מעל פארשטויבטן קאָפּטל, שאַבּט אָפּ בלעטער פון ברויט, איר פּנים גלאַנצט; גרשון זיצט ביים טיש און קוקט אריין אי זאַ ספר; געליע שלעפּט צו אַ דייזשע צום הרובע, שאַבּט אויס פארטריקענטע טייג און וואַרפט אין הרובע אריין.

פריידע (צו גרשונען): וואָלסט אפשר געהאָלפען געליען ארייננעמען דעם מולטער אין קיך אריין? אין שטוב איז קאַלט און די ראָשצינע וועט ניט אויפגיין.

פריידע מ'דארף ניט, מ'דארף ניט, איכ'ל אליין אריינטראָגן.

פריידע: נאָך וואָס? דו ווילסט זיך נאָך, מיינע שונאים, אָנמאַכן צרות? שוין געהערט? — אליין וויל זי די דייזשע שלעפּן.

גרשון: וואָס אַרט דאָס דיך? זי וויל אליין — זאָל זי אליין. זי מיינט דאָך אַז זי וועט אימיצן אויסשטראַשען!

פריידע: אַז רק מ'קען זיך ניט צולאָדען. ווייסט ניט וואָס מ'האָט צווישן זיך ניט צוטיילן? דעם טאַטנ'ס דלות! אי קינדער, קינדער! (געליע גיט אַ נעם דעם מולטער, וויל טראָגן. פריידע לויפט איר נאָך, כאַפּט אונטער. אין טיר הערט זיך אַ קלאַפּן).

גרשון: נאַ טאָיע דוועריו! (אויף יענער טיר!) עס קומען אריין העניע און פריידע).

העניע: פארגעסן אַז ביי דיר איז די טיר אַ צוגעשפּארטע. אין דרויסן איז טונקל, ט'אָוואָדע שנייען היינט.

פריידע: געוואָרן קאַלט אויף אַן אמת, אַז מ'גייט ארויס כאַפּט פאר'ן הארצן.

ה ע נ י ע: כ'האָב געוואָלט פֿאַרשפּאָרן דײַן געליען אַ גאַנג. אײַן לעבל ברויט וועט זײַן גענוג, פֿריידעניו, מאָרגן איז דאָך שוין פֿרײַטיק, און זונטיק וועט דאָך מירצעשעם זײַן פֿרישער.

פֿ ר ײ ד ע אַז גאָט וועט שײַנקען געזונט — אַוודע! (לייגט אַרויף אַ לעבל ברויט אויפֿן וואָג, קוקט צום צײַנדל, די שאָלן וויגן זיך). נו, מילא, ס'איז דאָך ניט קיין גאָלד... אַ גילן מיט פֿיר. (העניע ציילט).

ה ע נ י ע: וואו איז ערגעץ האָדל? שלאָפֿט נאָך?

פֿ ר ײ ד ע: מוז נאָך ליגן אין בעט.

ה ע נ י ע: סט'איר ניט געדאַרפֿט לאָזן זיך צופֿיל אײַנליגן אין די טעג.

פֿ ר ײ ד ע: נו, וואָס זאָל איך טאָן? זי פֿאָלגט דען? אַוודע האָט זי איצטער ניט געטאָרט צופֿיל ליגען. אַז ערשטלינג. נאָר גייט מאַכט מיט איר.

ה ע נ י ע: מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט שוין געדאַרפֿט די טעג גיין אין בעט אַרײַן, ניין?

פֿ ר ײ ד ע: איר מיינט אַז איך ווייס? נאָך מײַן חשבון האָט זי שוין געדאַרפֿט זײַן אין בעט פֿון צוויי וואָכן. נאָר גייט ווייסט בײַ די ציגן! (בײדע שמייכלען גוטמוטיק).

ה ע נ י ע: אָט זאָגט איר, זי זאָל צוקומען צו מיר, דער מילנער איז איצט בײַ מיר אין הויף. איך וועל איר אָנשיטן אַביסעל האָבער אין פֿאַר־טוך צוטראָגן זײַן קליאַטשע.

פֿ ר ײ ד ע: זי וועצאָך שעמען.

ה ע נ י ע: ווער וועט דאָס זען?

פֿ ר ײ ד ע: איכ'ל איר זאָגן.

ה ע נ י ע: ט'אַוודע זײַן אַ אינגל. כאָטש מ'זאָגט יאַקבי אַז מיידלאָך פֿאַרשפּעטיקן זיך.

פֿ ר ײ ד ע: מ'קען מיינט איר וויסן? אַלע זאָגן אַז סט'זײַן אַ אינגל.

ה ע נ י ע: מ'זעט דאָך נאָכ'ן טראָגן אַז סט'זײַן אַ אינגל. וועט זײַן אַ נאָמען צום יאָר...

פֿ ר ײ ד ע (זיפֿצט): יע, ערשט פֿאַראַכטאָגן געווען זײַן יאָר־צײַט. ט'נאָך פֿאַרכאַפּט צו זײַן בײַם בן־יחיד'ס חתונה (טרויעריג) אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז ער איז שוין אַ גאַסט.

ה ע נ י ע: וואָס איז דאָ צו ריידן? מ'האָט דאָך שוין געזען אַז ער דאַרף שטאַרבן. נו, מסתמא איז דאָך שוין אַזוי באַשערט! צו וואָס אויפֿדעקן אַלטע וואונדן?

פֿ ר ײ ד ע: ס'איז בײַ מיר, העניע, ניט קיין אַלטע וואונד. כ'האָב נאָך אפֿילו אויף איין מינוט ניט פֿאַרגעסן. מ'קען ניט פֿאַרגעסן! (וויינט).

ה ע נ י ע: דאָס וואָס די ערד דעקט צו, פֿריידע, מוז מען פֿאַרגעסן! נו, און אַז ער האָט זיך געמוטשעט איז געווען בעסער?

פֿ ר ײ ד ע: בעסער, ערגער — ס'איז מיר אַלעמאָל געווען גוט. נאָר פֿונדעסטוועגן, אַז ער האָט געזשיפּעט איז מען נאָך עפּעס פֿאָרט געווען מיט לייטן גלײַך. אין שטוב איז אויך געווען אַנדערש. אמת, קיין פֿאַרדינער— זאָל ער מיר מוחל זײַן—איז ער טאַקע ניט געווען. צו לייטן אָבער איז מען דאָך ניט אָנגעקומען...

ה ע נ י ע: אײ, פֿריידע, פֿריידע! מ'טאָר ניט זינדיקן! כ'לעבן, מ'טאָר ניט! ס'זײַנען פֿאַראַן ערגערע, אַ סך ערגערע!

פֿ ר ײ ד ע: פֿאַראַן, אמת. נאָר איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט: פֿרעמדע פֿרייד איז קיין פֿרייד ניט און פֿרעמדער צער איז קיין צער ניט.

העניע: נו, און גרשון טוט נאָך אַלץ גאָרניט?

פריידע (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט): אַך! — — — (קוקט צי ער הערט ניט. רעט שטיל) ער איז דאָך מיין זון, נאָר קיין ליט, האָב איך מורא, העניע, וועט פון אים ניט זיין. אַ רחמנות נעבעך אויף איהר, אויף האָדלען.

העניע: פונדעסטוועגן פלעגט ער דאָך אַמאָל גיין, העלפן, דאָ, דאָרט?

פריידע: מ'שטיינס געזאָגט, וואָס ער פלעגט שוין דאָרט העלפן! נאָר גאָר ניט, מיט אים איז נאָך געוועזן אַ האַלבע צרה. איצט איז דאָך גאָרניט! טאָקע גאָלע גאָרניט! איר מיינט מיר שווייגן? אי איך, אי געליע... די וואַנט ענטפערט — אַזוי ענטפערט ער. ווייסט איין זאַך — דעם בית־מדרש. אמת, תורה איז טאָקע זייער אַ שיינע זאַך. אָבער העניע־לעב, די נשמה קען מען דאָך ניט אויסשפּייען! די שטוב סטראַכירן דאַרף מען, די בהמה, אַ שטומע צונג — אַ ביסל קלייען, אַ שטיקל מאַקוכע... כ'ווייס, איך דאַרף אייך דערציילן? וואו זאָל מען דאָס נעמען?

העניע: טאָקע שלעכט, אַ רחמנות טאָקע אויפ'ן ווייבל. אַ שטיל ווייבל!

פריידע: וואָס רעט איר, אַ שטילע — אַ טויב! (העניע פאַריכט זיך די פאַטשיילע).

העניע: אַ רחמנות טאָקע, אַ רחמנות... נו, מ'דאַרף שוין גיין. אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג!

פריידע: הויבט אויף די האַנט, וויל עפּעס זאָגן און כאַפּט ניט) אַט גוט טאָקע וואָס כ'האָב מיך דערמאָנט: כ'האָב געוואָלט צושיקן צו אייך מיין געליען נאָך אַביסל איינגעמאַכץ. פאַר איר, פון האָדלס וועגן...

העניע: אַ פראַגע אַביסל צי איך האָב פון האָדלס וועגן איינגע־מאַכץ! שיק איר טאָקע היינט צו. אַ גוטן, אַ גוטן! (אָפּ).

פריידע (גייט צו נעענטער צום קיך. רופט): געליען! געליע! די גויע האָט שוין געבראַכט וואַסער, צי ניין?

געליע: שוין געבראַכט צוויי פּאָר.

פריידע: טאָ שטעל־זשע טאָקע צו אַ טעפּל ציקאָריע אין אויוון, און דעם גרויסן טשאָהון פאַר דער בהמה אַביסל פּוילע אָנוואַרימען. (אין דער טיר הערט זיך אַ קלאַפּן).

גרשון (הויבט זיך אויף): נאַ טאַיע דווערי! (אויף יענער טיר!) (עס קומט אַריין דעניס, נאָך אים געליע).

דעניס: אָר־וואַ, קאַלט געוואָרן. מ'זיין אַ פריער ווינטער (צו פריידען) גוט מאָרגען, באַלעבאָסטע!

פריידע: גוט מאָרגן אונז, גוט מאָרגן! (לייגט צו די האַנט צום מויל. רעט צו זיך) ט'שוין זיין עפּעס נייס. דער מכשף איז שוין דאָ! (צו געליען) נו גיי שוין צו צו אים, אַן אורח אויף שבת!...

געליע: אָט ווען ער גייט אַריין מאַכסטע אָן אַזאַ שרעק, אַז איך הויב שוין באַלד אויך אָן פאַר אים מורא האָבן!

פריידע: מורא? ער איז ניט קיין בער, נאָר פונדעסטוועגן זאָל ער דאָס בעסער באַ זיך אין בוזם אָוועקטראָגן, וואָס ער האָט אונז גע־בראַכט....

דעניס (צו געליע'ן): ברענג נאָר אַ קוואַרטשירעלע מיטן רויטן בלעטעלע... (געליע גייט אָפּ). ער נעמט אַרויס אַ מעסערל, לייגט אַרויף זיין רימענע טאָרבע אויפ'ן טיש, נעמט זיך שניידן קליינע שטיקלאַך

חזיר. געליע ברענגט אים צו דאָס פּלעשעלע און ער נעמט זיך קלאַפּן אין האַנט און רעט) : גרויס געוואָרן די טאָכטער דיינע, פריידע ! אַ גרויס מיידל געוואָרן ! (טרינקט).

פריידע : זאָלסט דיר אין די אויגן, טאַטע פּאַטער. אַ דערקאַטש דיר אין האַרצן, פּאַטער געטרייער !

דעניס (דרייט זיך אויס) : עפּעס זעט מען ביי דיר קיין מענשן ניט היינט.

פריידע : מענטשן זיינען איצט פּאַרנומען. מ'שיט אַריין קאַר־טאָפל אין די גריבער, מ'שטעלט אַריין די טאָפּעלע פענסטער.

דעניס : אין שטאָט איז מען שטענדיק פאַרנומען. (הויבט זיך אויף, נעמט אַרויס אַ פאַרשמאָלצן בייטעלע מיט מאַכאָרקע, טאַפּט דאָרטן אָן אַ מטבע און גיט געליען. דרייט זיך אויס און קוקט צו פריידען) : שוין דאַכט זיך באַלד אַ יאָר אַז דיין אַלטער איז געשטאָרבן, ניין ? יאָ, טאַקע, אין אָט דער צייט ! אַ גוטער מענטש געווען, דיין אַראָן... אַ גוטער מענטש! דעם טאַטן זיינעם נאָך געקענט. אויך אַ סאָוואָסטנער מענטש געווען. ניט געבליבן קיין סך אַזעלכע. (הויפּט זיך אויף און רעט ווי צו זיך) ניט גע־בליבן, ניט געבליבן ! (גייט אַרויס).

פריידע : נו, איז ער ניט קיין מכשף ? רבונו של עולם, אַז דאָס וואָס ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט די נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר, זאָל נאָר אויסגיין צו זיין קאָפּ !

גרשון : אידן טאָרן דאָך ניט גלויבן אין קיין כישוף. נאָר ווען ער גייט אַריין גיט מיר אַזאַ טשאָבק אין האַרצן, אַזוי ווי עפּעס וואָלט זיך מיר אָפּגעריסן.

פריידע : וואָס רעדסטע ? אַז איך דערזע אים נאָר אויפ'ן שוועל פאַלט מיר ממש איין די דמים...

געליע : די מאַמע און דער זון ! פאַרוואָס האָב איך ניט מורא ?

גרשון : שפּילסט זיך עפּעס מיט איר !...

געליע : אַז איך זע ניט וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבן פאַר אַ לעבעדיקן מענטשן ! מילא, פאַר אַ טויטן האָט מען מורא. און אָט זאָל מיר עמיצער געבן פינף רובל וואָלט איך אפילו צוועלף אזייגער ביינאַכט געגאַנגען אויף די מאָהילקעס.

גרשון : יאָ, אויף די מאָהילקעס וואָלסטע אפשר ניט מורא געהאַט, אָבער אויפ'ן הייליקן אָרט וואָלסטע אויך געגאַנגען ?

פריידע : זע נאָר ! טפו אויף אייך ! צוויי נאַראָנים האָבן זיך צו'דרשנ'ט ! זי — דער העלד אין גאַטקעס, און ער — דער מאַנסביל מיינער !...

געליע : אויך מיר אַ מאַנסביל ! כאַ־כאַ כאַ ! (לאַכט הילכיק).

פריידע : צאַך צוקאָוואַליעט, דער פוסטער סמיך . . .

געליע : שאַ, מאַמע, היינטיקע נאַכט האָט זיך דיר גאָרניט גע'חלומ'ט ?

פריידע : טאַקע גע'חלומ'ט... אויף פוסטע וועלדער זאָל עס נאָר אויסגיין !

געליע : נו, דערציייל אַקאָרשט, מאַמע, וואָס ס'האָט זיך דיר גע'־גחלומ'ט.

פריידע : פאַר אַ נאַר דערציילט מען גיט קיין חלומות ! (געליע לאַכט און גייט אַריין אין קיך).

פריידע (צו גרשונען) : מיינסט מיר האָט זיך טאַקע היינטיקע נאַכט ניט גע'חלומ'ט אַ מאָדנער חלום ?

גרשון: אַ חלום איז אַ נאַר.

פריידע: זאָג נאָר, גרשון, אין די הייליקע ספרים איז עפּעס פאַראַן וואָס מ׳טאָר אַ טויטן קיין שלום ניט געבן?

גרשון: אין די ספרים איז דאָס ניטאָ, נאָר מ׳זאָגט, אַז אַ טויטער נעמט ניט קיין שלום...

פריידע (אַביסל דערשראָקן): נו, און אַז ער נעמט?

גרשון: אַז מ׳ווייסט אַז ס׳איז אַ טויטער — גיט מען ניט!...

פריידע (פאַר זיך): נאָר צום גוטן, טאַטע פּאָטער! נאָר צום גוטן!

גרשון: מ׳זאָגט, אַז אַ טויטער ברענגט עפּעס צו אַ קראַנקן, איז אַ סימן אַז ער וועט געזונט ווערן.

פריידע: און אַז... נו, אויף פּוסטע וועלדער, אויף פּוסטע פעלדער... טפוי!... וואָס טוט דאַרטן האָדל אַ גאַנצן פרימאָרגן? דאָס איז זי נאָך גאָר ניט אויפגעשטאַנען?

גרשון: יאָ, זי איז שוין אויפגעשטאַנען, נאָר...

פריידע: נאָר וואָס?

גרשון: נאָר... (ווייזט מיט׳ן האַנט אויפ׳ן אַלקיר).

פריידע: אַ — — —? טאָ וואָס שווייגסטו? וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט? (גייט אריין אין אַלקיר, קומט באַלד ארויס).

פריידע: געליע! וואו ביסטו, געליע?! (געליע קומט אריין) לויף נאָר, מיין טאָכטער, אויף גיך און ברייננג כוועדאָסיען!. (געליע קוקט איבעראַשט. גרשון פאַרשעמט זיך, דרייט זיך אָפּ... גייט צו צום פּאָליצע, נעמט אַראָפּ דעם טלית און שטעלט זיך דאַווענען. אַ אידענע קומט אריין, שטעלט זיך טאַפּן דאָס ברויט).

אידענע: ס׳איז אַ נעכטיקער צי אַ היינטיקער?

פריידע: גאָט איז מיט אייך, ריווע־רחל, איר זעט דאָך, אַז ס׳איז פרישער, נאָך כמעט וואַרעמער, (צו גרשונ׳ען): גיי אריין אין אַלקער.

אידענע: עפּעס גאָר אָן טשערנישקע איז באַ אייך היינט דאָס ברויט, פריידע!

פריידע: אָן טשערנישקע? אַזוי פיל אַסיגנאַציעס, הערט איר, מעגן מיר ביידע פאַרמאָגן וויפיל טשערנישקעס עס געפינען זיך אין ברויט.

אידענע: נו טאָ זייט זשע מוחל, פריידע, און קלייבט איר מיר שוין אַליין אויס אַ ברויט. זאָל ניט זיין קיין פאַרברענטער!

פריידע: גאָט איז מיט אייך. וואָס רעט איר: פאַרברענטער! עפּיס זשאַלעווע איך בלעטער, צי וואָס?

אידענע: חלילה. איך מיין דען עפּיס? אדרבא... נאָר דאָ אַנומעלטן האָט זיך געמאַכט אַ לעבל ברויט אַביסל אַ צוגעברענטער... וואו איז ערגעץ אייער געליע? שוין אַוועק אין מאַרק אַזוי פרי?

פריידע: אָט האָט צעך ארויסגעכאַפּט צו אַ שכנה.

אידענע: אַ מיידעל קיין עין הרע. אַ בריה! אַז זי גייט, קיין עין־הרע, טרייסלט זיך די פאָדלאָגע אונטער אירע פיס... יע, מחשבות׳ן, כ׳האָב געהערט, אַז קלמנ׳ס בחור שדכנ׳ט זיך צו איר.

פריידע: זאָל זי נאָר זיין געזונט!

אידענע: אַ דאגה, מיט אַזעלכע מיידלאַך איז אַ קליינע דאגה!

פריידע: געוואָלט עפּיס קויפן אַ פלאָטקע אין מאַרק, מ׳זעט עפּיס ניט קיין פיש?

אידענע: ניט זינדיקן זאָל מען מיט די רייד, מיר האָבען זיך

שוין די פישלאך צוגעגעסן. איר מיינט ס'איז ניט אן אמת? אן אָרעמאַן עסט אויף זיין געלט אין פלאָטקעס.

פ ר י י ד ע: איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, בא מיר איז ניט אזוי די פיש ווי די קארטאָפּלינע, נאָר מ'זעט דען א קארטאָפּל היינט פאר די אויגן?

א י ד ע נ ע: קארטאָפּל? מ'זעט ניט קיין גויע אויף א רפואה. אז ס'איז גאָר היינט עפּיס אן אויסכאַפּענעש אויף די גויעם מיט זייערע קארטאָפּל! מ'קען זיך דאָך גאָר צו א היינטיקע גויע ניט צורירן! אמאָל האָט מען פאר א זעקסערל געקענט קויפן א שיינע טאָרבע קארטאָפּל; היינט איז כאָטש שיט זיי אָפּ!

פ ר י י ד ע: אז ס'גאָר קיין וואונדער ניט. אמאָל אז מ'האָט געזען א גויע ארומטראָגן די קארטאָפּל אָדער מערן האָט מען איר געלאָזן זיך גוט אָנ־טראָגן. האָט מען טאַקע נאָכדעם געקענט קויפן; היינט איז ווי א גויע באַווייזט זיך נאָר אויפן מארק לויפט מען אָן ווי די בינען, און פון דינגען זיך ווייסן דאָך אונזערע באַלעבאָטישע ווייבלאך ניט. טאָ פאר וואָס זאָלן זיך די היינטיקע גויעס ניט לאָזן אָפּשיטען?

א י ד ע נ ע: נו, איז וואָס זשע מיינט איר, איז טאַקע ניטאָ וואָס צוצושטעלן! נו, מ'דאַרף שוין גיין, דער אויוון וועט בא מיר אויסקילן: א גוטן טאָג, א גוטן טאָג! (געהט ארויס).

ג ר ש ו ן (קומט ארויס פון אלקער): אוועק און איז נאָך ניטאָ!

פ ר י י ד ע: מסתם איז כוועדאָסיע אין שטוב ניטאָ.

ג ר ש ו ן: זי וויל, אז דו זאָלסט צו איר ארייננגיין.

פ ר י י ד ע: אז אָך און וויי איז מיר ט'איר נעבאך געלאָזן אליין, איך גיי שוין.

ג ר ש ו ן (גייט צו צום טיש, נעמט זיך אויסטאָן דעם טלית. דער־זעט א הענטשיקע אויפן בענקל. רוקט ער זיך אָפּ ווי ער וואָלט זיך מורא געהאַט אָן דעם אָנרירן. גייט צו צו דער הרובע, ווארפט ארײַן א שטיקל האָלץ און גייט ארײַן אין קיך. קומט צוריק מיט נאַסע הענט, גייט צו צום טיש. ווישט זיך אָפּ אָן עק האַנטאָך. נעמט ארויס א מעסער פון טישקעסטל און נעמט זיך אָפּשניידן ברויט. פריידע גיט אָן עפן די טיר דערשרעקט ער זיך. לייגט אוועק דעם מעסער און בלייבט שטיין א פארשעמטער).

פ ר י י ד ע: ניטאָ נאָך געליע'ן? פארפאַלן געוואָרן! לויף נאָר ארויס און זע וואו זי איז ערגעץ. אָבער אויך גיך! (גרשון נעמט זיך אָנ־טאָן זיין קאַפּאָטע. דער ארבל פארטשעפּעט זיך און רייסט זיך אָפּ. ער בלייבט שטיין א צוטומלטער).

פ ר י י ד ע: שוין איינמאָל א געראָטענער! נו, נו! גיב שוין אהער א נאָדל וועל איך דיר צושטעכן.

ג ר ש ו ן: א נאָדל? וואו נעמט מען א נאָדל?

פ ר י י ד ע: אין קופערט איז פאראן באוול מיט א נאָדל. (גרשון עפנט דעם קופערט. פריידע שטופּט אים אָפּ).

פ ר י י ד ע: דו וועסט דען עפּיס געפינען? (נעמט ארויס א נאָדל מיט א פאַסמע פאָדים) אָט זיינען די פעלינקעס מיט די וויקעלאך, נעם דאָס טאַקע ארײַן אין אלקער. (גרשון גייט און קומט באַלד ארויס צוריק פון אלקער).

פ ר י י ד ע: נאַ ציליווע ארײַן דעם פאָדעם. (זי מאכט א קנופּ. שטעלט זיך הינטער אים. דערלאַנגט אים א פאָדים צום מויל): נעם נאָר, נעם א שטיקל פאָדעם אין מויל ארײַן! דעם נארעשן שכל דיינעם ניט פארנייען...

גרשון: לאָז צו רו מיט דיין קלוגן שכל און מיט דיין נאַרעשן שכל.

פריידע: וואָס זשע ס'איז בּאַ דיר ניט קיין נאַרעשער שכל? די ווייבּל מוטשעט זיך שוין דעם דריטן טאָג און ער שווייגט.

גרשון: נו וואָס האָבּ איך איהר געזאָלט טאָן?

פריידע: דו בּיסט דאָך אַ מאַנסבּיל אום שטיינס געזאָגט. ס'טגעזען אַז זי דרייט זיך האָסטו מיר געדאַרפט זאָגן!

גרשון: האָט זי דאָך ניט געלאָזן! (אין דרויסען הערן זיך טריט. געליע און כוועדאָסיע קומען אריין).

פריידע: אַבּי איך האָבּ שוין געוואָלט שיקן אַ שטאַפּעט!

געליע: האָסט געקענט שיקן צען שטאַפּעטן. אַז זי איז ניט געוועזן אין שטוב, איז וואָס האָבּ איך געקענט טאָן?

פריידע: נו, שאַ, נו, שאַ! דו בּיסט גערעכט! (כוועדאָסיע אַ פאַרסאַפּעטע טוט זיך אויס לאַנגזאַם, רירט זיך שווער).

כוועדאָסיע (צו פריידע'ן): האָסט געדאַרפט מאַכן אין שטוב וואַרעמער, גאָר וואַרעם! אַ צוויי טעפּ וואַסער צושטעלן, און אַ מולטער אַ ריינעם צוגרייטן.

פריידע: פאַראַן אַ טאָפּ וואַסער אין אויוון, וועסט טאַקע צו־שטעלן נאָך אַ טעפּל וואַסער, געליע און זע צי דער טריפ'ער מולטער איז אַן אויסגעוואַשענער; און דו גרשון בּריינג אריין נאָך אַ פּאָר שייטלאַך האָלץ. (זי גייט מיט כוועדאָסיע'ן אריין אין אַלקער. געליע גייט אריין אין קיך. גרשון שטעלט זיך צונויפלייגן דעם טלית און תפילין, וואַרפט צו אַ פּאָר שטיקלאַך האָלץ אין הרובע. אַ אידענע קומט אריין. נאָך איהר געליע).

פייגע לאה: וואו איז ערגעץ די מאַמע?

געליע: אָט האָט זי זיך ארויסגעכאַפּט אין מאַרק.

פייגע לאה: כ'האָבּ אויך געדאַרפט צוגיין אין מאַרק אריין. (זי קוקט צום אַלקער פאַרדעכטיק, טאַפּט דאָס בּרויט). אַ קליין לעבּעלע וועט זיין גענוג. כ'האָבּ גאָר מיט זיך קיין ליינגעלט ניט.

געליע: געלט? איהר זייט בּאַ אונז אַ גוטער בּטוח.

פייגע לאה: איך האָבּ פיינט צו בּאָרגן.

געליע: אַי, אַי דאָס הייסט בּאַ אייך אויך בּאָרגן? (זי נעמט אַראָפּ פון דער וואָג) 14 קאָפּיקעס.

פייגע לאה: 14 קאָפּיקעס? איך וועל צושיקן מיט מיין אברהם'לען.

געליע: נו, נישקאָשע, נישקאָשע.

פייגע לאה (גייט צו צו דער הרובע): מ'דאַרף שוין טאַקע הייצן אויף אַן אמת, געוואָרן קאַלט, און פאַר מיר איז די קעלט גאָר אַן אומגליק. די קליינע גייט פון די הענט ניט אַראָפּ. זי גיט מיר די וועלט צו זען נישקאָשעדיג!

געליע: ווער, אייער פּעשקע?

פייגע לאה: פּעשקע!

געליע: וואָס איז מיט איר?

פייגע לאה: בּאַ אַזאַ פּיצל קען מען וויסן? געמיינט, אַז ס'איז בּאַ איר ציינדלאַך, קומט צו גיין העניע, זאָגט זי, אַז בּיז זעקס חדשים וויסן זיי נאָך ניט פון קיין ציינדלאַך. אָט זאָגט זי, פּרוּוו איר אויסגיסן לבנה־שיין. געמוזט ערגעץ כאַפּן אַ קוק אין שפּיגל. און מיינס, אַז זי איז ניט געוועזן גערעכט? אָט טאַקע ווי צען בּאָבּעס האָבּן אָפּגעשפּראָכן!

געליע: וואו האָט אייער פּעשקע געזען אַ שפּיגל?

פייגע לאה: כ׳וויים? פרעג מיר א גרינגערע זאך! אפשר אין שויב צי אזוי ערגעץ אין א גלאז! נאר זי האט עס אביסל אנגעגעבן! געהאלטן אין איין וויינען. ניט אין וויגעלע, ניט אויף די הענט!

געליע: נו, איז וואס האט איר געטאן?

פייגע לאה: מ׳האט איר אויסגעגאסן לבנה־שיין, איז טאקע דאס קינד גאר לעבעדיק געווארן.

געליע: איך האב נאך קיינמאל ניט געזען ווי מ׳גיסט אויס לבנה־שיין.

פייגע לאה: פאראן וואס צו זען! מ׳גייט צו צום טייך, מ׳נעמט אן א קריגל שטיל וואסער, מ׳גיסט עס אריין אין א הירדענער שיסל, דערנאך נעמט מען אן איי, מ׳גיסט אראפ דאס ווייסל און דעם געלכל גיסט מען ארויף אין שיסל. מ׳לייגט אוועק א שפינדל אויפן מיט און מ׳דעקט צו מיט א האנטאך, און אז דאס קינד שלאפט איין, שטעלט מען דאס אונטער הינטער זיין וויגעלע... נו, איז וואס זשע מיינסטו? אויב ס׳איז טאקע לבנה־שיין, וועט אויף מארגן פרי זיין אן אמת׳ע לבנה אויפן געלכל...

געליע: אן אמת׳ע לבנה?!

פייגע לאה (דערזעט פריידע׳ס קאפ אין טיר): וועסט זאגן דער מאמע איך וועל צושיקן פארן ברויט. (זי גייט ארויס).

פריידע (קומט ארויס, פארברעכט די הענט. גרשון הויבט זיך אויף, געליע לויפט צו).: שלעכט מיט איר, שלעכט! דאס קינד גייט מיט די פיסלאך! זי האט זיך שוין פון די כחות ארויסגעשלאגן שרייענדיק. אזא אומגליק, אזא אומגליק! איך האב זיך אבער געבעטן בא איר ווי מ׳בעט זיך בא א גזלן: האדעלע, ליג ניט, האדעלע ליג ניט! און איצט האט זי זיך אנגעמאכט אזעלכע צרות! ווײ איז מיר און ווינד איז מיר! (צו גרשונ׳ען): וואס ס׳טע זיך אוועקגעשטעלט און דו קוקסט? לויף ארויס צו וועלוול דעם מלמד און הייס אים זיינע אינגלאך זעצן זאגן תהילים, דו הערסט?! אי רבונו של עולם, נעמסט אזא כשר׳ע אידישע טאכטער, אזא אומשולדיקע שעפעלע, אזא ריינע נשמה און דו מוטשעסט! פאר וואס קומט דאס איר? פאר וועלכע זינד?

געליע: וואס זאגט כוועדאסיע?

פריידע: וואס זאל זי זאגן? זי וויים וואס צו זאגען? דאס קינד ווי דאס קינד, פאר איהר האב איך מורא! (דענים קומט אריין).

דענים: פארגעסן א הענטשיקע דא בא דיר, א וואלענע הענטשיקע.

גרשון: דא, דא ליגט א הענטשיקע (ווייזט אויפן בענקל).

פריידע: ער איז שוין ווידער דא? מ׳דארף אים טאקע דא איצט זייער נויטיק האבן, זייער נויטיק! (כוועדאסיע גיט אן עפן די טיר, שטעלט ארויס דעם קאפ. דענים דערזעט איר, לאזט ער זיך גיין צום טיר. פריידע לויפט צום אלקער).

כוועדאסיע: דעם מולטער מיט הייסע וואסער גיב אהער!

פריידע (צוטומלט): קום, געליע, וועסט נעמען דעם מולטער. (לויפן. פריידע טראגט דעם מולטער, געליע טראגט דעם טאפ וואסער און בלייבט שטיין בא דער טיר. גרשון גייט אויך צו צום טיר. געליע קוקט אריין אין טיר דורך א שפעלטל).

גרשון: עפעס הערט מען גאר ניט שרייען!

געליע: זי ווארפט עס אין מולטער אליין און פאטשט.

גרשון: דו הערסט עפעס א וויינען?

געליע: אודאי א טויטע!

ג ר ש ו ן: א טויטע?
ג ע ל י ע: אז מ'הערט דאָך אפילו ניט קיין פּיפּס.
ג ר ש ו ן: אפשר איז דאָס קינד פּארטייעט?
ג ע ל י ע: א קינד פּארטייעט זיך ניט! (פריידע קומט ארויס).
פ ר י י ד ע: ניטאָ שוין וואָס צו שטיין. דאָס קינד איז א טויטע. האָט צעך נעבאך אָנגעמוטשעט אומזיסט! אזוי ווי א פליג איז זי אוועקגעפאלן.
ג ע ל י ע: א אינגעלע צי א מיידעלע?
פ ר י י ד ע: א אינגעלע, א קיילעכדיקינקער ווי אן עפּעלע, מיט שווארצינקע הערעלאך. מסתם איז ניט באַשערט געווען דעם טאַטען א נאָמען. פארזינדיקט! מסתמא פארזינדיקט!... (צו גרשונ'ען): דו קענסט נאָך טרעפן אברהם'ן אין בית המדרש. זי איז איינגעשלאָפן. זאָל זי בעסער ניט זען ווי מ'נעמט עס צו. ווי א פליג איז זי אוועקגעפאלן. אז גאָט זאָל איר נאָר געבן כחות. א קינפּעטאָרן, ס'איז דען פאראן מיט וואָס איר צו פאַפראַווען? אלע מייַנע שונאים זאָלן האָבן אזעלכע קינפּעטס און אזעלכע האָבנס. (וויינט. גרשון גייט ארויס).
ג ע ל י ע: מ'וועט דארפן אויסגיסן די וואסער פון פעסל צי ניט?
פ ר י י ד ע: איך ווייס? פרעג מיר א גרינגערע זאך. ט'קומען אברהם וועט מען אים פרעגן. די וויקעלאך, ווייס איך, אז מ'וועט אים דארפן מיטגעבן.
ג ע ל י ע: און די פּעלינקעס אויך?
פ ר י י ד ע: די פּעלינקעס, וואָס מ'וויקלט אים איין. (רעט צו זיך): וואָס זשע, אז מיר חלומ'ט זיך איז ניט אומזיסט.
ג ע ל י ע: א נייעס ביי דיר חלומות!
פ ר י י ד ע: א חלום צו א חלום איז ניט גלייך.
ג ע ל י ע: וואָס זשע האָט זיך דיר גע'חלומ'ט?
פ ר י י ד ע: אז כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט מיר געציטערט יעדער אבר. אינגאנצן געדענק איך שוין ניט. נאָר דאכט זיך מיר, אז איך שטיי אזוי אין קיך, אין אויוון גליט דער זשאר, כאָטש אן אָקס צו בראָטן, און זעקלאך מעל אָנגעשטעלט ווי אין א שפּייכלער. פּלוצים קומט אריין דער טאַטע, א שווארצער ווי א האָלעוועשקע. אזוי ווי כ'האָב אים דערזען, פרעג איך: „וואָס טוסטו דאָ?" — געקומען צו דער חתונה — זאָגט ער. „צו וועמעס חתונה?" — פרעג איך אים. — וואָס הייסט צו וועמעס? — זאָגט ער — צו גרשונ'ס. קום — זאָגט ער — לאָמיר גיין... און ער נעמט מיך אָן ביים האַנט. „דו ביסט דאָך א טויטער", זאָג איך. און אזוי ווי איך רעד דאָס ארויס, גיט ער א כאַפּ די לאָפּעטע בא מיר פון האַנט און גייט ארויס — — — נאָך אינדערפרי איז מיר דער חלום ניט געפעלן געוואָרן. כ'האָב פארשטאַנען, אז דער חלום וועט שוין גלאַט ניט אָפּגיין. (גרשון און אברהם קומען אריין).
א ב ר ה ם: גוט מאָרגן! וואָס זשע, האָט דאָס ניט אויסגעטראָגן, צי א שלעכטער האָבן?
פ ר י י ד ע: געגאַנגען מיט די פיסלאך...
א ב ר ה ם: מיט די פיסלאך איז שלעכט... שלעכט! ווער איז געווען די נעמערן?
פ ר י י ד ע: ווער זאָל זיין? כוועדאָסיע!
א ב ר ה ם: כוועדאָסיע? — ניטאָ קיין בעסערע! האָט שוין גענומען אודאי דריי הונדערט! א אינגל, דאכט זיך, האָט ער געזאָגט, א אינגל, ניט באַשערט געווען דיין אהרנ'ען קיין נאָמען.

פ ר י י ד ע (וויינט): פאַרזינדיקט! פאַרזינדיקט!

א ב ר ה ם: נו, וואָס איז דאָ דער וויינען? דו דאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס די קימפּעטאָרן איז לעבן געבליבן. כ'האָב שוין געהערט אין בית־מדרש, האָב איך שוין געהערט.

פ ר י י ד ע: ט'צעך נעבאַך אַנגעמוטשעט גענוג!

א ב ר ה ם: נו, מילא, אַבי אַראָפּגע'פּטר'ט! אַבי צום לעבן! האָסט אַביסל בראַנפן, גיב, לאָמיר גיין פאַר פּרי אהיים.

פ ר י י ד ע: דערלאַנג, גליע, אַביסל בראַנפן מיט אַ גלעזעל! (גליע דערלאַנגט צום טיש, ער גיסט זיך אַליין אָן). נו, זאָל מען טרינקען אויף בעסערע שמחות! „לחיים!"

פ ר י י ד ע: דאָס פּעסל וואַסער וועט מען דאַרפן אויסגיסן, צי ניין?

א ב ר ה ם: אודאי אויסגיסן, אודאי! (ער גיסט זיך אָן נאָך אַ גלעזל. טרינקט אויס. גו גרשונ'ען) גיב נאָר אָן עפן די פאָדערשטע טיר, גיב אָן עפן! מ'טאָר אַ מת ניט נעמען דורך דער הינטער טיר. (גרשון קלאַפּט אָפּ די קליאַמקע, עפנט די טיר און פאַרמאַכט. אַ שמש מיט אַ טלית אונטערן האַנט קומט אַריין פון דער הינטער־טיר. אברהם נעמט דאָס פּיצל, וויקלט עס איין אין פּאָלע און פאַרשטעקט זי אין גאַרטל.

ש מ ש: נו, וואָס הערט צעך?

א ב ר ה ם: עט, אַ קליינס!...

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

אשר ראָזען

* * *

נאָך רוט אויף מיר דער שטויב פון אויסגעלייגטע שליאַכן,
אויף אונזערע געקרייציקטע גרינע פעלדער,
מידע פויערן שלעפן זיך אויף זיי צום האַרף,
צו די ניהעריקע הייזלאַך מיט די שטרויענע דעכער,
יעדן אָוונט קושט זיי די רויט פאַרשלאָפענע זון,
אַ גוטע נאַכט.

נאָך גליט אין מיין מידקייט נאַכטיק דאָרפישע רו,
דער איינגעהויקערטער בעטלער קלינגט מיט'ן קלויסטער גלאָק,
צום וואַלד,
צום פעלד,
רו!
רו!
פון וואַלד שוועבט רו,
פון דער ערד בליט רו,
פון צלם — מנוחה.

נאָך לעבט אין מיר די פרייד פון דאָרפישע יונגען,
זיי העלפן אָנשעפן זייערע געליבטע עמערס וואַסער.
טרינקען אָן זייערע קי און חזירים,
שטייען שעמעוודיג ביים הילצערנעם פּלויט,
וויקלט זיי די פינסטערניש,
פירט זיי אינ'ם וואַלד.

ווילד בלוט

אונזערע לייבער וואָס ווערן געל פון יאָרן
דעקן צו אונזערע ווייסע ביינער.
און שוואַרץ און רויט זידט דאָס בלוט אין אונז,
רוישט דאָס רויטע בלוט,
טרייבט דאָס בלוט דאָס לייב צו זינד.
ווערט פון אונזער בלוט
שדים אין דער לופט געבוירן —
שטורמען ווילדע ווינטן איבער אונזערע קעפּ.
איז אזוי שאַרף דאָס בלוט אין אונז
און שניידט אונזער איינן לייב.
ווינט ווילד אין אונז דאָס בלוט
אונזער זינדיק בלוט...
און געלער ווערן אונזערע לייבער פון יאָרן.

ביים ראַנד פון בעט

ביים ראַנד פון בעט,
וואו מיר וועבן אונזער צווייזאַמן עלנט,
היימישט זיך איין דער טויט
מיט'ן לאַנגוויל פון אונזערע טעג...

ציטערן שוואַך אַז שלאָף די נעכט,
ביים ראַנד פון אונזער בעט,
און בלייבן זיך
אויף'ן שאַרף פון טויט.

גייט איין אונזער בלוט,
גייט איין אין אונז און ווערט דין
און בלאַס אין אונז.
און ביים ראַנד פון בעט
אַקעגן אונז
בלאַנקט בלוי,
בלאַנקט רויט
דער רופנדיקער שאַרף פון טויט. — — — —

שבעה

אַ גאַנצן טאָג געוויינט,
און פּלוצים זיינען אַלע שטיל געוואָרן,

גייט יעדער איינער אום איבער'ן שטוב
און קלינגט אויס די טריט זיינע פאר זיך אליין
עפעס האט יעהערער פון זיך פארלוירן...
האלטן אלע אראפגעלאזט די אויגן צום דיל
אלע שווייגן,
קיינער וויל דעם טרויער ניט פארבייטן מיט קיין רייד.
אינ'ם טאג וואס גנב'עט זיך אוועק פון פענסטער,
פלאטערט אום דער ווידער־קול
פון א פארלוירענעם אקארד...

דער ווינט

דער ווינט קומט אן אין וואלד —
ווערט די בוימער קאלט.
זיי ציטערן און ברומען,
ווי פאר'ן אומקומען...
עס טוט דער זומער באנק,
די זון איז בלייך און קראנק.
און אומהיימלאך אזוי —
דער וואלד, ווי פוסט, ווי גרוי —
שטייט אין נעפל טיף
ווי א בלאנדזשענדיקע שיף.
עס וויגן בוימער אום די קעפ:
אזא כמארע, שווארץ ווי קרעפ,
האט דעם הימל אונז פארשטעלט —
און ער זייט נאר שרעק און קעלט...

אײדא מאַזע

זונען שטראַל

א זאמדיק בערגל,
א קליינער קוואל,
אויפ'ן זאמד א זונען שטראל.
שמעטערלינגען פליען, שפרינגען,
דרייען זיך ארום אין רינגען:
שימערירן די קאלירן
אויף די פליגל פון שמעטערלינגען.
יעדער זעמדל ווי א דימענט
שפיגלט זיך אין קוואל —
ווי אן אויסגוס פון קאלירן
שפרייט אויף אלץ
דער זונען שטראל.

י. ראבינאוויטש

בעטהאווענ׳ס סוד*)

(סוף)

פראמעטעאוס געבונדן

אויב בעטהאווענ׳ס גרויסע נשמה האט נאך אין זיין ערשטן שאפונגס־פעריאד (דער פעריאד פון „קרייצער סאנאטא״) ניט געפונען איר פולן „תקון״ און אלץ געהאלטן אין איין פרעגן: „איז דאס אלץ?״ — — האט זיך עס גענומען דערפון, וואס בעטהאווען האט זיך נאך ניט געהאט אין גאנצן אוועקגעריסן פון דעם היידן־מאצארט איינפלוס. געשיכטלעך איז עם באקוועם צו גרופירן היידן, מאצארט און בעטהאווען, אום זיי צו מאכן שפילן אין טריא די מוזיק פון אן עפאכע, איז אבער די צרה, וואס פון צופיל מעטאדישקייט מצד דעם היסטאריקער ליידט די געשיכטע... עס איז אמת, אז די דריי האבן געלעבט כמעט אין איין צייט, אבער דער דריטער — בעטהאווען — זייענדיג דער איינגסטער און געניאלסטער פון די דריי האט לאנג נישט געקאנט בלייבן אין דער טריא.

ווארים בעטהאווען איז געקומען צו זיין אליין, איזאלירט פון יעדן איינפלוס. ווי גרויזאם זיין גורל האט אים באהאנדלט מיט׳ן אפטויטן אין אים דעם חוש השמיעה האט עס אים אבער אויף אזוי פיל איזאלירט פון יעדן דרויסנדיקן איינפלוס, אז מער ווי דערמאנונגען זענען אים ניט געבליבן, און דאס, וואס ער האט ניט געקאנט מער הערן האט ער גענומען זען — אימאגינאטיוו. זיך פארלאזנדיק אין גאנצען אויף זיין איינבילדונגס־קראפט איז זיין רייכע פאנטאזיע געווארן די איינציקע־פאר־אים רעאלע וועלט פון קלאנג.

און זייענדיק ווי פראמאטעאוס געבונדן צו א פעלז פון אבסאלוטער איזאלירטקייט, איז ער ביסלעכווייז געווארן זיין אייגענער הערקולעס. אפגעשלאסן פון דער קלאנג־וועלט אזוי, אז ער האט זיין אייגענע מוזיק ניט געקאנט מער הערן האט ער געלאזט זיין רייכע פאנטאזיע וואנדערן איבער אן אויסגע׳חלומ׳טן אלימפ. פראמעטעאוס איז געבונדן געווארן נאכדעם ווי ער האט גע׳גנב׳עט דאס פייער פון די געטער און עס געבראכט צו מענטשן ; מיט בעטהאווענ׳ען איז עס געגאנגען נאך ווייטער : פריער געבונדען געווארן און געבונדענערהייט, מיט דער הילף פון זיין רייכער פאנטאזיע, אוועק צום אלימפ און גע׳גנב׳עט דאס פייער...

און אט דאס איז בעטהאווענ׳ס סוד.

אין זיין איזאלירטקייט איז בעטהאווען אפגעשלאסן געווארן פון יענער גרויסער פארפירעניש, פון וועלכער אפילו א היידן און א מאצארט האבן ניט געקאנט זיך אין גאנצן ארויסראטעווען — די פארפירעניש פון דעם אייגענעם אויער, וואס צווינגט צו פארקוקן אלערליי מוזיקאלישע ליגנס צוליב שיינקייט פון קלאנג. פאר יארהונדערטער איז די טאן־קונסט געווען פארפירט פון מוזיקאלישע ליגנס, וואס האבן פארנארט דעם אויער אין אומקינסטלערישן זאק אריין. פאר א ביישפיל ווען מיר נעמען די איטאלענישע אפערעס פון ראסיני און זיינע נאכפאלגער. וואס האבן מיט זיך פארגעשטעלט דידאזיקע אפערעס ? שיין־קלינגענדיקע מוזיקאלישע ליגנס, אויסגעציקלט אין אלערליי קאלאראטור־קונצן, ספעציעל צוגעטראכט, אום די אדער יענע פרימאדאנא זאל קאנען דעמאנסטרירען וואקאלע

*) זע „קאנאדע״ נומ. 1.

אקראבאטיקס, — אבער אט דאס אלץ האט ניט געהאט קיין שייכות ניט מיט'ן טעקסט, ניט מיט דער גרונד־אידעע פון דער מוזיק.

ריכארד וואגנער איז געווען דער מאן, וואס האט באפרייט די אפערע פון אירע אומקינסטלערישע פאטשערקעס און סטענגעס, אבער וואגנער האט שוין געהאט פאר זיך בעטהאווענ'ס ביישפיל און ער האט בלויז געטאן פאר דער אפערע דאס, וואס בעטהאווען האט געטאן פאר דער ריין־אינסטרומענטאלער מוזיק.

די ריין־אינסטרומענטאלע מוזיק, כאטש זי איז קיין מאל ניט אריינגעפאלן אין יענע גרויסע אבסורדן און ליגנס, וואס די אפערע, האט זי פונדעסטוועגן געהאט איר אייגענעם נעץ פון גאנץ נשקשה'דיקע ליגנס. מען האט זיך קודם כל און הויפטזאכלעך גערעכנט מיט'ן עפעקט און ווע־ניגער געזארגט פאר דעם לאגישן צוזאמענהאנג, פאר דעם „מה ענין שמיטה אצל הר סיני''... דערפאר ווערט טאקע אנגעוויזן, אז ביי היידנ'ען, למשל — אפילו ביי היידנ'ען! — קאן א טייל פון איין סימפאניע גאנץ גרינג איבערטראגן ווערן אין א צווייטער און עס וועט זיך אין נייעם פלאץ פונקט אזוי אריינפאסן ווי אין אלטן... אפילו מאצארט'ס קאמפאזיציעס זענען געווען ניט אין גאנצן ריין פון אט דעם חסרון. מיט רעכט ווייזט אן ו. דזש. באלטצעל אין זיין „היסטארי אוו מיוזיק'', אז די דעפעניציע פון זשאן זשאק רוסא, דאס מוזיק איז די קונסט פון צוזאמענבינדן קלאנגען אויף א שטייגער, וואס זאל זיין אנגענעם פאר'ן אויער'' איז געווען די אנגענומענע פארמולע, וואס קיינער האט ניט גע־וואלט ברעכן.

בעטהאווען האט דאס געטאן. ער האט אריינגעבראכט אין דער מוזיק דעם גרויסן ערנסט און זיך באפרייט פון אלע ליגנס. אין צענטער שטייט די אידייע און אלץ, וואס ווענדט זיך אפ פון איר, אלץ, וואס שטערט דעם צוזאמענהאנג האט ער אויסגעמידן. ער הויבט אן מיט דער פשוט'סטער „טעמע'', פירט זי ארום אין פארשידענע טאנארטן, אנטוויקלט זי ביז העכ־סטער קאמפליצירטקייט, וואנדערנדיק אין א דזשאנגל פון כראמאטישע מאדולאציעס, אבער ער וויים זיין וועג ארוים. שטעלט ער זיך אפ ביי זייטיגע עפיזאדן ווערן זיי ווי דורך א כשוף אריינגעפירט אין דעם גרונט־כאראקטער פון דער קאמפאזיציע און ביים לעצטן אקארד פילט איר, אז ס'איז „סוף מעשה במחשבה תחילה.''

דער שלוס אקארד פון בעטהאווענ'ס א מיטלסטען טייל פון א סימ־פאניע אדער סאנאטע לאזט זעלטן איבער דעם איינדרוק, אפילו ביים מוזיקאליש־אומוויסענדן צוהערער, אז ס'איז שוין געקומען צייט צו פאטשן „בראווא''. (אך, אט די בראווא־פאטשעריי, וואס פאלט אריין ווי א יון אין סוכה! מיר זענען נאך אפילו היינט ניט לויז פון דעמדאזיקן באר־באריזם!...)

אבער דאס איז נאך ווייט ניט אלץ. וואס עס פארכאפט אמשטארקסטן דעם צוהערער פון בעטהאווענ'ס מוזיק איז די מערקווירדיגע בילדלעכקייט, וואס לויפט פארביי זיין גייסטיק אויג מיט א סובטילער לויטערקייט און מאכט אים דורכצולעבן שטימונגען אזעלכע ווייטע און פרעמדע און דאך אזעלכע נאהנטע און אייגענע. פרעמד און ווייט — ווייל עס דערהויבט איבערן אלטעגליכן און גרויען; נאהנט און אייגנס — ווייל דאס טיף־מענטשלעכע, דאס פערזענלעכע און אינטימע ווערט ניט פארשטופט אין הינטערגרונט. עס וואנדערט פון שטימונג צו שטימונג און אלץ, וואס דער מענטש איז פעאיק דורכצולעבן און דורכצופילן ווערט אפגעשפיגלט אין בעטהאווענ'ס מוזיק.

און כאָטש איר ווייסט ניט גענוי דעם ספור המעשה פון זיין פינפטער סימפאָניע, למשל, פילט איר אָבער, אז ס'איז א געשיכטע פון א נשמה, וואָס ראַנגעלט זיך מיט אַן אַנקומענדיגער מעלאַנכאָליע און ענדיקט אין א פּאָלשטענדיקן טריאומף. דערמאָנט זיך נאָר די „טריאָ", וואָס ראַנגעלט זיך מיט דעם געבראָכענעם מינאָר פון דער „סקערצאָ", אויף דידאָזיקע קאָמפּאָזיציע איז אייך באַקאַנט, און ווי עס פּאַלט דערנאָך אריין אין טריאומפירענדן פינאַל! איז עס ניט א שטיק אויטאָביאָגראַפיע? איז עס ניט אויסגעדריקט אין טענער דעם בעטהאָווען אַלס דעם געבונדענעם פּראָמעטעאָוס, וואָס ווערט זיין אייגענער הערקולעס און גנב'עט געבונדערהייט דעם פייער פון די געטער? הערט איר ניט עפּעס ענליכס אין זיין אַפּאַסיאָנאַטאַ?

אָבער מער נאָך ווי אומעטום וויקעלט זיך פאַרנאַנדער בעטהאָווענ'ס סוד אין זיין לעצט גרויס ווערק די „כאָראַל"-סימפּאָניע (די 9-טע), וואָס מיט איר איז פאַרבונדן דער לעצטער און טראַגישסטער קאַפּיטעל פון בעטהאָווענ'ס לעבן.

אין דורשט נאָך פרייד

אין פּאָלשטענדיקער טויבקייט און איזאָלירטקייט האָט בעטהאָווען געשאַפן זיין גרעסט ווערק — די „כאָראַל"-סימפּאָניע.

אָבער זיין איינבילדונגס-קראַפט האָט זיך געריסן איבער אַלע גרעניצן און פלוצלונג דערפילט בעטהאָווען, אז מעכאַנישע אינסטרומענטן אליין קאָנען ניט דינען זיין גרויסען קינסטלערישן פּלאַן. ער ברעכט אַן אָנגענומענעם פאַרבאָט און פירט אריין א כאָראַל פון מענשליכע שטימען אין דער סימפּאָניע און דוקא צו א סטראָף פון שילער'ס „אָדע צו פרייד".

און זינגענדיק די „אָדע צו פרייד" איז בעטהאָווען געווען דאָס אומגליק אליין. זיין טויבקייט האָט אים אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט און איז געווען פאַרנאַכלעסיקט און דעזערטירט פון זיינע פריינט, וועלכע האָבן מער ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיין קרענקליכע באַציאונג פון פאַרדאַכט צו זיי. עס פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אז מענשן רעדן אין זיין געגנוואַרט כל דבר אסור אויף אים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אז ער איז געוואָרן פאַראָרימט ווי דער דלות אליין. חוץ דעם האָט ער פאַר דער דאָזיקער צייט געהאַט א היבש ביסל צרות פון זיינעם א פּלימעניק, וועלכער איז געבליבן אָפּהענגיק אָן אים נאָך דעם טויט פון זיין ברודער. דאָס אינגל איז עפּעס געווען ניט מיט אַלעמען און פון אַלע בעטהאָווענ'ס פּלענער צו געבן אים א גוטע דערציאונג און מאַכן אים פאַר א „גרויסן מענשן" האָט זיך אויסגעלאָזן, אז דאָס אינגל איז אראָפּ פון זינען און מ'האָט אים געמוזט אוועקפירן אין אַן אַנשטאַלט.

ווי זשע פּאַסט זיך אריין די „אָדע צו פרייד" אין א צייט פון אַזעלכע איבערלעבונגען?

לאָמיר הערן, וואָס וואַגנער זאָגט אין זיין געשריבענעם פּראָגראַם צו דער 9-טער סימפּאָניע. וואַגנער זאָגט, אז די גרונד-אידייע פון דער קאָמפּאָזיציע איז — דער שטענדיקער קאַמף פון דער נשמה, וואָס דורשט נאָך מענשליכער פרייד אַנטקעגן דעם וועטאָ פון יענער געהיימער קראַפט, וואָס שטעהט צווישן אונז און דאָס גליק.

אינ'ם צווייטן טייל פון דער קאָמפּאָזיציע הערט וואַגנער א פיבערישן געלאַף פון אַלטע אידעאַלן צו א נייער און אומבאַוואוסטער גליקזעליגקייט, אין דריטן — די דערמאָנונג פון דער ריינסטער פריינד, וואָס לעבט אין זכרון פון קינדהייט אָן.

אין די ווייטערדיקע טיילן הערט וואגנער, ווי עס צושפילט זיך אין די פארשידענע וואריאציעס בעטהאָווענ'ס דורשט נאָך פרייד אין אלע איהרע מאַניפעסטאציעס.

אין אָט דעם גרויסן דורשט נאָך מענשליכער פרייד האָט געגומען צאנקען בעטהאָווענ'ס לעבן. און אָט דעם לעצטען פעריאָד זיינעם האָט ער מיט זיך פארגעשטעלט א טראגיש און רירענד בילד. אָט ווערט פאר א פול-געפאקטן זאל צום ערשטן מאָל אויפגעפירט די 9-טע סימפאָניע. די אַפּ-לאָדיסמענטן און בראַוואָ-געשרייען רייסען די ווענט, נאָר איינער אין זאל, דער הויפט-מחותן, ווייס פון גאָרניט, ווייל ער הערט ניט, ניט זיין מוזיק, ניט די האנט-קלאפערייען, ניט די בראַוואָ-געשרייען...

אין דעם פעריאָד לעבט אויך בעטהאָווען דורך א גרויסן רעליגיעזן פיבער, וואָס קריגט אן אויסדרוק אין זיין „מיסא סאָלעמניס".

גלייך נאָך דער ערשטער אויפפירונג פון דער 9-טער סימפאָניע האָט דער קאָמפאָזיטאָר געקראָגן א ידיעה פון משוגעים-אנשטאלט, אז זיין פלימעניק איז צוריקגעקומען צום פארשטאנד. ער איז גלייך אוועקגעפאָרן צום אסיילום און איינמאָל, אין אן אסיענדיקן טאָג פון דעצעמבער, 1826, ווען ער איז געפאָרן מיט'ן אינגל צוריק קיין וויען האָט ער זיך שטארק פארקילט. די פארקילונג האָט אים ארייגעטריבן אין א לונגען-ענטצינ-דונג און איז אין מערץ פון נעקסטן יאָר געשטאָרבן.

די ניינטע סימפאָניע איז דער „גראנד פינאל" פון יענער „סינפאָניא עראָאיקא," וואָס ניט באָנאפארט'ס נאָר בעטהאָווענ'ס נאָמען איז אויף איהר שער-בלאט... און קיינער וועט קיינמאָל ניט טאָפטשען מיט די פיס דעם נאָמען פון דער „עראָאיקא," וואָס בעטהאָווען האָט געווידמעט זיך אליין...

און איצט, נאָך 156 יאָהר בעטהאָווען וויסן מיר, אז דער „גראנד פינאל" פון בעטהאָווענ'ס אייגענער „עראָאיקא" האָט ניט קיין שלוס-אקאָרד. ווען בעטהאָווען איז געשטאָרבן האָט ערגעץ וואו — מיט א ג ר ו י ס ע ן ש ט ו ר ם — זיך אָנגעפאנגען פון דאָס ניי.

רבקה רויזענבלאט

מיין אומרו...

איך זיץ אליין
און וויל זיין אליין —
און קען ניט זיין אליין —
און בין מיט דיר
מיין אומרו...

און טראַכטן וויל איך,
אלץ פארטראַכטן —
און קען ניט טראַכטן —
און טראַכט פון דיר —
מיין אומרו...

א. אלמי

פילאָזאָפיע — דער אייביקער פּראָמאָטעאוס

(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט איבער פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט)

פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט זענען די דריי באַגלייטער פונם מענטשן זינט דעם גראָען צייט־אַלטער. די פילאָזאָפיע זוכט צו דערקלערן די וועלט, דעם מענטש און דעם צוזאַמענהאַנג פון די וועלט־דערשיינונגען, אויפצושטעלן אַ וועלט־סיסטעם, אַ וועלט־בילד — בקצור, שאַפן אַ תכלית אינם באַשאַף. די רעליגיע גיט דעם מענטשן אַ פּאַרטיק וועלט־בילד און אַ זין, עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן, לויט וועלכע צו לעבן: די קונסט, אין אירע פאַרשיידנאַרטיקע אויסדרוקן, איז דעם מענטשנס אייגענע מעשי־בראשית, דאָס געטלעכע, וואָס דער באַשעפער האָט אַריינגעהויכט אין דער מענטשלעכער נשמה בעת דעם ערשטן אָנהויב, און דורך איר — דורך דער קונסט — געפינען אַן אויסוועג צו דער וועלט די פאַרבאָרגענע קרעאַטיווע כחות פונם מענטשן; דורך איר געשטאַלטן זיך, פאָרמען און פורמירן זיך אין אַ באַשטימטן יש זיינע אָנונגען, פאָרשטעלונגען און באַגריפן.

אוועקנעמענדיק די פונדאַמענטאַלע עקרים פון דער פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט, — די הויפּט־אייגנשאַפטן, וואָס מאַכן די פילאָזאָפיע פאַר פילאָזאָפיע, די רעליגיע פאַר רעליגיע, די קונסט פאַר קונסט — איז שווער פאַנאַנדערצושיידן און באַשטימען די גרענעצן פון די דאָזיקע דריי איידעלע מאַטעריעס, וואָרים אין סאַמע תוך זענען זיי איינס, איין מאַטעריע, פון איין אור־קוואַל ארויס, פון איין־און־דעמזעלביקן גייסט און „ויהי". יעדע רעליגיע איז אין איר מהות אַ פילאָזאָפיע — אַ פילאָזאָפיע מיט אַן אַפּשלוס; זי נערט זיך פון די אייגענע שטאַם־וואָרצלען; די פילאָזאָפיע ווידער איז אין איר תוך רעליגיעז, טעאיסטיש — אפילו די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע, ווייל אויך זי לעבט „מיטן קאָפּ אין הימל", ווי די רעליגיע. אפילו דער גרויסער פראַגן־שטעלער און אָפּפרעגער עמנואל קאַנט, וואָס האָט אין זיין צייט אַזאַ דערשיטערנדיקן קלאַפּ דערלאַנגט דער מעטאַפיזיק, האָט צום סוף נישט געקענט אויסקומען אָן איר און האָט פאַר איר געמוזט מאַכן פּלאַץ אין זיין וועלט־סיסטעם — אמת, מיט „באַדינגונגען", ווי אַ נויטיקע פונקציע, אַ צענטראַל־פּונקט, וואָס ברענגט אריין אַ זין אין אונזער זיין, אַ רעגולירונג אין אונזער לעבן; מעגן אומשטערבליכקייט, גאָט א. אז. וו. זיין בלויז פאָרשטעלונגען, פיקציעס, זענען זיי דאָך רעאַל אַלס ווערטן, וואָס לעבן אין אונז. דער צו־קלוגער וואָלטעיר האָט עס גוט פאַרשטאַנען, אַז „ווען גאָט וואָלט נישט עקזיסטירט, וואָלטן מיר אים געדאַרפט אויסטראַכטן" — ווייל אָן גאָט, ווי דער אָנהויב און דער צענטער פון אַלץ, איז נישטאָ קיין גאַנץ וועלט־בילד, קיין תכלית אינם באַשאַף.

די קונסט שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז צווישן פילאָזאָפיע און רעליגיע. זי איז פילאָזאָפיע אויף וויפיל זי דרינגט אריין — און טייטשט אויס — אַלץ איינס אָדער אינטעלעקטועל אָדער אינטואיטיוו — די וועלט־דערשיינונגען און די מענטשלעכע נשמה; אויף וויפיל איר געלינגט צו באַשאַפן אַ גאַנץ בילד פון די ברוכשטיקער אין אונז און אויסער אונז; רעליגיע איז זי אויף וויפיל זי גיט אונז בילדלעכע פאָרשטעלונג, צענטראַל־פונקט און צענטראַל־אידעע. דער שורש פון דער קונסט רוט אינם אור־שפּרונג פון רעליגיע. דער מענטש האָט זיינע ערשטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פאַרקערפּערט אין בילדער, פון וועלכן עס האָט זיך שטופנווייז

אַנטוויקלט די פּלאַסטישע קונסט; אין פּרימיטיווע שילדערונגען, פון וועלכע עס איז אויפגעקומען די וואָרט־קונסט, און אין נגינה, פון וועלכע די מוזיק איז אַנשטאַנען.

די אומזיכערסטע פון די דריי (פילאָזאָפיע, רעליגיע און קונסט) איז די פילאָזאָפיע, כאָטש זי איז אורשפּרינגלעך די ערשטע, פ א ר רעליגיע און קונסט, וואָרים דער שכל איז מחייב, אַז פריער האָט דער מענטש נאָכגעטראַכט, איבערגעטראַכט, געקלערט, געזוכט און ענטפער — בקצור, פילאָזאָפירט — איידער ער איז געקומען צו אַ געוויסן סך־הכל, צו אַ באַשטימטן אויספיר. אָבער בעת דער רעליגיאָנס־גרינדער, דער אַפּאָסטאָל, דער נביא — אָדער אונטער וועלכן נאָמען דער „שליח פון גאָט" זאָל נישט דערשיינען — האָט אָפּגעשלאָסן די פילאָזאָפישע חקירה, אַוועקשטעלנדיק גאָט — אָדער עטלעכע געטער — אין צענטער פון דעם באַשאַף, ווי די שעפער און פירער פון דער וועלט; דעם מענטש אינם צענטער פון דער ערד און די ערד אין צענטער פונם אוניווערז; און בעת דער פּרימיטיוו האָט אויף ליים און האָלץ און אויף שטיין געגומען פאָרשטעלן דאָס רעליגיעזע וועלט־בילד און מדרגהווייז אַנטוויקלט די רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג, — האָט דער פילאָזאָף זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פונם מענטש, פון דער ערד. און אַזוי האַלט ער זיך אין איין דערווייטערן. געוויס, די פילאָזאָפיע איז אויך געקומען צו טאָטאַלע אויספירן, אויסגעאַרבעט סיסטעמען, אָבער די טבע פון דער פילאָזאָפיע איז דאָך נישט — און קאָן נישט זיין — דער אָפּשלוס, נאָר די חקירה, דאָס ווייטערדיקע זוכן, דאָס כסדר'דיקע איינוואַרפן און אויפשטעלן סיסטעמען, דאָס אייביקע באַשטימען און פאַרלייקענען.

און אַזוי איז די פילאָזאָפיע דורכאויס חקירה, פּלפּול, אומזיכער — אפילו מיט דער אייגענער עקזיסטענץ, מיט דער עקזיסטענץ פון דער וועלט, מיט דער עקזיסטענץ פונם מענטש. „עקזיסטירט דער בוים אָדער איז ער בלויז אונזער פאָרשטעלונג? עקזיסטירט ראובן אָדער שמעון, אָדער זיי זענען בלויז געשטאַלטן פון מיין אימאַגינאַציע? עקזיסטיר איך אַליין? „איך דענק — אַלזאָ, בין איך דאָ", רופט אויס איין פילאָזאָף (קאַרטעזיוס), איז וואָס איז מיט דעם גאַנצן דרויסן, מיט דער אומוועזנטלעכער וועלט, וואָס דענקט נישט — איז זי נישטאָ?... גרויס אין פאַרנעם, רייך אין אידעען, אין גרויע געדאַנקען, איז די פילאָזאָפיע דאָך אַבסטראַקט. כסדר שפּעקולאַטיוו, אפילו אין איר עמפּירישקייט, צו וועלכן זי איז דערגאַנגען; אפילו בעת זי טוליעט זיך דאָ צו דער רעליגיע און צו דער וויסנשאַפט. קיין פּאָזיטיווס, פעסט־זיכערס האָט זי אונז נאָך נישט געגעבן. וועגן דעם אַלט־גריכישן פילאָזאָף און פיזיקער ארכימעד ווערט דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל אויסגערופן: „גיט מיר אַן אָנלען־פּונקט און איך וועל איבערקערן די וועלט", און מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער האָט קאַנט געזאָגט: „גיט מיר מאַטעריע און איך וועל באַשאַפן אַ וועלט"; און דאָס זענען די צוויי וויכטיקסטע מאָמענטן, אַ צענטראַל־פּונקט און מאַטעריע, וואָס פעלן דער פילאָזאָפיע. און אַזוי ווי זיי פעלן איז די פילאָזאָפיע ניט אימשטאַנד צו צושטערן די וועלט און ניט אויפצובויען אַ וועלט. זי קאָן נישט פאַרלייקענען די עקזיסטירנדיקע וועלט און קאָן זי אויך נישט באַשטעטיקן... ווי אַ קאָמעט, נישט צוגעבונדן צו אַ באַשטימט אָרט, צו איין פונקט, לויפט די פילאָזאָפיע דורך די רוימען פון דער אומענדליכקייט, דורך שטערן און פּלאַנעטן און יעדעס מאָל רייסט זיך פון איר אָפּ אַ שטיק, קלעפּט זיך צו (עמפּיריש...) דאָ צו דער מעטאַפיזיק און דאָרט צו דער מאַטעריאַליסטישער וויסנשאַפט.

די פילאָזאָפיע איז די גרעסטע מענטשלעכע טראגעדיע: בעסער געזאָגט: אין דער פילאָזאָפיע שפּילט זיך אָפּ די גרעסטע טראגעדיע פונם מענטשן; אין זוכן איז דאָ פרייד, אָבער צום סוף קומט די גרויסע אנטוי־שונג, מידקייט — און דער מענטש ווייל דאָך אויך געפינען, זיך אָפּשטעלן, אָפּרוען. די פילאָזאָפיע איז דער אייביקער פּראָמאָטעאוס, וואָס וויל גנב'ענען פייער פון הימל און ווערט באשטראָפט, ברענגט אויף זיך דעם צאָרן פון די געטער... אין ערגעץ נישט ווי אין דער פילאָזאָפיע געפינט דער מענטש אזוי אוים זיין באגרענעצטקייט, די באשרענקטקייט פון זיין פארשטאנד און די קורצקייט פון זיינע הענט; אין ערגעץ נישט ווי אין דער פילאָזאָפיע האָט דער מענטשלעכער גייסט אזוי פיל רוים, אזוי פיל פרייען פלאץ צו פליען, און אין ערגעץ נישט איז ער אזוי געצאמט ווי אין איר. די רעליגיע, זייענדיק באשיצט דורך אוממיטלבאַרן גלויבן און נס, קאָן אויסנוצן די גאנצע רייכקייט פון דער מענטשלעכער פאנ־טאזיע; די קונסט קאָן דורך סוגעסטיע און דערלעבניש זיך פארגינען די גרעסטע פרייקייט, אויב דער בגד איז נאָר סטיליסטיש צוגעפאסט; די פילאָזאָפיע, די פרייסטע לויט איר פארנעם, איז אָבער אונטערגעוואָרפן דער לאָגיק. זי קאָן נישט סתם בויען, זי מוז געפינען א לאָגישן צוזאמענ־האנג פון די דערשיינונגען, א לאָגישן ענטפער; זי מוז „צושטעלן" א לאָגיש וועלט־בילד — דאָס איז דאָך איר אויפגאַבּ. און דאָ די טראגעדיע. טראגיש איז דער פויגל אין שטייג פון דער פארמאכטער שטוב. נאָך טראגישער איז דער פויגל אין דער שטייג אין מיטן וואלד. ער זעט פאר זיך וואלד, רוים, פרייקייט, און קאָן נישט פליען. זיינע פליגל שלאָגן זיך אָן די גראטעס. די פילאָזאָפיע נעמט־דורך דעם וועלטאל מיט אלע זיינע וואונדער און אָפּנבארונגען. פריי פון רעליגיעזע דאָגמעס, פון אלערליי „לאו'ס" און פון קינסטלערישע פאָרמען, איז זי אָבער געצאמט פון דער לאָגיק; ווי דורך א זיפּ מוזן זיך די וואונדער פון דעם זיין און דעם געשען דורכגיסן דורך דער לאָגיק אינם כוס פון דערפארונג און צונויפשטעלן א סיסטעם.

אָבער אויך די לאָגיק איז דאָך נישט קיין פארגליווערטער, סטא־טישער אימפּעראטיוו, נאָר זייענדיק א סכום פון דערפארונגען, איז זי כסדר פארענדערלעך, לויט די נייע דערפארונגען; די פילאָזאָפישע שיטות, זינט דעם גריכישן פילאָזאָף טהאלעס, ביז אריבער דעם מיטלאלטער, ביז קאנט'ן, ביז דעם וויסנשאפטלעכן רענעסאנס אין די לעצטע 200 יאָר, זענען אין פיל וויכטיקע טיילן — אָפט באשטאנדסטיילן — געוואָרען אומלאָגיש, וואָרים זיי שטימען נישט מיט די נייע וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען. פון דער קלאסישער פילאָזאָפיע האָט פאר אונז א ווערט די חקירה, די רייכקייט פונם געדאנק און די עטישע גרונטלאגן אין מאנכע אלט־פילאָזאָפישע שיטות, ווי די קינישע, סטאָאישע, עפּיקורישע א. א.: זייערע — דאָן לאָגישע — אויספירן און שלוסן זענען געוואָרן אומלאָגיש אינם ליכט פון די נייע וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען. אויך די פילאָ־זאָפיע פון די לעצטע יאָרהונדערטער בלייבט הינטערשטעליק אנטקעגן די האסטיקע שפרייזן פון דער וויסנשאפטלעכער פאָרשונג; אפילו אזא יונגע פילאָזאָפישע שיטה ווי ניטשע'ס „ווידערקום", א שטייגער, ווערט בטול ביי די נייע אנטדעקונגען אין דער ביאָלאָגיע. די נעאָקאנטיאנער ווילן צופּאסן דאָס קאנטישע סיסטעם צו דער נייער וויסנשאפט. די דינאמישע קראפט פונם מענטשלעכן ווילן שטויסט די פילאָזאָפיע, וויסנשאפט און קונסט אויף נייע וועגן, אין נייע רעגיאָנען; נאָר בעת די רעליגיע בלייבט פעסט ביי איר צענטראל אידעע — גאָט; און בעת די קונסט זוכט נייע

נעשטאַלטונגען און אויפּפּאַסונגען פאַר דיזעלביקע קרעאַטיווע כחות, בלייבנדיק אויך ביי איר עיקר, וואָס מאַכט קונסט פאַר קונסט — האָט די פילאָזאָפיע לעת עתה נאָך אַלץ נישט — נישט קיין אַרכימעדן־פּונקט און נישט קיין מאַטעריע.

די פילאָזאָפיע איז גראַנדיעז אין איר פראַגן; אומפאַרגלייכבאַרער שוואונג און געוואַגטקייט אין אירע קשיות, נאָר קומט עס צו פאַרענטפערן, פון דעם כאַאָס אויפצושטעלן אַ בילד, ווערט זי הילפלאָז. רוסאָ האָט איראָניזירט איבער די פילאָזאָפן, אַז זייער טבע איז צו פאַרלייקענען דאָס, וואָס עקזיסטירט און ווילן דערקלערן דאָס, וואָס עקזיסטירט נישט...

שפּינאָזאַ האָט געראַטן: „נישט לאַכן, נישט וויינען, נאָר פאַרשטיין", אָבער דאָס אומבאַהאָלפענע חקירה'ן זיך מוז אַמאָל אַרויסרופן אַ געלעכטער אָדער אַ געוויין איבער אונזער הילפלאָזיגקייט, איבער דער טראַגעדיע פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, וועלכער רייסט זיך אין דער אומענדלעכקייט אַריין און קאָן דאָך אין ערגעץ נישט קומען.

דער פּראַגמאַטיזם, וואָס איז אַנשטאַנען אין אַמעריקע אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט געזאָלט דינען ווי אַ דאַמבע פאַר דעם שטורמיש־לויפנדיקן גייסט פון דער פילאָזאָפיע: דידאָזיקע שיטה האָט זיך פאַרנומען אָפּצוהאַלטן דעם ווייטערן לויף פון דעם פילאָזאָפישן געדאַנק אין דער אומענדליכקייט, ווייטער און ווייטער אַוועק פונם מענטשן, פון דער גאַנצער — פּראַקטישער — וועלט און אים ברענגען צום מענטשן, אויסנוצן דאָס העכערע דענקען פאַר די אינטערעסן פון דער מענטשהייט; וואָדים אויב דער פילאָזאָפישער געדאַנק קאָן סיי־ווי אין ערגעץ נישט גרייכן און מוז צום סוף צוריקקומען צו דער ערד — טאָ איז דאָך בעסער ער זאָל באַלד נישט פליען אומזיסט און אומנישט; אָבער דאָס איז דאָך אין גרונט געגומען אַ פאַרלייקענונג פון דער פילאָזאָפיע, פון איר סאַמע טבע; אָפּשטעלן זיך, מיינט אויפהערן, אַטראָפירט ווערן.

ס'איז זיכער: טשאַרלס פּיערס, דער גרינדער פון דערהדאָזיקער שיטה, איז געקומען דערצו פון פאַרצווייפלונג, פון פילאָזאָפישער רעזיגנאַציע: „אויב מ'קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער"; און אַזוי זעען מיר, אַז בעת פון איין זייט ווערט די פילאָזאָפיע פּראַקטיש, פליט זי פון דער אַנדערער זייט אַריין אין די ראַיאָנען פון מעטאַפיזיק, פון טעאָזאָפיע, וואו אוממיטלבאַרער גלויבן ברענגט רו און פרידן פאַר דער נשמה; און אַנדערע פילאָזאָפן ציען זיך מיד צו אינדיע, צו נירוואַנאַ, וואו עס איז אויסטון זיך פון זיך אַליין, פון דעם אייגענעם „איך". מידקייט קומט. איז די פילאָזאָפיע באַנקראָט, אָדער זי איז ערב אַ נייעם רענעסאַנס? און וואָס קאָן זי אונז ווייטער ברענגען? וועט זי ווען־עס־איז דען יאָ קענען אונז געבן אַ צענטראַל־פּונקט, רו פאַר דער נשמה, אַן ענטפער?

איז עס דעריבער דען אַ וואונדער, וואָס אַ וויליאַם דזשעניננגס ברייען האָט אַזוי פאַרצווייפלט געקעמפט פאַר דער קאָסמאָלאָגיע פון חומש? דער מענטש וויל סטאַטישקייט, רו, באַרואיגונג. וואָלט מען אים אונטערגעטראָגן אַן אַנדער וועלט־בילד אַנשטאָט דעם ביבלישן, וואָלט ער בים־לעכוויז זיך אַריינגעלעבט אין דעם. אָבער פאַרבייטן אַן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָליקע, שוין־באַשאַפענע, סטאַטישע וועלט אויף כאַאָס, אויף תוהו־ובוהו — דאָס נישט! בלויז יחידי־סגולה קענען זיך דרייען אין כאַאָס. און מען דאַרף גאָרנישט לאַכן פון די פונדאַמענטאַליסטן. אויב לאַכן איז פאַראַן געגנוג פון דער פילאָזאָפיע. ס'איז אַ ווייטוטיק געלעכטער: דאָס געלעכטער איבער זיך אַליין, איבער דער אייגענער הילפלאָזיקייט.

און די פילאָזאָפיע שלאָפט איין פון מידקייט...

פייגע לאה די משוגע׳נע

(דערציילונג)

קיינער האָט כמעט ניט באַמערקט, אַז דער מיטלפּונקט פון דעם שטעטל איז געווען דער הויכער, דינער בוים מיט די לענגלאַך דינע בלע־טער וואָס פלאַטערן שטענדיק אַרויף צום הימל צו.

די גאַס איז געווען אַן אויסגעבויגענע, אין פאָרם פון אַ סערפּ, און אַז מ׳איז נאָר אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, איז מען שוין געווען באַהאַלטן אין איר בויג.

אַז פייגע לאה די משוגע׳נע פלעגט אָנקומען, איז צוערשט געלאָפן אַ שטיין, אַלס צייכן, אַז זי קומט.

פייגע לאה איז געווען אַ שיינע, יונגע, פעסט־געבויטע מויד: איר שפּאַן איז געווען פלאַך, פעסט און זיכער. די ערד האָט אונטער איר געציטערט. און כאָטש זי איז נישט געווען קיין זעלטענער גאַסט אויף דער אידישער גאַס, איז דאָך געווען שווער צו דערבליקן זי, פון צווישן די מאַסן יונגוואַרג וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. ס׳איז שוין געווען אַ געוויינט־לאַכע זאַך, אַז קינדער זאָלן איר נאָכפאָלגן מיט שטיינער און שטעקנס אין די הענט, כאָטש זיי פלעגן ניט שטענדיק באַנוצן דאָס געווער, אָבער ס׳איז שוין געווען אַזאַ מנהג. פון דערווייטנס פלעגן זיי זי שטורכן מיט די שטעקנס און שלעפּן פאַר׳ן עק פון איר קלייד. זי פלעגט זיך אָבער זעלטן ווען אויסדרייען אַ קוק טאָן הינטער זיך. אויפ׳ן אַקסל האָט זי געטראָגן אַ טונקעל ברוינעם טוך וואָס האָט געגרייכט כמעט ביז דער ערד און צוגעגעבן אַ מייעסטעטישן אויסזען איר שלאַנקער פיגור. אירע ליכטיק־ברוינע האָר האָבן איר געגרייכט ביז די אַקסל און דאָרט זיך אָפּ־געליינט ווי שווער פאַראָסעטע רינגען.

מ׳פלעגט זעלטן ווען באַמערקן פון וועלכן געסל זי האָט זיך אַריינ־געשניטן אין דער קיילעכדיקער גאַס. שטענדיק פלעגט זי דערציען איר גאַנג ביז אונטער׳ן הויכן בוים און דאָרט, אויף דעם באַשטימטן אָרט, אויף די שוואַרצע הילצערנע טרעפּ פון דעם אַלטן הויז, זיך זעצן און קוקן אויף יעדן מיט אירע גרויסע, גרוי־וואַסערדיקע אויגן, און ס׳האָט זיך געדוכט אַז זי קוקט אויף יעדן אַזוי מילד, ווי דורך אַ פענסטער־שויב.

זי פלעגט זעלטן צו אימיצן ריידן; נאָר אַז זי האָט זיך געפונען אויף דער גאַס שפּעטלאַך אין דער נאַכט אַריין, האָט זי שוין געהאַט אירע באַשטימטע ערטער וואו זי פלעגט זיך דערבעטן מ׳זאָל זי לאָזן איבער־נעכטיקן.

דאָרט וואו זי פלעגט נעכטיקן פלעגט זי שטענדיק פאַריגלען טיר און טויער, און נאָך צולייגן ברעטלאַך און אַלעם וואָס ס׳איז איר געקומען צו דער האַנט, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר׳ן ווינט, פלעגט זי זאָגן. דעם מינדסטן גערויש פון דרויסן פלעגט זי דערפילן, און אָפט פלעגט זי פאַרשווינדן אין מיטן דער נאַכט. און אַז מ׳האָט זי וועגן דעם געפרעגט, פלעגט זי זאָגן, אַז דער ווינט האָט זי אַרויסגע׳גנב׳עט, אָבער דעם ווינט האָט זי ליב און אַז ער האָט איר עפּעס צו דערציילן — מוז זי גיין.

פלעגט מען זען ווי גאַנצע טעג קלייבט זי שטיינער אין די פאָלעס פון איר קלייד און וואַרפט זיי אין אַ באַשטימטן אָרט אין וואַסער אַריין. און איר אַרבייט טוט זי פלייסיג, סיי אין די גרעסטע היצן אָדער שלאַקס־

דעגן, ווי זי וואלט אויף זיך געהאט א שטרענגע אבער אנגענעמע פליכט אויסצופירן.

און אז פארבייגייער פלעגן פון יענער זייט טייך הערן א ווילד געלעכטער זיך גיסן אין טייך צוזאמען מיט הורבעס שטיינדלאך, פלעגט מען וויסן פון וועמען דאס קומט; און אמאל פלעגט זי קריצן מיט די ציין און זיך ווילד בייזערן אויפ'ן טייך. איר ציל איז געווען צו פארשיטן דעם טייך. זי מוז אים, דעם טייך, שטערן אין זיין שטענדיג גלייכן וועג אראפ־שטראם, ווייל ער קומט קיינמאל נישט צוריק. און די גוים מיט די ברייטע לאנגע „פלאקעס" קומען אויך קיינמאל נישט צוריק, נאר פארן שטענדיק אראפ־שטראם.

פונקט אויף דעם ארט וואו זי פלעגטווארפן די שטיינער איז דער קעסל־גרוב, און דארט געפינט זיך דער וואסער־מענטש, וואס מוז יעדעס יאר האבן א מענטשן. און פארוואס ער נעמט יעדעס יאר צו מער ווי איין מענטש, ווייסט זי טאקע נישט. ביינאכט קומט דער וואסער־מענטש ארויס און שפילט זיך דא צווישן די יונגע לוסטיקע בוימלאך. אמאל האט זי דא אין וואלד גענעכטיקט, האט זיך דער ווינט צוקריגט מיט'ן וואסער־מענטש דורך איר. ביידע האבן זי געוואלט. אבער זי האט בעסער אויסגעקליבן דעם ווינט, ווייל זי האט ניט ליב זיך צו נעצן אין וואסער, און זי האט דאס אים, דעם ווינט, טאקע געזאגט. זאל ער וויסן.

אפט, וואנדערנדיק איבער די ליכטיג זוניקע פעלדער און וועלדער, דערפילט זי זיך אזוי פאראומערט און קען זיך קיין ארט ניט געפינען, און ווייסט אליין נישט וואס זי וויל; רייסט זי פאסן פון איר קלייד און פון אלע גראזן און בוימלאך וואס שטייען איר אין וועג; שטעלט זי זיך אפ פארטראכט, דאן דערמאנט זי זיך אז אט וואס זי וואלט געוואלט: פארוואס ווייסט זי נישט וואו איר מוטער'ס קבר איז? ווען זי וואלט דאס נאר וויסן, וואלט זי אהין גענאנגען אפרוען אירע מידע ביינער און דערציילט דער מוטער אירער וועגן איר פיין און די וואונדן אירע, פון די שטיינער וואס באפאלן זי אין גאס ווי א האגל; זאל די מוטער אירע וויסן ווי די פיס אירע ווייקן זיך אין שטענדיקער נעץ אדער בראטן און שטעכן זיך אויף די הייסע שטיינער; איר געליבטער, דער ווינט, ער איז איר געטריי, ער טרייסט דאך זי און דערציילט איר מעשיות, גלעט און קושט זי, אבער אמאל רייסט ער פון איר פאסן פאר ליבשאפט; וואלט זי נאר געוואוסט וואו איר מוטער'ס קבר איז, וואלט זי נישט געדארפט זיין אליין מיט די שטורמישע דונערן און בליצן, ווען דער ווינט איז אזוי צורייצט.

לייבל דעם וואלד־שאפער האסט זי ווי דעם טויט. נישט איינמאל האט ער זי ביי די האר ארויסגעשלעפט פון שטיבל וואס פון יענער זייט בריק ביי דער מיל. אלע נאכט וואלט זי וועלן דארט זיין. ס'איז דארט אזוי לעבעדיק און פריילאך. און אז די ציגיינער מיט די ווייס־בלישטשענדיקע ציין שפילן אויף א מארש, דוכט זיך אז ס'טאנצט די גאנצע וועלט. די שיקסעם מיט די שקצים דרייען זיך געשווינט, ווי דער ווינט, און ס'וויקלען זיך ארום זיי די רויטע לאנגע סטענגעס מיט די לאנגע צעפ פון די שיקסעס, ווי די בייטשן, אז מ'זעט זיי קוים ארויס, און זי איז אויך ווי איינע פון די שיקסעם און טאנצט אויך מיט מיט זיי.

אז לייבל שאפער האט זי ארויפגעווארפן אויפ'ן וואגן, האבן אלע אידן וואס זיינען אין וואגן געזעסן, געציטערט פאר שרעק. זי ווייסט שוין פון לאנג אז מ'האט פאר איר מורא, דערפאר האט זי טאקע פון זיי געלאכט הויך אויפ'ן קויל. ס'איז דאן געווען אזוי פינסטער אין

דרויסן, די אויסנעשלאָגענע פענסטער פון שטיבל האָבן אויסגעזען ווי שווארצע קעלערס.

איינמאָל האָט זי זיך איינגערעדט אז זי מוז זען ווי ווייט דער טייך ציט זיך און וואוהין ער גייט: ס'מוז זיכער נעמען פיל טעג און נעכט ביז דער פלאָק דערשלאָגט זיך ערגעץ און שטעלט זיך אָפּ; זי מוז זיך אַמאָל אויפזעצן אויף א פלאָק און זיך לאָזן אויפ'ן פלאָך פון טייך וואָס שנייט דורך ווי א מעסער דאָס פעלד און וואלד. ביינאכט, ווען די פלאָקעס פאָרן, זעט זיך ווי א קליין פייערל קומט פון ווייטען און דער טייך שווענקט זיך טיף אין די ברעגן.

אז פייגע לעה די משוגע'נע האָט זיך מיטאמאָל אויף דער גאס אויפגעהערט צו ווייזן, האָט ווי עפעס געפעלט. די בלעטער פון הויכן דינעם בוים האָבן עפעס ווי פרעגענדיק געהוזשעט.

ברוך קאצענעלסאָן

ווי אַ זינקענדיקע שיף

ווי א זינקענדיקע שיף,
נידער איך אין טיפן שווייגן.

פאַלט אוועק פון מיר דאָס לעבן,
ווי דער ים פון ברעג.

פון מיינע פּיס שפּרייט זיך ליכטיקייט,
פארמאכט די אויגן מיר.

מיינע זעענדיקע הענט
רוען אָפּ אויף סטרונעס ליכט.

ווי ווייסע וואָלקענדלעך צערינען שלייערן —
דערזע איך זיך אליין.

די לעצטע טעג

די לעצטע טעג פון מיין זיין
לויכטן מיט שווייגענדיקע חכמה —
געסט פון א ווייטן לאַנד.

אין די ארעמס פון מיינע לעצטע טעג
רוט די לאַסט פון מיין לעבן —
אַן אַנגעזויגן קינד.

לויטערקייט אין מיר.
טרערן פארלאָזן מיינע אויגן —
שיריים פון לעבן.

פארטאָג, מיר צוקאָפּנס,
טריפן מיינע לעצטע טעג —
נשמה-ליכט.

ר. וו. עמערסאן

SELF-RELIANCE*)

(עסיי)

אידיש פון ש. ווייסמאן

נאך דער השגה פונ'ם דורכשניטליכן מענשן, זיינען מדות טובות גיכער אן אויסנאם איידער א געוויינטלאכע זאך. דער מענש איז זיך באזונדער, און זיינע מדות טובות — באזונדער. מענשן טוען אפ אזוי צו זאגן א גוטע זאך, ווי א שטיק העלדענטאט אדער צדקה, כמעט אזוי ווי זיי וואלטן געצאלט קנס פאר ניט ווייזן זיך טעגליך ביי אן עפענטליכן פאראד. אלץ וואס זיי טוען איז א מין פארענטפערן, גערעכטפערטיגן זיך פאר זייער לעבן אויף דער וועלט, אזוי ווי פיזיש און גייסטיג קראנקע מענטשן צאלן גרויס קעסט געלט. זייערע מדות טובות זיינען מעשה תשובה.

איך וויל זיך נישט פארענטפערן, נאר לעבן. מיין לעבן איז זיך א זאך פאר זיך, און ניט לשם ספעקטאקל. כ'קען גיכער באשטיין, אז ס'זאל זיין פון א נידריגערער מדרגה, אבי ס'זאל זיין אויפריכטיג און גאנץ, איידער ס'זאל זיין גלאנצנדיק און אומזיכער. איך וויל אז ס'זאל זיין מונטער און אנגענעם, און ניט דארפן קיין באזונדערע פארזיכט און רפואה.

איך וויל האבן אומבאשטרייטבארע ראיות, אז דו ביסט א מאן, און ב'וועל ניט אנערקענען די טענה, אז מ'זאל אורטיילן דעם מענשן נאך זיינע מעשים. איך ווייס אז אין מיין פאל איז עס גאר קיין נפקא מינה ניט, צי איך טו, צי איך טו ניט יענע מעשים וואס ווערן באטראכט אלס אויסגעצייכנטע. איך קען ניט מסכים זיין צו צאלן פאר א פריווילעגיע דארט, וואו כ'ווייס, אז איך האב א נאטירליך רעכט. ווי ווייניק און שוואך מיינע מעלות זאלן נישט זיין, בין איך זיכער אז איך לעב, און דארף אודאי ניט האבן, ניט צוליב מיין אייגענער זיכערקייט, און אויך ניט צוליב דער זיכערקייט פון מיינע פריינט, קיינע ווייטע ראיות.

נאר דאס וואס איך זאל טאן, איז מיך נוגע, און ניט דאס, וואס מענשן טראכטן זיך. אט דער כלל, וואס איז אזוי שווער אין דעם פאקטישן, ווי אין דעם גייסטיקן לעבן, קען באצייכנען דעם גאנצן אונטערשייד צווישן גרויסקייט און קליינליכקייט. דער כלל איז זייער שווער שוין דערפאר, וואס ס'זיינען אלעמאל דא אזעלכע וואס מיינען, אז זיי ווייסן גיכער פאר דיר וואס דיין פליכט איז. ס'איז לייכט אין געזעלשאפט צו לעבן לויט די פארשריפטן פון דער געזעלשאפט: ס'איז לייכט אין געזעלשאפט צו לעבן לויט די אייגענע פארשריפטן. אבער דער גרויסער מענש איז דער, וואס קען אויפהאלטן מיט אן אנגענעמער לייכטקייט אין מיטן פון דער מאסע די זעלבסטשטענדיגקייט פון איינזאמקייט.

דער חסרון פון האלטען זיך ביי טויטע מנהגים, וואס מיינען פאר דיר גארניט איז דאס, וואס ס'צעשלאגט דיינע כוחות, ס'פארשווענדעט דיין צייט, און ס'בלאנקט אפ דער גלאנץ פון דיין וועזן. אויב דו האלסט זיך ביי אן אפגעשטארבענער קירך, ביזט א ביישטייערער פון א טויטער ביבל-געזעלשאפט, נוצסט אויס דיין שטימרעכט מיט א גרויסער פארטיי פאר דער רעגירונג אדער געגן איר, דו דעקסט דיין טיש פאר אלעמען ווי די בעלי־אכסניה, — קען איך ניט פון אונטער די אלע צודעקן, ארויסזען פונקטליך וואס פארא מין מענש דו ביסט. און אודאי ווערט אזוי פיל

---

*) זעה „קאנאדע‟, נומ. 1.

קראפט אפגעצויגן פון דיין אמת לעבן. טו אבער דיין ארבעט און איך וועל דיר באלד דערקענען. טו דיין ארבעט, און דיינע כוחות וועלן באנייט ווערן.

א מענש מוז דאך ארויסזען, אז דאס שטרעבן צוצופאסן זיך איז נית מער ווי א מין קינדערש שפילן זיך אין „האצמאך דער בלינדער". ווען איך ווייס די סעקטע צו וועלכער דו געהערסט, קען איך שוין פאראויסזאגן דיינע ארגומענטן. כ'הער ווי א פרעדיגער אנאנסירט אז זיין טעמע וועט זיין די נוצליכקייט פון איינער פון די מנהגים פון זיין קירך. ווייס איך רעדן נית פון פריער, אז ס'איז פאר אים אונמעגליך צו זאגן א ניי און פריש ווארט? ווייס איך דען נית, אז טראץ זיינע אנשטעלן צו באטראכטן די גרונדן פון דעם מנהג, וועט ער דאס נית טאן? ווייס איך דען נית אז דער מענש איז צו זיך זעלבסט פארפליכטעט צו באטראכטן די זאך בלויז פון איין זייט — די דערלויבטע זייט, נית אלס זעלבסטשטענדיקער מענטש, נאר אלס שטאטיקער גלח? ער איז אן אפיציעלער מליץ יושר, און זיין כלומרשדיגע אומפארטייאישקייט איז בלויז א פוסטער אנשטעל.

אזוי איז עס, מערסטע מענשן האבן פארבונדן זייערע אויגן מיט איין טיכל אדער מיט אן אנדערס, און האבן זיך אנגעשלאסן צו א געוויסער אנגענומענער מיינונג. איבער אט דעם צופאסן זיך זיינען זיי פאלש, נית בלויז אין איניגע קליינינגקייטן, שאפער פון בלויז איניגע ליגן, נאר זיי זיינען פאלש אין אלע איינצעלהייטן. יעדער אמת זייערער איז נית אינגאנצן אמת. זייער צוויי איז נית באמת צוויי, און זייער פיר אין נית באמת פיר. יעדעס ווארט וואס זיי זאגן ארויס קרענקט אונז, און מיר ווייסן גארנית וואו און ווען אנצוהייבן זיי צו פארבעסערן. און דערווייל פלייסט זיך די מוטער־נאטור צו באזארגן אונז מיט דעם תפיסה־מונדיר פון דער פארטיי, צו וועלכער מיר געהערן. מיט דער צייט נעמען מיר אלע ארויף אויף זיך דעמזעלבן שניט פון אויסזען אין געשטאלט, און שטופנווייז באקומען מיר דעם צארטן, אייזליש־אונטערטעניקן אויסזען. ס'איז דא דערביי הויפטזעכליך איין אונערטרעגליכער שטריך, וואס לאזט א טיפן רושם אויך אין דער אלגעמיינער געשיכטע, איך מיין: דער תמ'עוואטער אנשטעל פון התפעלות, דאס געצוואונגענע שמייכעלע, וואס מיר שלעפן אויף זיך ארויף, ווען מיר זיינען אין א געזעלשאפט, וואו מיר פילן זיך נית גאר באקוועם, אלס ענטפער אויף א געשפרעך וואס אינטערעסירט אונז נית. די מוסקולן, וואס באוועגן זיך נית ספאנטאן־פריי, נאר מיט גרויסער, דערנידערנדיקער אנשטרענגונג, פרעסן זיך צונויף ארום די געזיכטס־שטריכן, און שאפן דערביי א זייער אומאנגענעם געפיל, א געפיל פון פארוואורף און פון ווארנונג, וואס קיין מוטיקער יונגערמאן וואלט נית געוואלט דורכלעבן נאך אמאל.

פאר נית־צופאסן זיך שמייסט דיך די וועלט מיט איר אומצופרידנקייט. און דעריבער דארף דער מענש זיך אויסלערנען ווי אפצושאצן א זויער פנים. מ'וועט אויף אים קרום קוקן, סיי דער פארבייגייער אין גאס, סיי דער נאענטער אין זיין פריינטס שטוב. אויב די פיינטליכקייט וואלט געשטאמט פון אמת'ער פאראכטונג, אדער פון גייסטיקער שטארקייט ווי זיין אייגענע, וואלט דער מענש אודאי געמעגט אהיים גיין א טרויעריקער. אבער די זויערקייט פון דער מאסע האט אזוי ווייניק אמת'ן גרונד ווי זייער ליבענסווירדיקייט, ס'האט אין זיך קיין סימן נית פון געטליכקייט. ס'ערשיינט און ס'פארשווינדט לויט דעם, ווי דאס ווינטל בלאזט, אדער לויט די אנווייזונגען פון א צייטונג. דאך איז די

אומצופרידנקייט פון דער מאסע מורא׳דיקער איידער פונ׳ם פּאָליטיקער אָדער פונ׳ם געלערנטן. ס׳קומט אָן גאַנץ לייכט אַ מענשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וועלכער קען די וועלט, צו פאַרטראָגן דעם כעס פון די גוט־ערצויגענע קלאַסן. זייער כעס איז אָנשטענדיג און פאַרזיכטיק: זיי זיינען צוריקגעהאַלטן, ווייל זיי אַליין זיינען אויסגעזעצט צו דערזעלבער געפאַר. אָבער ווען צו זייער שוואַכן ווייבליכן כעס קומט צו דער גרימצאָרן פון דער מאַסע, ווען ס׳ווערן אויפגערייצט די אָרימע און די אומוויסנדע, ווען די רויע ברוטאַלע מאַכט, וואָס ליגט אין גרונד פון דער געזעלשאַפט, ער־וואַכט צו שרייען און צו קוויטשען, מוז מען דאָן אין זיך ווירקליך האָבן די מידה פון גרויסמוטיקייט און אַ טיפן רעליגיעזן געפיל, צו באַטראַכטן דאָס אומדערשראָקן, ווי אַ קלייניקייט, מיט וועלכען מ׳זאָל זיך ניט רעכענען.

די צווייטע סטראַשידלע וואָס שרעקט אונז אָפּ פון זעלבסט־צוטרויען, איז אונזער שטרעבונג נאָך אויסגעהאַלטנקייט. דאָס איז אַ יראת הכבוד וואָס מיר האָבן פאַר אונזערע נעכטיקע מעשים און ווערטער, נאָר דערפאַר וואָס די אַנדערע האָבן ניט קיין אַנדערן מאַסשטאַב, אויסער אונזערע אָפּגעטאָנענע מעשים, אום צו מעסטן אונזער אומפאַנגס־קרייז, און מיר ווילן שטאַרק ניט זיין אַנטוישט.

אָבער, פאַרוואָס זאָלסטו דען טראָגן דעם קאָפּ דיינעם איבער דיינע אַקסל? פאַרוואָס זאָלסטו זיך ארומשלעפּן מיט דעם מאָנסטער, מיט דיין זכרון, אוים בלויזער מורא טאָמער וועסטו ווידערשפּרעכען, וואָס דו האָסט אויסגעדריקט אויף איינעם אָדער אויף אַנ׳אַנדערן עפענטלאַכן פּלאַץ? און אפילו ווען דו זאָלסט זיך ווידערשפּרעכן, איז וואָס? ס׳איז גאָר אַ גאַנץ קלוג געזעץ זיך ניט צו פאַרלאָזן אויף׳ן בלויזן זכרון, אפילו אין זאַכן, ביי וועלכע דיין זכרון שפּילט אַנ׳אויסשליסליכע ראָליע, נאָר גיכער ברענגען די פאַרגאַנגענהייט פאַרן געריכט פון דער פיל־אויגיקער געגנ־וואַרט, און אַזוי לעבן אַלעמאָל אינ׳ם נייעם טאָג.

האָב צוטרוי צו דיינע געפילן. אין דיינע מעטאַפיזישע לערן האָסטו צוגענומען פון דער גאָטהייט די פּערזענליכקייט, אָבער ווען דיין נשמה ווערט באַאומרואיקט דורכ׳ן גלויבן, גיב זיך אונטער צו איר מיט האַרץ און נשמה, אפילו ווען ס׳זאָל באַקליידן גאָט מיט געשטאַלט און קאָליר. לאָז איבער דיין טעאָריע, אַזוי ווי יוסף הצדיק האָט געלאָזט זיין מלבוש אין די הענט פון דער זונה, און אַנטלויף.

אַ נאַרישע אויסגעהאַלטנקייט איז דער אָפּגאָט פון קליינע מוחות, און ווערט פאַרגעטערט פון קליינע שטאַטסלייט, פילאָזאָפן און גייסט־ליכע. די גרויסע נשמה וויל גאָרנישט וויסן פון אויסגעהאַלטנקייט, אַזוי ווייניק ווי פון זיין שאָטן איבער׳ן וואַנט. באַנאַריש זשע זיך ניט מיט אָפּהיטן דיינע ליפּן! פאַרנייי זיי שוין גיכער מיט גראָבען פּאָדים! ווייל אויב דו ווילסט זיין אַ מאַן, דונער ארויס וואָס דו דענקסט היינט מיט ווערטער שטאַרקע ווי קאַנאָנען קוגלען, און מאָרגען רעד איבער וואָס דער מאָרגען זאָגט דיר, מיט שטאַרקע ווערטער, כאָטש ס׳וועט ווידער־שפּרעכן אַלעם וואָס דו האָסט היינט געזאָגט. אך, דו וועסט אָבער מיס־פאַרשטאַנען ווערן, זאָגן די פאַרלעסליכע דאַמען. מיספאַרשטאַנען ווערן! דאָס איז אין דער אמת׳ן נאָר אַ ווערטל. איז עס טאַקי אַזאַ אומגליק מיס־פאַרשטאַנען צו ווערן? פּיטאַגאָר איז מיספאַרשטאַנען געוואָרען, ווי אויך סאָקראַט, יעזוס, לוטער, קאָפּערניק, גאַליליאַ, ניוטאָן און יעדער ריינער און קלוגער גייסט, וואָס האָט ווען געלעבט אויף דער וועלט. גרויס זיין, מיינט מיספאַרשטאַנען ווערן.

איך מיין אז קיין מענטש קען ניט פארגוואלטיקן זיין אייגן וועזן. אלע אויסבּרוכן פון זיין ווילן ווערן דאך הארמאנירט דורך דעם געזעץ פון זיין וועזן, אט אזוי ווי די שפּיציגקייטען פון די אנדעס אין הימאלאיען־בּערג זיינען פון קיין ווערט אין דעם בּויג פון דעם ערד־קוגל. און ס׳מאכט אויך ניט אויס ווי דו זאלסט אים ניט שאצן און פּרובּירן. א מענטשן־כאראקטער איז ווי אן׳אקראסטיק אדער ווי אן׳אלעקסאנדרינישע סטאנצא: לייען זי פארווערטס, ריקווערטס אדער אין דער בּרייט, ס׳וועט אלץ ארויסקומען דאס זעלבּע. לאמיך מיר פארצייכנען טאג בּיי טאג מיינע ערליכע געדאנקען, אן וועלכן פאראויסזען אדער צוריקקוקן, און איך צווייפעל ניט אז ס׳וועט סוף כל סוף זיין סימעטריש. כאטש איך באצוועק דאס ניט און זע עס ניט פאראויס. זאל מיין בּוך שמעקן מיט בעריאזעווע ריחות, און זאל עס אפּקלינגען מיט דעם זשומזשען פון די געפליגל. די שוואלבּ, וואס איז איבּער מיין פענסטער, זאל ארייננוועבּן יענעם פאדים אדער דאס שטרויעלע, וואס זי האט אין איר שנאבּל, אויך אין מיין געוועבּ אריין.

אונזער כאראקטער איז עפּעס ווירקזאמער ווי אונזער ווילן. מענשן מיינען אז זיי זיינען משפּיע אויף דער וועלט נאר דורך זייערע עפּענטליכע גוטע אדער שלעכטע מעשים, און זיי זעען ניט אז גוטס און שלעכטס שיקן ארויס זייער אטעם אויף דער וועלט יעדען מאמענט.

האבּ ניט קיין מורא, דו וועסט זיכער זיין אויסגעהאלטן, טראץ דער פארשיידנארטיקייט פון דיינע מעשים, אויבּ נאר זיי זיינען אלע אויפריכטיק און ערליך אין זייער צייט. ארויסשטראמענדיק פון איין ווילן, וועלן אונזערע מעשים זיין הארמאניש, ווי פארשיידן זיי זאלן ניט אויסזען. די אנדערשקייטן פארשווינדן, ווען נאר זיי ווערן באטראכט פון א געוויסער דיסטאנץ, פון א געוויסן שוואונג פון געדאנק. איין טענדענץ פאראייניקט זיי אלעמען.

דער וועג פון דער בּעסטער שיף איז א מין זיגזאג ליניע פון הונדערטער אפּווענדונגען. דאס איז ניט מער ווי א מיקראסקאפּישע קריטיק. באטראכט די ליניע פון א גענוגענדער דיסטאנץ, און זי וועט באלד שיער ניט גלייך זיין. דיין אויפריכטיקע האנדלונג וועט זיך אליין בּארעכטיקן, און וועט בּארעכטיקן אויך דיינע אנדערע אויפריכטיקע האנדלונגען. אבּער דיין צופּאסן זיך בּארעכטיקט און ערקלערט גארניט.

טו וואס דו טוסט בּשלימות, און וואס דו האסט בּיז איצט געטאן בּשלימות וועט דיך גערעכטפארטיקן. גרויסקייט ווענדט איהר אויג אלעמאל צו דער צוקונפט, אויבּ איך בּין איצט גענוג גרויס צו טאן וואס ריכטיק איז און זיך ניט רעכנען מיט קיינעמס מיינונג, איז דאס נאר דערפאר וואס איך האבּ בּיז איצט אזוי פיעל געטאן די ריכטיקע זאך אז ס׳קען מיך פארטיידיקן.

וואס ס׳זאל ניט זיין, טו איצט די ריכטיקע זאך. זיי מקבּל דעם מארית עין, און ס׳וועט דיר אלעמאל געלינגען. די מאכט פון א מענטשנס כאראקטער איז א זיך־אנזאמלענדע. אלע פארגאנגענע טעמים זייערע גוטע מעשים גיבּן אונז היינט צו געזונט. אין וואס בּאשטייט דען די מאיעסטעטישקייט פון די פּאליטישע און מלחמה־העלדן, וואס פארכאפּט אזוי אונזער פאנטאזיע? דער בּאוואוסטזיין פון א גרויסער צאל פון גרויסע טעג און גרויסע זיגן, וואס זיינען הינטער זיי. דארט שטייען זיי אלע, און בּאשטראלן דעם זיגרייכן העלד מיט א פילפאכיג ליכט. ער ווערט בּאגלייט פאר אלעמענס אויגן, פון א זעבּארער מחנה פון מלאכים. ס׳איז ־אס וואס ס׳פילט אן טשאטהאמ׳ס שטימע מיט א דונער כח, וואס בּא־

קליידט וואשינגטאנ׳ס אלע מעשים מיט מאיעסטעטישקייט, און וואס באלייכט אדאמ׳ס אויג מיט דעם גאנצן אמעריקאנעם גלאנץ. מיר האלטן טייער דעם אמת׳ן כבוד, ווייל ס׳איז ניט קיין פארביילויפנדע זאך. ס׳איז צו יעדער צייט א זאך פון מקדמונים. מיר פארגעטערן עס היינט, ווייל ס׳איז ניט קיין היינטיקע זאך. מיר האבן עס ליב און פארערן עס, ווייל ס׳איז ניט א מיטל געצילט צו כאפן אונזער ליבשאפט און פארערונג, נאר א זעלבסטשטענדיקע, פון זיך זעלבסט אפשטאמענדיקע זאך. דאריבער איז דער אמת׳ער כבוד אנ׳אלטער בעל יחוס, אפילו ווען ער באווייזט זיך ביי א יונגן מאן.

איך האף אז אין אונזערע צייטן וועלן מיר מער ניט הערן וועגן צופאסן זיך און אויסגעהאלטן זיין. זאלען די ווערטער פון היינט אן פארשריען און אפגעשאפט ווערן. אנשטאט דעם גלאק פון דער מיטאג שעה, זאלן מיר בעסער הערן דאס פייפן פון דער ספארטאנער פויק. לאמיר זיך מער ניט נייגן הכנעה׳דיק, און אויך ניט פארענטפערן זיך מער. א וויכטיקער מענטש קומט ביי מיר מיטאג עסן. איך זוך אים ניט געפעלן צו ווערן: איך וויל אז ער זאל זוכן מיר געפעלן צו ווערן. איך וויל האנדלען מענטשלאך, און כאטש איך וויל זיין פריינטלאך, וויל איך אבער אויך זיין אמת׳דיק.

לאמיר זיך אנטקעגן שטעלן און טאדלען די גלאטע מיטלמעסיקייט און די קליינליכע צופרידנקייט פון אונזער צייט, און לאמיר ארויפשליידערן צום פנים פון די פארשטייער פון דער טראדיציע, פון די סוחרים און פון די אפיציעלע מענטשן דעם פאקט, וועלכער איז דער ברענפונקט פון דער גאנצער געשיכטע, אז אין יעדן לעבעדיקן, ווירקנדיקן מענטשן געפינט זיך א פאראנטווארטליכער דענקער און העלד, אז אנ׳אמת׳ער מענטש געהערט ניט צו קיין אנדער צייט אדער צו קיין אנדער פלאץ, נאר אז ער איז דער מיטלפונקט פון אלצדינג. דארט וואו ער איז, דארט איז די נאטור. ער באשטימט זיין ווערט און די ווערט פון אלעמען און פון אלצדינג. דו פילסט זיך געצוואונגען אנצונעמען זיין מאסשטאב. געוויינטליך דערמאנט אונז יעדערער פון אונזער געזעלשאפט אן עפעס אנדערש, אדער אן אימיצן אנדערש. אבער דער כאראקטער, די ווירקליכקייט דערמאנט אונז ניט אן קיין אנדערע זאכן: ס׳פארנעמט דעם פלאץ פון דער גאנצער שאפונג.

דער מענטש מוז באמת זיין אזוי גרויס, אז אלע אומשטענדן ארום אים זאלן ווערן אומוויכטיק, אז אלע נישטיקייטן זאלן פארשאטנט ווערן. אלע גרויסע מענטשן זיינען דאס און טוען דאס. יעדער אמת׳ער מענטש איז א פאראורזאכער, א לאנד און א דור; ער באדארף אונענדליכן רויב. צאל אין צייט פאלשטענדיק צו פארווירקליכן זיין געדאנק, — די צוקונפט גייט אין זיינע פוס טריט, ווי מ׳גייט ביי א פראצעסיע. א מענטש צעזאר איז אויף דער וועלט געקומען, און אויף לאנגע, לאנגע דורות שטייט א רוימישע אימפעריע. קריסטוס איז געבוירן געווארן, און מיליאנען הערצער זיינען אזוי צונויפגעוואקסן און באהעפט געווארן מיט זיין גייסט, אז ער ווערט אינדענטיפיצי־ט מיט דער נשמה פון גוטסקייט און מיט די העכסטע מעגליכקייטן פונ׳ם מין מענטש. אן אינסטיטוציע איז ניט מער ווי דער אויסגעצויגענער שאטן פון איין מענטשן, אזוי ווי די רעפארמאציע — פון לוטערן, קוויקעריזם — פון פאקסן, מעטאדיזם — פון וועסלין, נעגער באפרייאונג — פון קלארקסאנען. מילטאן רופט אן סקיפאנען „רוימ׳ס העכסטער שטאפל״, און די גאנצע מענטשלאכע געשיכטע קען זייער לייכט דערקלערט ווערן אלס די לעבנס־באשרייבונג פון געציילטע מוטיקע און ערנסטע פערזענליכקייטן.

א. ש. שקאָלניקאָוו.

לידער

1

פאָלק, דו וועסט מיך אַמאָל פארגעסן,
אין דיין גוף וועט מיין נשמה רוען —
ווי א וויינשלאָף וועל איך זיך פארלעשן,
אין דיין זאַטקייט, אין דיין גרויען...

פאָלק, אין דיינע אויגן דויערט מיין חלום —
פרייד־טעג און פרייע, פרוכפערדיקע נעכט —
אויף ווייטע וועגן אויפגעהעלטע אין שלום,
ברייננגט דיך נאָך מיין וואָר אַן עלנדן קנעכט...

פאָלק, א האר וויל איך זיין איבער דיר!
איך וויל הארן איבער דיינע טרויער־טעג! —
יעדן טאָג קומט די וועלט צו מיין טיר,
טוט זיך א נויג, גיט ליכטיק א פרעג:

האר פון דער ערד פון דעם פאָלק פון טרויער־טעג,
וואָס איז דיין גורל, אין שטומקייט דיין וועג? —
די ברעגן פון דער וועלט, רופן אלע פיר...
— פאָלק, א האר וויל איך זיין איבער דיר!

2

פון וואָרט צו וואָרט מיין כח באַגערט,
קלאַנג פון בלוט, קלאַנג פון ביין;
בלוט אין מיינע אָדערן ווערט פארמערט.
אין וואָרצל פון מיין הארץ נערט נאָר א באַגער —
וואָרט פון בלוט אין וואָרטיקן שיין,
אין בויג פון צונג, אין פלינקן געהער.

אינם ניגן פון שטראַליקן שיין
גאָלדיקט די אומרו פון מיין גוף:
שיין צעשפרייט געזאַנג פון סוף,
סוף, וואָס מערט מיר שטילן פיין.

איך טראַכט פון זיך ווי בלוט און ביין,
כ'פיל זיך ווי ערד אונטער מיינע פיס;
און פון שטומן צער דער פיס
קרייזט ווי באַלזאַם ארום מיין געוויין.

3

נאָר איך וויין ניט,
שיינקייט גילט ארום מיר —
כ׳נעם, וואָס קומט מיר,
כ׳נעם עס מיט.

פון מענטש, פון קינד,
פון געשטאַלט די ראָס —
איך פּאַס איין אין צאָם
די געלעבטע זינד.

פון בילד צו בילד —
די רויע פאַרב איז מיינע,
דער טאָן, די שטריכן פיינע —
פאַר פרעמדע אַ שילד...

ניט פרעמד דעם לעבן,
ניט פרעמד אויך דעם טויט:
אויפ׳ן מעסער פון ברויט
טוט מיין האַלז שוועבן...

נאָר איך וויין ניט,
ליבע רינגלט ארום מיר —
כ׳גיב אַלץ, וואָס קומט איר
און נעמט עס מיט...

4

וואָס איז די גבורה, וואָס באַוועגט מיך?
מיט כח שטעל איך זיך אויף דער ערד:
פון שטרייטנדיקע יאָרן די משא אויף זיך,
גיי איך אין גאַלאָפּ מיטן רויש פון פערד.

האַסטיק טרייבן מיך מיינע יונגע טעג;
אנטקעגן מיר טאַנצט די וועלט אין פלאַמיקן ראָד,
אין בלענדעניש טאַנצט דאָס לעבן אויף מיין וועג,
און דער טויט שפּרינגט נאָך מיט גנאָד.

פון ראָג צו ראָג, איבער גאַס און שטאָט,
קלינגען מיינע פיס דעם נגון פון צייט —
הונדערט־גאַרנדיקע מויערן איבער מיין טראָט
ליכטיקן אויף צו די טעג צושטרייט.

וואָס איז די גבורה, וואָס באַוועגט מיך?
כ׳באַוועג זיך ווי קוועקזילבער אין מיין צעל,
און שווערן געדאַנק נעם איך אויף זיך,
און ליכטיק צוזין און צוזינג מיין זעל.

5

דאָס איז מיין זעל — פון חלום ערשט ארויס —
דאָס בין איך אזוי צייטיג אויף דער ערד.
און דאָס איז מיין קול אזוי הילביק־גרויס —
דאָס האָט מיין דור אין חלום מיך געהערט
רייטנדיק צו דער וועלט פון מיין מאַמעס שויס.

דאָס איז מיין צייט — פון רו ארויס —
דאָס בין איך אזוי אומרואיק אין די טעג;
און מיין נאָמען טראָגט זיך דורך גאס און הויז —
דאָס האָט מיין דור גענומען זיך אזא וועג,
וואנדערן אין מדבר, וואו עס וועלקט די רויז.

דאָס איז מיין דור — אין קריג אריין —
דאָס בין איך אזוי בלאַנקיק צושטרייט,
מיט ביקס, האַק, לאָם, מעסער און פיין —
דאָס האָט מיין דור פון אורטרויער זיך באפרייט
אינ'ם קלאַנג פון מיין זעל פון אורשיין.

6

אור־שיין גאָלדענער ברענט איבער'ן שטאָט,
אין אש־שטויב וויקלט זיך דער פלאָם, —
אין שיין פון פלאָם אין מיין טראָט
זינגט דער פרילינג פון דורות מיט טעם
צום יונגן פון זון אויפגעוואכטן גאָט.

אַ, גאָט! מיין פריינט ביסטו!
ביסט מיט מיר אין אומרו, אין טרויער;
פון אלע שטערן שיקסט מיר רו,
ווען ס'באצווינגט מיך אַ חלום אַ גרויער.

נאָר איך חלום אין בלוט מיט טאָט,
אין דער גערדיכטקייט פון מאַסן ניט גראד,
אינ'ם פלאָנטער וואָס יאָגט מיך דורך זיי.
און אין שטאָט פון שטיינערנע, שטאָלענע ווענט
פלינגלט אויף מיין האַרץ — צו יעדנס געווענט,
שפּרייט אָטעם פון יום טוב און ריחות פון וויי.

7

ריחות פון ווײ מערט מיר די ערד.
אויף מײַנע ליפּן זאַנפּט דער טוי פון ווײ.
מיר איז דאָס מזל פון דער ערד באַשערט,
דופטן דורך מײַן לײַב מיט בלוט ווי שפּרײ,
איבער האַלץ, אײַזן, שטײן פון זון גענערט.

אין רײ מיט בוימער, בלומען און גראָזן
קאַליר איך ווי טײַך, פעלדער און ווײץ —
מײַן לײַב ליניעט אין שײַן בלוט־ראָזן,
מײַנע גלידער וויכערן מיט מאַגישן רײץ,
און אין מײַנע אויגן שפּילן ווײסע האָזן.

און אין רײ מיט גאַסן, מויערן, קופּאָלן
קאַליר איך ווי האַלץ, אײַזן און שטײן —
מיט מײַן לעבן פּיל איך אָן אַלע צאָלן,
נאָר מײַן טויט הינטער מיר גײט אַלײן
מיט שוואַרצע, לײדיקע שאָלן...

8

דער טויט האָט שוואַרצע, לײדיגע שאָלן
און דאָס לעבן פּילט זײ תמיד אָן —
איבער יעדנס קאָפּ פּלאַטערט טויטס־פאָן
מיט תכריכים, קברים אין קונסט געמאָלן.

נאָר דעם דור, וואָס איז שוין געבאָרן
ליכטיגן די יאָרן אַנטקעגן — רונדע זונען; —
אין מוטערס לײַב האָט אַ מלאך אים גליק געשוואָרן
בײַ דעם בלוט, וואָס איז אין פּײַן גערונען...

עס איז בײַ מיר אַן אײנציק קינד געבאָרן,
איך האָב עס אין אומגליק שוין פאַרלאָרן —
אַזאַ הוילער, וואונדיקער ווײ מיר געבליבן...
כ'האָב זײַן נאָמען אין ערגעץ ניט פאַרשריבן,
קײן קבר אין פעלד ניט געגראָבן,
קײן מצבה בײַ זײַן קאָפּ ניט געשטעלט —
אין זיבן שעה איז פאַרגאַנגען זײַן וועלט,
און עס טראָגן אים ערגעץ שוואַרצע ראָבן..

י. י. סיגאל

בריוו פון ניו־יארק

אידיש ליטעראַרישע סביבה — עפּעס איז דא יא פאראן אזוינס, נאר עס הענגט אין דער לופטן, בייט זיך ווי דאס וועטער יעדע קורצע שעה, און דאך שוועבט אויף איר שטענדיק די גרויע פארב פון מאנאטאניע. אויסערליך, פונאויבנאויף, דוכט זיך אויס אז עס שטורמט, טומלט און באוועגט זיך. ריכטונגען קומען אויף, צושפרייטן אזעלכע בונטפארביקע פליגלען, גלאנצן אין זייער פייערליכן אנהויב אזוי אויג־פארבלענדניק; טראדיציעס ווערן צוריסן און צופליקט. פעדיסטאלן ווערן אומגעווארפן. עס רוישט און רעש'ט אז ס'איז סכנות נפשות. אינאמת'ן אבער איז עס א מין צייט־אילוזיע, א מין מאדע נישט לשם קונסט און קולטור, נאר א שפיל אין פארביקער קינסטליכער פארבלענדעניש. די לעצטע עטליכע יאר איז עפּעס אויפגעטאן געווארן אין אונזער ליטעראטור. דער אויפטו איז אבער א גאנץ אנדערער געווען ווי יענער אנשטעל וואס איז געמאכט געווארן מיט'ן טומל אין גערודער וועגן ריכטונגען און נייע שולן. אונטער'ן געשריי האט זיך ווי תמיד און ווי אומעטום, אויסבאהאלטן א פאלש פנים. יענער פנים'לאזער פרעמדער וואס גנב'עט זיך אריין אין דער ליטעראטור דורך דער הינטערטיר, פארשטעלט און פארמאסקירט מיט אלע מאסקעס און ליטעראטור־טעאריעס, אנגעפארבט און פארפומירט מיט אלע קאלירן, פארבן און פארפומען פון „קונסט־חכמה".

ווי אומעטום, ווי אויף יעדן אנדערן געביט, אזוי אויך אין דער מדינה פון קונסט, ווערט געשאפן א זומפּ פון פאלשער פאליטיק. א צייט גילט עס, מאכט עס א געוויסן איינדרוק אויף יענע וואס שטייען שטענדיק פון יענער זייט טיר און פענסטער פון דער ליטעראטור און טוען ווען ניט ווען א קוק אריין אהין און זעען קוים די שאטנס פון דער ליטעראטור, אבער קיינמאל דאס אמת'ע וואס דארטן געפינט זיך. אויף יענע זייטיקע האט עס געמאכט אן איינדרוק און ס'איז קיין חידוש וואס גראדע די דאזיקע האבן זיך באלד געכאפּט פאר דער פען און ארויס מיט באגייסטערטען הורא. אומעטום, אין אלע צייטונגען און זשורנאלן, האט איר באגעגנט די ארטיקלען זייערע וועגן דער נייסטער ריכטונג אין אונזער פאעזיע. אפילו די פארטיי־זשורנאלן, וואס שטייען גאנץ ווייט פון אזעלכע ענינים האבן אויך אוועקגעשענקט א פאר לעצטע בלעטלאך פאר א רעצענזיע אויף א דיכטער'ס א בוך, און דערביי האט יענער בעל־טובה־רעצענזענט זיך ארויפגעיאגט מיט די נעגל אויף די שוין „אלט־געווארענע" „יונגע" און מיט אלע כחות זיי שטארקער אראפּגעשטופּט די קרוין אויפ'ן „מאדערנעם" ביז איבער די אויגן. איך וויים ניט פון וואנען זיי שטאמען די דאזיקע טובה־טוער. זיי זיינען אבער דער פרעמדסטער עלעמענט וואס רייסט זיך אריין אין די דלת־אמות פון אונזער שאפן און מאכען אן א מיסט מיט זייער פאפירענער קריטיק. נישטא ביי זיי די טיפע אחריות פאר דעם וואס איז געווארן טראדיציע, באדן און גרונט פאר ווייטערדיקן עכטן שאפן, פאר'ן אמת'ן קינסטלער. וואס ארט זיי. ביי זיי איז דאס בלויז שפּיל פון „אלט" און „יונג", „מאדערן" און „אוממאדערן". זיי האבן זיך געיאוועט צו זיין פריינט און פראטעזשירער אן קיינעמס איינלאדונג. נאטירליך זיינען זיי אן אנשפאר פאר די פנים'לאזע און כח'לאזע „טאלאנטן", וואס האבן זיך ניט אויף וואס צו האלטן אויסער אויף דער טעאריע „זייערער"... ווען מ'זאל בלויז אויף ציקאוועסט דורכ־

מישן די בלעטער וואו עס זיינען „אָפּגעזעצט" געוואָרן דידאָזיקע באַגייסטערטע הימנען, אויף ציקאַוועס זיי ניט דורכלייענען, וואָלט מען באַלד דערפילט דעם ריח פון צופוילטן שטרוי וואָס שלאָגט פון זיי ארויס. אין דידאָזיקע פעדערן פון כלומרשטער אנערקענונג האָבן זיך געפּוצט די טאַלאַנטלאָזע וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין דער ליטעראַטור. און, מאָדנע, פונקט ווי יענער אויפגעקומענער פּאַרוועניו, וואָס מאַכט פאַר זיין לעבנס־אינהאַלט די אַלע אויפגעבאַפּטע מאַניערן, אַלע עטיקעט־כּללים און בייגט זיך און נייגט זיך ביז איבל אַזוי, אַז גראָד דורך דידאָזיקע העפליכקייטן סטאַרטשעט בולט ארויס דער גראָביונג, און פונקט ווי דערדאָזיקער „דזשענטלמאָן", אונטער דער ארויפגעכאַפּטער הויט פון העפליכקייט בלייבט אַ פאַרטעמפּער און פאַרגליווערטער „בור". אַזוי האָט דער טאַלאַנטלאָזער אונטער דעם אָנשטעל פון „ריינער קונסט און עסטעטישקייט", פאַרגעסן די עלעמענטאַרע רעגלען פון מענשליכער עסטעטיק. און ס'איז פאַר אים געוואָרן „נאַטירליך", „סוביעקטיוו־נויטיק", אין זיין אייגענעם זשורנאַל, אונטער די אייגענע ליידיקע פערזן, איבערצודרוקן אַן אַרטיקל, וואָס אַן „אייגענער" פון דעם בעל־טובה־קריטיקער, האָט אין אַן ענגלישן זשורנאַל אָפּגעדרוקט וועגן אייגענע מענטשן. איז זייער לייכט דאָס צו דערקלערן פּסיכאָלאָגיש. דער גאַנצער מהות, דער גאַנצער פאַרנעם פון דעמדאָזיקן מין „פּאָעטן", וואָס קיין שום זאַך איז זיי ניט שווער. פאַר קיין שום זאַך וועלן זיי זיך ניט אָפּשטעלן, לעבנדיק אין דער פאַלשער אילוזיע, אַז מ'קאָן זיך אריינשמוגלען אין דער ליטעראַטור. מענטשן אָן אַ איך, איז אַלץ פאַר זיי דערגרייכבער־נאָענט. טיף אין זייער אייגענער שמאָלקייט לעבט מסתמא אַ שטיקל צווייפל. און אפשר — יאוש. די אומגליקליכע צייט און סביבה אָבער, וואו זיי האָבן דערפילט באַו זיך אַ טראָפּן לופט צו אָטעמען אויף אַ קורצע ווייל, פאַרבלענדט זייערע מחות און זיי לעבן מיט אַ מאָדנעם אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט שרייענדיקער וויכטיקייט. טוען אַ צונעם די הענט אין דער ברייט און — כבודו מלא עולם — די גאַנצע ליטעראַטור איז פול מיט זיי. ליטעראַטור האָט אָבער אירע אייגענע חשבונות אונטערן טומל און געפילדער, אונטער אַלע שרייענדיקע טעאָריעס און תורות, וועבט זיך איר אייגנאַרטיק געוועב. קיין איין שעטנז פעדימל גנב'עט זיך ניט אריין אין אירע אייגנאַרטיקע איזאָרן. אין צייטן פון ווירבלדיקן איבערגאַנג־טומל, שווימען ארויס אויף איר אויבערפלאַך אַלערליי אומריינקייטן און פרעמדע אָנגעטראָגענע מיסט־שטיקער. די וואָס האָבן פאַר זייער עובדא געמאַכט צו פירן פּאָליטיק אין דער ליטעראַטור, וואָס האָבן פלוצלינג דערזען פאַר זיך אַ געלעגנהייט אריבערשרייען דעם אייגענעם כח און דערהערט ווערן ווייטער מיט אַ תחום־שבת פון אייגענעם ווינקל, וואָס האָבן פאַרלאָרן די חשיבות צו זיך און צום אייגענעם שאַפן, אויך אַ דאַנק געוויסע אויסערליכע סיבות, פאַר זיי איז אפשר וויכטיק צו פאַרוואַנדלען דעם „הויף" אין אַ מאַרקפּלאַץ, און ווייזן ווי לייכט ס'קומט זיי אָן צו פאַרוואַנדלען דאָס קינסטלערישע אין זיך אין קונצנמאַכעריי. די אָבער וואָס קאָנען זיך באַגיין אָן דעם, פילן ניט קיין שום נויטיקייט אין קריג. רייסען זיך ניט אויפן קול. זיי דערהערט מען סיי ווי, און דאָרטן וואו זיי דערגרייכן ניט, דאַרפן זיי ניט דערגרייכן; אין יענער לופט לעבט אַן אַנדער מין. ס'איז נאָך ניט גאַנץ קלאָר די לופט אין אונזער ליטעראַרישער אַטמאָספער, אָבער עס איז שטיל, שטילער. ס'זענען ניט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציעס, עס זענען בלויז צוגעקומען אַ פּאָר נייע מענטשן, נייע טאַלאַנטן צו די פריערדיקע. און די וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועט געלינגען זיך אריינשמוגלען און בלייבן

קומען, וויכטיקע, ערליכע און באַדייטנדיקע. דורך זייער ליד, דורך זייער פרישן וואָרט, פילן מיר דאָס געזונטע פולסירן פון אונזער ליטעראַטור, דאָס אָטעמען פון די וואָרצלען אין דער זאַפטיקער ערד פון איר טראַדיציע. מיר קאָנען קיין סך־הכלען ניט מאַכן און דאַרפן דאָס איצט ניט טון. קלאָר איז אָבער אַז צו די פּאָר עכטע דיכטער אונזערע פון פריערדיקן פּע־ריאָד: מאַני־לייב, לייוויק, לאַנדוי, האַלפּערן, אייזלאַנד, זיינען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר נעמען. אויסערליך מערקט זיך נאָר אַ געוויסע דערוואַיטערט־קייט אָדער אָפּגעזונדערטקייט פון די נייסטע צו די פריערדיקע יונגע, עס ווערט אָבער, אינערליך, געשאַפן אַ דערנענטערונג, אַ דערקענען זיך, אַ היימליכקייט. היימישע מענטשן אונטער איין דאַך...

יולי, 1925.

חיים קרול

לידער

1

כ׳בין שכור פון דער זון.
די זון האָט מיר דורכגעברענט
ווי אַ פּענעצל אויף הייסע קוילן.
ברוין,
ווי רונד פון ברויט
זיינען מיינע הענט.
און ווי הערשן־פּעל —
מיין בויך.
כ׳בין שכור פון דער זון.

2

דער גערטנער באַגיסט מיט וואַסער ס׳גרינס
און ס׳גרינס וואַקסט.
און דערנעבן שטייט אַ בוים אַ חרוב׳ער.
זיינע צווייגן גראָען.
איך שטיי נעבן אים.
זיינע טראָפּנס
זאַפּן זיך איין מיינע הענט איין.
און אין מיין בלוט
הויבט אָן שפּראָצן,
לעבן, פאַר׳ן בוים.
לייג איך זיך אנידער אַף דער טרוקענער ערד,
פּרעס מיינע ליפּן צום שטאַם פון בוים
און דער בוים נעמט בליען.

ה. לייוויק

1.

אַז מ׳לייענט לייוויק׳ס טורמע לידער, מוז מען באַשליסן, אַז לייוויק איז אין טורמע אַריינגעפאַלן צופעליק און דורך עפּעס אַ מיספאַר־שטענדניס.

פאַרוואָס איז ער אַריין אין טורמע? פאַר מאָרד? פאַר גנבה? פאַר רעוואָלוציע? דאַרף מען דאָך אין די לידער — און נאָך אַזוינע סובּיעקטיווע לידער ווי לייוויק׳ס — זען לייוויק׳ן מיט זיינע איבּערלע־בּונגען אויך, און נישט נאָר זיינע אַנשוויאונגען און בּאַציאונגען צו טורמע, צום וועכטער, צו סאָלדאַטן.

עס זיינען דאָ ידיעות, אַז לייוויק איז אַריין אין טורמע צוליב בּונט, רעוואָלוציע. אין די לידער אָבּער, איז נישטאָ קיין רמז פון אַ לייוויק אַ רעוואָלוציאָנער.

זיינען דאָס רייד פון אַ רעוואָלוציאָנער:

וועכטער גיי און לייג זיך שלאָפן,
נעם דיין אויג אַראָפּ פון מיר;
נאָכט געגעבּן איז אויף רוען
ווי פאַר מיר, אַזוי פאַר דיר.

און ווייטער:

אין אַ קרייז אַרום מיין בּעטל
טאַנצט אַרום אַ שוואַרצע מויז,
טאַנצט אַרום און שפּרייט אויס נעצן,
כשוף קרייזן אַרום מיר.
בּין איך שוין פאַר׳כשופ׳ט, וועכטער.

נישט אַזוי קריסטלאַך רחמנות׳דיק איז די בּאַציאונג פון רעוואָלו־ציאָנער צום וועכטער און נישט פאַר׳כשופ׳ט איז דער רעוואָלוציאָנער פון דעם מייזל אַרום זיין בּעט, נאָר ער איז פאַרשפּאַרט אין טורמע פון אונ־טערדריקער, און דער וועכטער איז זיין שטרענגסטער שומר.

די זעלבּע בּאַציאונג איז בּיי לייוויק׳ן אויך צו די סאָלדאַטן:

„האַלבּע נאַכט מיר ליגן אויסגעצויגן,
צענויפגעפּרעסטע אויפ׳ן קאַלטען דיל,
סאָלדאַטן בּיי דער טיר מיט האַלבּ פאַרמאַכטע אויגן,
זיי זיינען מיד, ווי מיר און זיינען שטיל.״

און ווייטער:

„סאָלדאַטן בּיי דער טיר מיט צוגעמאַכטע אויגן
ווי — פאַרשלאָפענע, ווי מיר — אַליין...״

דאָ זיינען דאָך שוין די סאָלדאַטען אפילו אידעאַליזירט. — „סאָלדאַטן ווי מיר — אַליין״.

סאָלדאַטן אידעאַליזירטע, נישט סאָלדאַטן מענשן־טרייבּער. דאַכט זיך, אַז אַ מענש וואָס אידעאַליזירט אַזוי די סאָלדאַטן קומט נישט קיין טורמע.

אין ליד „ביז די ברעם" זאָגט ער:

„פלוצלונג אויף דעם וועכטער פאַלט אַן אימה,
און ער קען די אימה ניט פאַרטראָגן, —
רייסט ער אויף די טירן פון מיין קאַמער
און ער נעמט מיך אָן אַ זינען שלאָגן."

אקעגען וועמען זשע קעמפט דאָ אַ רעוואָלוציאָנער, אקעגען דער אימה פון'ם וועכטער? וואָלט מען געקענט מיינען, אַז די סאָלדאטן און וועכטער זיינען טאַקע אויך אומשולדיקע, אונטערדריקטע, וועלכע ווערן אויסגענוצט פאַר געצייג פון די „טיראַנען" פון די „הערשער". איז אָבער אויף זייטל 58, וואָס איז פיל פריער פון די לידער „אונטער'ן שלאָס" דאָ אַ ליד, וואָס דערלאָזט נישט די אויסטייטשונג.

„גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפגעקליבענע,
איבער גוואלד פון זיך אליין געריבענע,
גייען מענשען, גייען איינגעבויגענע,
שלעפן זיך מיט קינדער נישט געזויגענע."

אַז מענשן גייען, וואַנדערן, מוטשען זיך מיט קינדער נישט געזויגענע, פון זיך אליין געטריבענע — איז דאָך נישטאָ אקעגן וועמען צו קעמפן, אַז פון זיך אליין געטריבענע, איז דאָך נוצלאָז צו קעמפן און נאָך ליגן אין טורמע אויך דערצו.

און אַז איינער אַ רעוואָלוציאָנער ליגט שוין יאָ אין טורמע, וועגן וואָס טראַכט ער?

זאָגט לייוויק:

„איינגעשמידטע זיינען מיר.
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אָנגעשפּאַרטערהייט ביים טיר,
שטייען מיר און וואַרטן אויף אַ וואונדער:
פלוצלונג איינער שטילערהייט
עפענען וועט אַלע טירן,
וועט צורייסן אונזער קייט,
אונז פון תפיסה ארויספירן.
וועט אונז פירן פאַר'ן האַנט
איבער וועלדער, איבער גרויסע ים'ען.
צו אַ ווייטער, ווייטער לאַנד, —
און אַהיים אונז ברענגען צו דער מאַמען..."

אויב דער רעוואָלוציאָנער אין טורמע איז אזאַ, וואָס דאָס גרעסטע וואונדער וועט זיין מ'זאָל אים אָננעמען ביים הענטל און פירן צו דער מאַמען, האָט ער דאָך ניט גענדאַרפט אוועק פון דער מאַמע. רעוואָלוציאָנערן האָבן געאָפּפערט טאַטעס, מאַמעס, געליבטע און פריינד פאַר זייער אידעאַל. האָבן זיי מסתמא אין טורמע געהאָפט אויף דעם וואונדער: אַז „פלוצלונג איינער שטילערהייט עפענען וועט אלע טירן, צערייסן די קייטן, אונז פון תפיסה ארויספירן און מיט אונז באפרייען, אלע מענשן."

קען זיין, אַז לייוויק האָט אין טורמע אָנגעהויבן בענקען בלויז נאָך דער מאַמע. אָבער אַז אַלע, וואָס זיצן מיט לייוויק'ן אין תפיסה זאָלן האָבן דעם זעלביקן מאַמע־טרוים, דאָס גלויבט זיך שוין גאָרנישט.

און אָט איז ווידער אַ טרוים: די געליבטע וועט אים פון טורמע אַרויס'גנב'נען צו זיך אין הויז. וואָסזשע וועט ער דאָרטן טאָן?

„איך וועל זיצן און שווייגן, נאָר קוקן אויף דיר,
און קושן דיין קלייד;

וועט עמיץ אַ קלאַפּ טאָן — פאַרדעק מיר דעם קאָפּ
און זאָג: ער איז טויט.״

„וועל זיצן און שווייגן, נאָר קוקן אויף דיר,״ — האָט ער דאָך שוין געזונג געשוויגן אין טורמע. וואָס איז דאָ די גדולה פון ארויס׳גנב׳נען? איז זיין געמיט אפשר אזוי געבראָכן געוואָרן אין טורמע, אַז ער איז געוואָרן ווי אַ קינד וואָס בענקט נאָך דער מאַמע און ווי איינער, וואָס שוין אפילו פאַר דער געליבטער קיין וואָרט נישט און קען בלויז שווייגן. איז ער דאָך אויף זייטל 27 מיט 12 זייטלאך פאַר די לידער „הינטער׳ן שלאָס״ דוקא אָנגעשפּאַרט, שטאַרק, אזוי, אַז מ׳האָט אַזש מורא פאַר אים:

„אַלע האָבן מורא פאַר דעם איינגעשפּאַרטן.״

און דאָך:

„לאָז אַראָפּ דעם פייער
ציט זיך שלאָפן לייגן;
ליג און חלום, חלום
מיט פאַרמאַכטע אויגן.״

פאַר וועלכע זשע מעשים איז לייוויק אריין אין טורמע? פאַר אַראָפּלאָזן דאָס פייער און חלומ׳ען מיט פאַרמאַכטע אויגן?

ס׳וואָלט אודאי געווען לעכערלאַך זיך אָנצוטשעפּען אָן לייוויק׳ן אַז זיינע טורמע לידער זאָלן דוקא זיין רעוואָלוציאָנערע, ווען אין זיינע לידער וואָלט די טורמע געווען אַ טעמע. ביי אים זיינען דאָך אָבער די לידער פערזענלאַכע איבערלעבונגען און אויב פערזענלאַכע איבערלעבונגען, איז ער דאָך נישט אריינגעפאַלן אין טורמע פונ׳ם הימל. דאַרפן דאָך ביי אים זיין אויך אזוינע לידער, וואָס זאָלן האָבן עפּעס אַ שייכות צו זיין פרייערדיקן לעבן, אזוינע לידער, אין וועלכע מ׳זאָל נישט נאָר זען, אַז לייוויק איז אין טורמע, נאָר מ׳זאָל אויך זען ווי אזוי ער איז אריין אין טורמע.

עס איז נישט קיין ספק, אַז די לידער: „דער וועכטער״, „אליין״, „ביז די ברעם״, „גייט מען זיך לאַנג״, „איינגעמידט ווערט אויך די האַנט וועלכע שטראָפט״ — זיינען לידער פון אַ העכערער מדרגה ווי ס׳וואָלטן געווען רעוואָלוציאָנערע לידער, קלאַסן־קאַמף לידער. אַ דיכטער קען דאָך אָבער נישט געבן אַ שפּרונג צו אַ הויכער מדרגה פונקט ווי ער קען נישט ארויפשפּרינגען אויף׳ן שפּיץ פון אָלימפּוס. ער מוז ארויפקלעטערן. קלעטערן קלעטערט יעדער אויף זיין וועג און איז איינער געווען אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער דורך דעם וועג געמוזט קומען צו זיין באַרג־שפּיץ.

לייוויק׳ס אנשויאונגען זעען מיר: מענשן גייען פון זיך אליין גע־טריבענע, און דער ווערכטער שלאָגט ווייל ס׳פאַלט אויף אים אַן אימה. אָבער וואו איז לייוויק אליין?

ניגער האָט שרייבענדיק וועגן לייוויק׳ס טורמע לידער, אויך דערזען, אַז לייוויק איז צו אַבסטראַקט, איז אָבער ניגער פון דעם גאָר באַגייס־טערט געוואָרן און אויסגערופן: „איצט דאַרף קומען, לויט נוסח, דער פלוך צו די הענקער, — קומט אָבער נאָר אַן איינפאַכע אומפּאַרטייאישע סטראָף.״

ניגער איז צופרידן פון אומפּאַרטייאישקייט. דאָס איז ביי אים אַ גוואַלדיקע מעלה. אפשר איז דאָס טאַקע אַ מעלה פאַר אַ ריכטער, אָבער נישט פאַר קיין דיכטער.

מען מוז, הער ניגער, גיין נאָכ׳ן מענשלאַכן נוסח, ווי מען מוז גיין אויף דער ערד. אייגענאַרטיק דאַרף בלויז זיין דער וועג און דאָס גיין.

MENORAH JOURNAL

(רעצענזיע)

דער אינפעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס, וואָס אויף אים ליידן אַמ־שטאַרסטן די, וואָס ווילן זיך אַסימילירן און קאָנען ניט, שפּיגלט זיך אין ערגעץ ניט אָפּ אַזוי בולט ווי אין די אידיש־ענגלישע צייטשריפטן, וואָס דערשיינען אין אַמעריקע.

לייענענדיק מאַנכע פון אָט די זשורנאַלן פילט איר, אַז די מענטשן, וואָס גרופּירן זיך אַרום זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַן צושראָקענעם געמיטס־צושטאַנד — אַ צושטאַנד, וואָס מאַכט זיי אַבסאָלוט אומפּייאיק פאַר דער מינדסטער אָביעקטיוויטעט. זיי באַציען זיך סוביעקטיוו צו אַלץ און צו אַלעמען און די אַפּאָלאָגעטישקייט זייערע דערציילט פון דעם שרעקלאַכן האָרב אויף זייערע גייסטיקע פּלייצעס — דער האָרב פון זיין אַ איד.

זינגען זיי זייערע סערענאַדעס פון אַסימילאַציע פאַר אַ פאַרמאַכטער גויאישער פענסטער, און זינגענדיק פאַרגעסן זיי, אַז זייער ראָל איז אַ „ריטערליכע" און פאַלן גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק אַריין אין דעם באַוואוסטן אידישן פאָלקס־טאָן: „און אפשר ווילסטו וויסן מיין יחוס?..."

און אָט דאָ קומט ערשט די אמת׳ע סערענאַדע — אַ סערענאַדע צו זיך אַליין. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער יחוס איז זייער אַ גרויסער און אַן אַלטער: ער הויבט זיך אָן אַזש פון די אבות — אייבּרעהעם, אייזעק און דזשייקאָב — און ציט זיך אַוועק ביז מר. קאָהען׳ס גרויסן איינקויף פון ליבערטי־באָנדס, אין דער צייט, ווען אַמעריקע איז געגאַנגען מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע.

און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע „זכות אבות" מאמר׳יסטיק, פול מיט אַפּאָלאָגעטישער סטראַטעגיק. מען רעט צו דער טאָכטער און מען מיינט די שנור". ס׳איז אַ מין מאָדערנער לשון „סגי נהור", אויף וועלכן די ראַבּיים אין די טעמפּלען זענען באַזונדערס גרויסע ספּעציאַליסטן. זיי ריידן מכלומרשט צו זייערע „צאן קדשים" און מיינען גאָר דעם רע־פּאָרטער פון דער ענגלישער צייטונג, וואָס האָט „גאַנץ צופעליק" (לאָז ניט דורך די געגנזנפּיסלעך!) פאַרבלאָנדזשעט אין טעמפּל אַריין.

אויך דאָס איז — a part of the game

טאָ וואונדערט זיך ניט, וואָס אין די אידיש־ענגלישע צייטשריפטן איז דער איד מיט יעדן ערהאַבענעם ענין ווי אַ סיאַמעזער צווילינג: „רעליגיע און דער איד", „מוזיק און דער איד", „בייז־באָל און דער איד", „פילאָ־זאָפיע און דער איד", „פאַטריאָטיזם און דער איד" א. אַז. וו.

און אַלץ מיט איין צוועק — זיך צו מאַכן וואוילגעפעלן אין די אויגן פון דער „כלה", וואָס לאָזט זיך ניט נעמען און הערט ניט אויף דרייען מיט דער גויאישער נאָז!

אָבער אויך דאָ זענען פאַראַן אויסנאַמען. די לעצטע צייטן האָט אַ טייל פון דער אַמעריקאַניזירטער אידישער אינטעליגענץ דערפילט די פוסטקייט און קאָמישקייט פון זיין אַ שטענדיקער סערענאַדיסט צו אַ לעדיקן באַלקאָן. קאָן מען שוין די לעצטע צייטן מערקן אידיש־ענגלישע צייטשריפטן, וואָס פאַרטרעטן אַ געזונטן אידיש־מענטשלאַכן שטאַנדפּונקט. זיי זענען נאָך קליין אין צאָל און האָבן נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעבראָכן מיטן גייסט פון פאַרוועניו, אָבער זיי זענען שוין אויף אַ גאַנץ נייעם וועג — אויפן וועג צו אָביעקטיוויטעט, וואָס מוז פירן צו שאַפונג און פאַרטיפונג.

איינער פון די בעסטע און רייכסטע אידיש־ענגלישע זשורנאַלן אין אַמעריקע איז דער צוויי־מאָנאַטליכער

אַרויסגעגעבן פון דער ,,מנורה''־געזעלשאַפט. עס איז דער זשורנאַל פון דער שטודירנדער אידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע.

איך וויל מיך דאָ אָפּשטעלן אויף די לעצטע דריי נומערן פון דעם זשורנאַל (אַפּריל, יוני, סעפּטעמבער), אין וועלכע עס געפינט זיך אַ היבשע צאָל פיין־געשריבענע אַרטיקלען און עסייען איבער פאַרשיידענע אידישע ענינים.

זייער אינטערעסאַנט זענען די צוויי אַרטיקלען פון ר. ט. הערפאָרד (געוועזענער יוניטאַרישער גלח און פלייסיקער שטודענט פון תלמוד) איבער ,,דעם אמת וועגן די פרושים'' (אַפּריל־נומער) און ''פרושימ׳טום און קריסטענטום'' (יוני־נומער). אינטערעסאַנט זענען די אַרטיקלען ניט צוליב די קאָמפּלימענטן, וואָס עס ווערן דאָרטן צוגעוואָרפן צום ,,פרושימ׳טום'', וועלכער איז ביי הערפאָרד׳ן אַ סינאָנים פון ,,אידנטום'', נאָר צוליב אַ גאַנץ אַנדער טעם. עס ווערט דאָרטן געמאַכט אַן ערנסטער פאַרזוך אומצואוואַרפן די ווייט־פאַרשפרייטע טעאָריע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום — אַ טעאָריע, וואָס איז דורך ערנעסט רענאַן געשטעמפּלט געוואָרן מיטן שטעמפּל פון ,,אָביעטיווער פאָרשונג'' עד סוף כל הדורות... עס איז די טעאָריע, אַז דאָס קריסטנטום איז געווען אַ פּראָטעסט אַנטקעגן אַ סיסטעם פון ,,אָרגאַניזירטער היפּאָקריטסטוואָ'', באַטריבן און אויפגעהאַלטן פון די פרושים און די סופרים. ווער עס האָט געלייענט רענאַנ׳ס ,,דאָס לעבן פון יעזוס׳ן'' ווייס ווי די פרושים ווערן דאָרטן אַוועקגעשטעלט און האָט מסתמא זיך אויך אָנגעשטויסן אָן די גוואַלדיקע ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן אפילו מיט אַזאַ וואונדער־שיינער פּראָזע ווי רענאַנ׳ס ניט געקאָנט פאַרדעקט ווערן. עד, ווי דאָרטן ווערט גע׳כשר׳ט אַלץ, וואָס האָט צו טון מיט די אידישע שונאים פון יענער צייט! אפילו דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פּילאַטוס ווערט געשילדערט מיט די סימפּאַטישסטע פאַרבן. חסרונות ווערן מעלות, ווען עס רעט זיך וועגן דעם גרינדער פון קריסטענטום, בעת אין דער זעלביקער צייט ווערן מעלות חסרונות ווען עס קומט צו די באַקמפער זיינע.

אַט אַנטקעגן דעמדאָזיקן טיף־איינגעוואָרצלטן פאָראורטייל טרעט הערפאָרד שאַרף אַרויס און ער טוט דאָס מיט אַ סך קענטשאַפט און אויפריכטיקייט. (דער פאַקט, וואָס די אַרטיקלען האָבן געמוזט געדרוקט ווערן אין אַ שריפט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אידן ווייזט, אַז די בעסערע ניט־אידישע זשורנאַלן זענען נאָך ניט גרייט פאַר אַזאַ דיסקוסיע).

אַנדערע אינטערעסאַנטע ,,זאַכן'' אין דעם יוני־נומער פון דעם זשורנאַל זענען: סילוויאַ קאָפּאַלד׳ס אַרטיקל איבער סעמיועל גאָמפּערס, דוד פינסקי׳ס אַ דערציילונג, ,,זלמן דער קאָנטראַקטאָר'', מאַרווין לעווענטאַל׳ס ,,בריף פון אויסלאַנד'' און אַ דעבאַטע איבער ביאַליק׳ן צווישן דעם יונגן אידיש־אַמעריקאַנישן דיכטער, דזשיימס אָפּענהיים און ראובן ברייניין.

אָפּענהיים זעט ניט אין ביאַליק׳ן קיין גרויסן דיכטער. ער האַלט, אַז זיין דיכטונג איז ניט מער ווי אַ ,,לאָקאַלע שטים'', וואָס קאָן ניט אָפּקלינגען אין דער וועלט. ראובן ברייניין איז מיט דער מיינונג, אַז מען קאָן ניט אָפּשאַצן דעם ווערט פון אַ ביאַליק, סיידן מען לייענט אים אין העברעאיש, און אָפּענהיים איז מודה, אַז ער קאָן ניט קיין העברעאיש און אַז די איבערזעצונג, אין וועלכער ער האָט געלייענט ביאַליק׳ס שירים איז אַ שלעכטע. ער טענה׳ט אָבער: ,,איך קאָן ניט קיין גריכיש, דאָך ווייס איך פון איראָפּידעס און האָמער''. ער האָט זיי געלייענט אין ענגלישער איבערזעצונג. קורץ, אָפּענהיים איז מיט דער מיינונג, אַז אפילו די ערג־

סטע איבערזעצונג קאָן ניט אינגאַנצן אָפּטויטן דאָס, וואָס איז באמת גרויס אין א ווערק און ברענגט דערביי א ביישפּיל פון „פּראָמעטעאוס געבונדן" (וואָס ער שרייבט על פּי טעות צו צו סאָפאָקלעס'ן אנשטאט צו עסקילוס'ן). ער האָט דאָס קלאַסישע ווערק געלייענט אין א שלעכטער ענגלישער איבערזעצונג און האָט דאָס דערקאָנט, אַז ס'איז א גרויס ווערק.

אינטערעסאַנט איז, אַז צום שלום קומט ראובן בריינין זיך כמעט צוזאַמען מיט אָפּענהיימ'ען, אַז ביאַליק איז ניט קיין וועלט־דיכטער, ווי מאַנכע ווילן האָבן.

אין סעפּטעמבער נומער פון דעם זשורנאַל געפינען מיר אַן אינטערעסאַנטן עסיי איבער שפּינאָזא פון פּראָפעסאָר מאָריס קאָהען; אַן אַרטיקל פול מיט ספקות איבער דעם „העברעאישען רענעסאַנס" פון מאַרווין לעווענטאַל. גרשון אַגראָנסקי גיט דאָרטן אַן איבערבליק איבער „סעמיועל'ס אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט אַן אינפאָרמאַטיוון ווערט.

י. ראַבינאָוויטש

וועגן מינקאָוון

מינקאָוו, איז איינער פון די דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין וועג אין דער אידישער פּאָעזיע מיט דעם דערשיינען פונם זשורנאַל „אין זיך". דעם רויען גשריי, די האַמענטקייט, וואָס דער „אינזיכיזם" האָט דאַן מיט זיך געבראַכט איז דורך עטלאַכע יאָר פון אַנטוויקלונג איינגעשטילט געוואָרן אין מינקאָוו'ן. עס בלענט אים שוין ניט אַזוי דער אייגענער אימפּעט צו אַנדערשקייט, ווייל ער איז זיך אליין קלאָרער געוואָרן און ווייסט, אַז מיט יעדן אמת'ן דיכטער'ס קומען, קומט אויך עפּעס אַנדערש... אין לויטערע הויטן זעען מיר אים אַצינד זיך וויקלען; און בולטערע קאָלירן מאָלט ער. און אַן אַנדער וואָרט, אַ פּשוט'ן, אַ באַטראַכטן רעט ער. אַנטוויקלונג און גדולד האָט אים געבראַכט רייפע פרוכט אין זיין ערשטן בוך מיט נייע און גאַנצערע לידער, ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אין זיך", ניו יאָרק, 1924.

מינקאָוו איז דורכאויס אינזיכיסטיש געשטימט און מאָדעלירט זיין „איך" אויף אַן אַנדער וועג; רייסט זיך צו נייע פאָרמען און נייעם סטיל אין שרייבן; באַפעסטיקט אַן אייגנאַרטיקן טאָן אין די עכטערע לידער „אליין בין איך" (סאָנעטן קראַנץ) און „צו דער וואָס נענט" (ווילאַנעלן). זיין טאַלאַנט נעמט אונז ווי אַ גאַרטל ארום און עס ווילט זיך זאָגן צום דיכטער: פעסטער, קאָלעגע, שטאַרקער פאַרצי דעם וואונדער־גאַרטל ארום זיך און ארום אונז מיט דיינע יונגע, נייע כחות!

...אָט זיינען מיינע הענט
און אָט בין איך אַליין.
פאַר אַלע זינד,
פאַר אַלץ —
אָט זיינען מיינע הענט.
אין מיינע שאַרפע פּליוצעס
טראָג איך אַלע זינד פון מיינע זיידעס.
אין מיין ביינעדיקער ברוסט
האָב איך פאַרקניפּט
די זינד פון די קומענדיקע דורות.
מיינע בלוטן האָב איך ארייננגעביטשט אין מיינע הענט.
אָט זיינען זיי.
אָט האָב איך געעפענט זיי פאַר דיר
און צאָל פאַר זיך,
און צאָל פאַר דיר,
און צאָל פאַר אַלעמען,
און צאָל — — —
און צאָל — — —

מיר גלויבן די הענט וואָס האָבן זיך אַזוי ברייט געעפנט, אַזוי ווייט אויסגעשטרעקט און ווילן צאָלן, אַזוי פיל צאָלן — שוין אַביסל צופיל; אָבער דאָס

שטאַמט פון דעם דיכטערס זיכערן טראָט פון זיין גרויסן באַגאַזש וואָס ער ברענגט מיט זיך. די פאָרמען קריסטאַליזירן זיך ביי אים, ווערן קלאָרער, אַנטפּלעקן אונז אַ געשטאַלט וואָס קומט ווי די זון אַלץ נענטער מיט אונז.

זאָל מינקאָוו זיין אײנציק. צום קלאַס וואָס ער געהערט ווילן מיר גאָר־ניט צושרייבן. די שולע איז אונז ניט וויכטיק. די שולע וועט די אלטקייט אויפעסן און זי וועט צופאַלן ווערן. נאָר דער שטאַם אירער איז וויכטיק, און מינקאָוו איז אונזערער אליין.

א. ש. שקאָלניקאָוו

רעזאָנאַנסן

פאַרוואָס „קאַנאַדע״

צוליב חעם, וואָס דער דאָזיגער זשורנאַל טראָגט דעם נאָמען פון דעם לאַנד, אין וועלכן מיר וואוינען, זענען מיר ניט — ווי מאַנכע קריטיקער ווילן — מחויב „צו זינגען און זאָגן״ נאָר פון אונזער לאַנד... ק אַ נ אַ ד ע איז אונז זייער ליב; אונז געפעלט איר רויקייט, איר פאַרביקייט און יונגקייט, און טאַקע דערפאַר האָבן מיר אַדאָפּטירט איר נאָמען, אָבער ביים אויספילן חעם זשור־נאַל קאָנען מיר זיך ערלויבן צו געבן נאָר דאָס, וואָס גאָט גיט און ניט וואָס אימעצנ׳ס וואונטש איז...

אונזער אויפגאַב איז ניט אזוי פיל מקפיד צו זיין אויף דעם „וואָס״ ווי אויף דעם „ווי״. סתם אינפאָרמאַציע וועגן ק אַ נ אַ ד ע אָדער ק אַ נ אַ ד ע ר א י ד ן געפינט מען אין אונזער קאַנאַדער אידישער פרעסע, מיט וועלכער מיר זענען ניט געקומען קאָנקורירן. אונזער זשורנאַל איז א בימה פאַר דעם פיינערן אידישן וואָרט און עס אַרט אונז ניט, צי דאָס פיין־געשריבענע וואָרט איז וועגן ק אַ נ אַ ד ע אָדער ב ר אַ ז י ל י ע. אדרבא, זאָלן די, וואָס האָבן עפּעס פיינס צו זאָגן וועגן דעם לעבן אין קאַנאַדע טאַקע ווייזן, וואָס זיי קאָנען, און זיי וועלן ביי אונז געפינען פלאַץ. עס איז אונזער וואונטש מיט דער צייט צו מאַכן דעם זשורנאַל אַזוי צוגעבונדן צום לעבעדיקן לעבן ווי נאָר מעגלאַך.

„קאַנאַדע״ האָט אָבער קיין פלאַץ ניט פאַר סתם לאָקאַליזמען, ווייל ניט אויף דעם איז דער זשורנאַל געשאַפן געוואָרן.

י. ר.

* * *

אין אן אַרטיקל „אידישע זשורנאַלן״ אין „קענעדער אדלער״ האָט קאָלעגע י. ראַבינאָוויטש זיך אַביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן וועגן דעם צושטאַנד פון אונזערע פאַרשידענע זשורנאַלן. ער באַדויערט די צוריסנקייט, דאָס אָפּטיילן זיך אין באַזונדערע ווינקלען, דאָס מאַכן שבת פאַר זיך אין אַלערליי גרופּירונגען. אין אַ געוויסן זין איז ער גערעכט. אין תוך איז ער אָבער ניט גערעכט. ווייל אַלע זשורנאַלן, וואָס ער האָט אויסגערעכנט זיינען ריין ליטעראַרישע. געשאַפן בלויז פאַר שיין־ליטעראַטור: פּאָעזיע, בעלעטריסטיק און קינסטלערישע קריטיק. אין די פאָר עכטערע פון די דאָזיקע זשורנאַלן פילט זיך טאַקע אן אייגנ־אַרטיקער טאָן, אן ערנסטקייט און באַשטימטע ליניעס פון אַ קינסטלערישער אָדער אידייאישער ריכטונג. און ס׳איז דערפאַר איבעריק האָבן טענות צו זיי. ביי מיר וואָלט אפשר קאָלעגע ראַבינאָוויטש גע׳פועל׳ט פאַר אַ געוויסער קולטורעלער אויסברייטערונג אין ליטעראַרישען זשורנאַל, בלויז צוליב לעזערישע מאָטיוון (וועלכע ער גיט אָן), אָבער פאַר זיך און אין זיך אליין לוידט ניט דער ליטע־ראַרישער זשורנאַל צוליב זיין וויניקער קהל׳שן כאַראַקטער, ערציִאונג־פראַגן א. א.) פאַר דער קהל׳ש־קולטורעלער אַרבעט דאַרף געשאַפן ווערן אן אייגענע טריבונע. די צייטונגען אונזערע טוען אביסלל אויף דעם געביט, זייער וויניק און מעגען אַ סך מער טון. אפשר דאַרפן די דאָזיקע פאָלקס־נויטן ארויסרופן

אייגעטע כחות פון איניציאטיוו, אפשר וואקסן זיי, רויפן אויף אזעלכע כחות. מוט די אידישע דיכטער און קינסטלער האט עס ניט קיין ענג־דירעקטן שייכות. ס'איז אן ענין פאר זיך און איך וויל איצט וועגן דעם ניט ריידן. אונזער גוטער וואונטש קאן נאר זיין, אז דער ליטעראַרישער זשורנאל אונזערער זאל אין זיין אייגענעם גרעניץ ווערן א פולער און פאזיטיווער ווערט. זאלן די געציילטע זייטן פונ'ם זשורנאל אויסגעפילט ווערן מיט קינסטלערישע זאכן. צו וואס זיך מישן אויף אלע שמחות און נאכגעגן נאך אלע לויב'ס? און צו וואס אויף זיך אליין ארויפצווינגען אלע תרי"ג מצוות פון קולטורעלן שלחן ערוך? איך ווייס ניט צי אימיצער פארלאנגט עס גאר פון אונז.

רעדנדיק וועגן זשורנאלן: כ'בין ניט זיכער צי מיר האבן היינט־צו־טאג א ליטעראַרישן זשורנאל, וואס זאל מיט רעכט פארדינען דעם נאמען. אויסזעצן אנטקעגן דעם „אינזל" למאי ער איז „צו פאלעמיש" איז ניט גערעכט. דער „אינזל" פארטרעט א געוויסע ריכטונג אין אונזער ליטעראַטור. די וואס שרייבן אין „אינזל" זיינען א גרופע דיכטער מיט אן אייניהייטליכן און באשטימטן קוק אויף קונסט. זייער געגנערשאפט צו אנדערע ריכטונגען און נסחאות קומט פון עכטע און ערליכע ריין־קינסטלערישע מאטיוון. און איבערהויפט ווען די הויפט־טענות זייערע זיינען גערעכטע, אמת'ע. אמת, אויך קינסטלערישע פאלעמיק איז ניט אינגאנצן ריין פון פאליטיק, און אפטמאל — נאר פאליטיק. אין פאל פון „אינזל" איז די פאלעמישע זייט זיינע אפשר די אינטערעסאנטסטע דערווייל. די איינציקע פרישקייט, וואס דער זשורנאל ברענגט מיט זיך. די זאכן, וואס זיינען אין די ביז איצט־ערשינענע נומערן געווען געדרוקט, וואלטן אומעטום געקאנט געדרוקט זיין. און א פאר פון זיי כאראקטעריסטיש פונקט פארן פארקערטן, וואס זיי פאדערן פון ריינע קינסטלערישע ווערק.

י. י. ס.

„די פעדער"

זעקס יאר „פעדער". וואו ליגט דא דער כח, דער ווילן, די ליבע צום זשורנאל? און וועמען קומט צו לויבן און ערן פאר זיין לאנג אייגגע'עקשנ'ט לעבן? עס איז דאך בא אונז אזא זעלטנקייט, אז א אידיש־מאדערנער קונסט־זשורנאל זאל דא אויפן טרוקענעם אמעריקאנער באדן אזוי לאנג ציען זיין לעבן; און דאך האט די „פעדער" באוויזן צו עקזיסטירן זעקס יאר.

דורך די זעקס יאר, וואס די „פעדער" דערשיינט, האט זי באוויזן אויפצוטאן א סך גוטע זאכן פאר דער אידישער ליטעראַטור. פילע נייע דיכטער האבן דארטן געקראגן זייער אויסדרוק. די פאעזיע באקומט אין איר דעם ברייטסטן ארט. נאטירליך, ניט אלץ, וואס איז אין איר געדרוקט געווארן איז געווען לויטער קונסט. ווייסט מען דאך היינט פון אייניקע גאנץ באשטימטע דיכטער, וואס האבן זייער אנהייב געהאט אין דער „פעהער"; און א סך צוזאגנדיקע דיכטער האלטן זיך נאך אין אנטוויקלען. און לויבן קומט די, וואס האבן מוט און אויסדויער, און באלעבן דעם זשורנאל. נאר איין זאך פארדריסט: וואס די „פעדער" ווערט ניט פולער אין פארמאט און אינהאלטס־רייכער, טיפער, געקליבענער. געוויינטליך דארף די „פעדער" זיין די היים פון נייע טאלאנטן, וואס זוכן א ברעג טיש, וואו אפצובענטשן מיט א מזומן.

וויינפער, דער צווייטער רעדאקטאר פון דער „פעדער" האט אונז געוויזן זיין אידעאליזם, ליבע און ברייטהארציקייט צו דער אידישער ליטעראַטור. זיין א רעדאקטאר — מיינט זיין א וועכטער פון ווערטן!

א. ס. ש.

„זונלאנד"

מאנאטשריפט, רעדאקטירט פון י. ל. מאלאמוט, לאס אנדזשעלעס, האל.

„זונלאנד" האט שוין דערלעבט דעם זעקסטן נומער. דאס ווייזט אן ערנסטע אנשטרענגונג, וואס איז באמת לויבנסווערט.

אָבער „זונלאַנד" האָט נאָך ניט באַוויזן צו קריגן אַן אייגנאַרטיקן פּנים. די ביז איצטיקע פינף נומערן (דעם זעקסטן האָב איך נאָך ניט געזען) ווייזן אַ געמיש פון לייכטן צייטונגס־שטאָף מיט מער ערנסטע זאַכן.

עס דרוקן זיך דאָרט אַזעלכע דיכטער ווי ארטור עסעלין, משה אייזענשטאַדט, שלמה י. בעלסקי, ברכה קודלי און אַנדערע. עס פעלט אָבער אין דעם זשורנאַל די נויטיקע האַרמאָניע צווישן די לידער און דער פּראָזע. די ערשטע זענען צו „יום־טוב'דיק" און דאָס לעצטע — צו „וואָכעדיק". אַ זשורנאַל איז דאָך נאָך אַלעמען ניט קיין האָטעל, וואָס איז געצוואונגען צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַלערליי געסט! ער מוז האָבן אַ באַשטימטן פּנים, אַז ניט מאַכט ער אַן איינדרוק פון אַ צופעליגער שפּראַצונג, וואָס האָט אין ערגעץ ניט קיין וואָרצלען.

י. ר.

נאָטיצן

עס דרוקט זיך איצט אַלס סעריע אין „קענעדער אדלער" און ווערט צוגעגרייט צום ארויסגעגעבן ווערן אין בוכפאָרם דאָס גרויסע ווערק פון ב. ג. זאַק, „די געשיכטע פון די אידן אין קאַנאַדע", אַן אומפאַסנדיקע, פילזייטיקע אַרבעט „פון די פריסטע אָנפאַנגען ביז דער לעצטער צייט" און וואָס פאַרשפּרעכט אונז, ווי מיר לעזן אין דער איינלייטונג, צו ווייזן „די גרונטשטריכן, די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן און דעם גאַנצן סכום פון דער אידישער געשיכטליכער אַנטוויקלונג אין קאַנאַדע, אין די אַלערליי געזעלשאַפטליכע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און אַנדערע פאָרמען אין וועלכע זי דריקט זיך אויס".

עס איז באמת אַ ריזיקע אַרבעט, וועלכע ה' זאַק האָט גענומען אויף זיך צו שאַפן. פון דאָס, וואָס איז ביז היינט דערשינען, איז צו זען וואָסער אַ גרינטלעכער, פלייסיקער היסטאָריקער ער איז, וועלכער האָט פאַרוועגדט אויף דעם יאָרן פון אומערמידליכן פאָרשן און זוכן. ה' זאַק האָט זיך באַנוצט מיט די סאַמע אויטענטישע מאַטעריאַלן, וואָס נעמען ארום אַ פּעריאָד פון עטלעכע הונדערט יאָר, זאַמלנדיק עס אין אין אַרכיוון, אין מעמואַרן פון היסטאָרישע געזעלשאַפטן, אין דאָקומענטן און פאַרשידענע אויטאָריטעטן אף דעם געביט. ה' זאַק איז למשל געגאַנגען אזוי ווייט, ווי צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דעם אַרכיוואַר פון באָרדאָ, אָדער מיט די אָפּשטאַמלינגען פון אַ היסטאָריש־באַרימטער אידישער פאַמיליע אין פראַנקרייך, וועלכע האָט אין צייט פון פראַנצויזישן רעזשים אין קאַנאַדע געהאַט אַ שייכות מיט דער לעצטער, כדי פון זיי צו באַקומען געוויסע פאַקטן, אויטאָגראַפישע בריוו, א. אז. וו.

דאָס ווערק, וואָס וועט זיין זייער רייך אילוסטרירט, פאַרמאָגט אויך אַ אויסערגעוויינלעכן אוצר פון ביבליאָגראַפישע פאַרצייכנישן, וואָס וועלען זיין אַ באַזונדער הילף פאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט געשיכטע וו מיט אַ זאַך צום שטודירן. די אידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט פון אַמעריקע האָט דאָס ווערק אינדאָרסירט.

דאָס בוך דערשיינט קירצליך אויך אין ענגליש, דרוקענדיג זיך איצט אין אַ אידיש־ענגלישן פאַרלאַג.

אַ בוך וועגן דער כינעזישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע אויף אידיש

אין פאַרלאַנג פון מאַקס נ. מייזיל, ניו יאָרק, איז די טעג דערשינען אַ בוך „די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע", פון א. אלמי. דאָס בוך האָט אַ קורצע איינלייטונג פון כינעזישן אַמבאַסאַדאָר אין די פאַראייניגטע שטאַטן און באַהאַנדלט פאָלגענדע טעזיסן: כינע און איר אַלטע קולטור; קאָנפוציוס און זיין לערע; לאַאָ טצע און די געזעצן פון טאַאָ; דער פרידליכער גייסט פון כינעזישן פאָלק; די ווירקונג פון דער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע אויף דער אַנטוויקלונג פון כינע; לי טאַי פּאָ, טו־פו און פּאָ־טשואי און זייערע לידער; דער איינפלוס פון בודיזם אויף דעם כינעזישן פאָלק; די פאַרשיידענע פילאָזאָפישע סיסטעמען; די שי־קינג און פיר טויזנט יאָר כינעזישע דיכטונג.

בודאַ אויף אידיש

א. אלמי האָט אויך פאַרענדיקט אַ ווערק איבער בודאַ און זיין לערע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס די בודיסטישע הייליקע שריפטן ווערן איבערזעצט אויף אידיש. אַלמי האָט זיך הויפּטזעכליך געשטיצט אויף קארוס, מאַקס מולער, אָלדענבורג, גרימבאָל און אַנדערע. אין דעם בוך קומען אריין: בודאַ'ס געבורט; ווי בודאַ דערוויסט זיך די אומגליקן פון דער וועלט; בודאַ'ס וואַנדערונגען און זיינע תלמידים; גירוואַנאַ און קאַרמאַ; די פילאָזאָפיע פון בודאַ'ן און זיינע משלים. אַלס איינלייטונג צום בוך קומט אַלמי'ס אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן בודיזם; די זעקס פילאָזאָפישע סיסטעמען און די פאַרשיידענע רעליגיעס פון אינדיען ביז און זינט בודאַ'ן.

ס. וו. דזשייקאָבּס

איינציגער אידישער
מיטגליד פון קאנא־
דער פּארלאמענט
בּאגריסט די דערשיי־
נונג פון דעם זשורנאל

„קאַנאַדע"

ה. וואָלאָפּסקי

אייגענטימער און ארויסגעבּער
פון „קענעדער אדלער" בּאגריסט
דעם זשורנאל

„קאַנאַדע"

מאַלקאָף

723 סט. לאָרענס מעין סט.

וועמען איז ניט בּאקאנט דאָ אין
שטאָט מאַלקאָפס שניידע־מיים־
טערסקאיע — זיין גוטע ארבּעט,
זיין שיינער שניט און נאָך בּע־
סערן צופּאסן צו יעדערנס אומ־
געווינלאכער פיגור.

דאָרפמאַנ'ס
נייע בּעקעריי

1422 סט. לאָרענס מעין סט.

אייער אלעמענס גוט בּאקאנטער
נ. דאָרפמאן האָט שוין געעפנט
זיין שענסטע בּעקעריי דאָ אין
שטאָט, און אלע סאָרטן בּרויט,
קייקס און חלה קריגט איר צו
דער מעסיקסטער פּרייז בּיי

דאָרפמאַנען

אין זיין מאָדערנסטער בּעקעריי

אז איהר דאַרפט מעבּעל
טאָ קומט צו איינעם פון אונזערע
אידן !

ה. אַראָנאָף

פון דער

אַמעריקאַן פאָרניטשור קאָמפּאַניע

753 סט. לאָרענס מעין סט.

האָט די שענסטע און בּעסטע מע־
בּעל פון אלע סאָרטן און צו די
בּיליגסטע פּרייזן.
טעלעפאָנירט לאנקאסטער 6879

האָלענדער-טרופּע

איזידאָר האָלענדער - דירעקטאָר.

באַשטייענדיג פון א גרופּע אמת'ע קינסטלער, וועלכע
וועלן דעם סעזאָן 1925-26 שפּילן אין

מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער

באַגריסן די דערשיינונג פון זשורנאַל

„קאַנאַדע"

די טרופּע וועט דורך דעם סעזאָן אויפפירן די
שענסטע און בעסטע דראמען פון באַרימטע אי-
דישע און וועלטליכע דראמאטורגן.

די פאָלגנדע זיינען די מיטגלידער פון דער טרופּע:

חנה און איזידאָר האָלענדער.
איידא גראַפּער, דינא גאָלדבערג, אדעללא שווארץ.
און קלאַראַ מאַרגאָלין. מ. ב. סאַמויאילאָוו, לעאָן זיי-
דענבערג, חיים יאַבלאָקאָוו, מרדכי שוואַרץ, חיים
טויבער און יעקב זאַנגער. **ל. סירקין**, סופלאר.

י. מיטניק, מענעדזשער **נ. אסטראָ**, טרעזשורער

א. גרינבערג, סעקרעטאר.

וואַרדי און יאָעליט

די באַרימטע קינסטלער פון דעם
מאָסקווער „הבימה" טעאַטער,
וואַרדי און יאָעליט, באַגריסן
דעם זשורנאַל

„קאַנאַדע"

און ווינשן אים לאַנג לעבן.

יוסף איידעלבערג

1012 סט. ארביין סט.
באַגריסט די דערשיינונג פון דעם
ליטעראַרישען זשורנאַל

„קאַנאַדע"

און ווינשט אים לאַנגע יאָר
מיט פיל אינטעליגענטע לעזער

„קענעדער אדלער" דרוקעריי

קאַנאַדע

פעריאָדיש-ליטעראַרישער
זשורנאַל

דריטער נומער

25 סענט

דעצעמבער, 1925—מאָנטרעאל

קאַנאַדע

פעריאָדיש-ליטעראַרישער זשורנאַל

רעדאַקטירט פון י. ראַבינאָוויטש און א. ש. שקאָלניקאָוו

אַבאָנעמענט פּרייז: יערלאך—$2.50 איינצעלנע נומערן—25ס.

מיט רעדאַקציאָנעלע און געשעפטס אַנגעלעגנהייטן זיך ווענדן:
1102 City Hall Ave., Montreal

ערשטער יאָרגאַנג דעצעמבער, 1925 דריטער נומער

אינהאַלט:

א פרייליכער אורח — — — — — — — — — — — — א. ראַבאַי
דיסאָנאַנסן (עסיי) — — — — — — — — — — י. ראַבינאָוויטש
לידער — — — — — — — — — — — — — — — אסתר סיגאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי
לידער — — — — — — — — — — — — — — ח. טאַלמאַטש
לעסטערנדיק לויבנדיק — — — — — — — — — — — י. טאַפּעל
אָוונט לידער — — — — — — — — — — — — — ש. ד. זינגער
אנגליציזמען אין אידיש — — — — — — — — — — ב. ג. זאַק
וועלכער גוטער חלום (ליד) — — — — — — — רבקה רויזענבלאַט
Self-reliance (עסיי—עמערסאָן) — — — — — אידיש—ש. וויסמאַן
לידער — — — — — — — — — — — — — — — י. י. סיגאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — — — איידא מאַזע
בריוו פון ניו יאָרק — — — — — — — — — — — י. י. סיגאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — — — נחמיה סיגאַל
לידער — — — — — — — — — — — — — — א. ש. שקאָלניקאָוו
ה. לייוויק (אָפּהאַנדלונג) — — — — — — — — — — פּעסיע כהנא
„וויסער רייטער" (רעצענזיע) — — — — — — א. ש. שקאָלניקאָוו
רעזאָנאַנסן.

א. ראַבאַי.

דער פֿריילאַכער אורח

עס איז געווען אַנהויב פֿרילינג. מיר זיינען איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל. אַ צוויי דריי מענטשן. אין דרויסן האָט גערעגנט. עס איז געווען קאַלט. דער גראָער הימל איז געלעגן ביי דער ערד. יעדער פֿון אונז האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן די וואַרעמסטע קליידער און מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי משוגענע מיט אונזערע איינענע איינזאַמקייט און מיט אונזערע הענט טיף אין די אַרבעל אַריינגעשטעקט.

אַזוי האָט גערעגנט עטלאַכע טעג. דאָס גראָז אויף דער ערד איז שוין צעווייקט געוואָרען און די ערד איז געוואָרן פֿול מיט קליינע טייכלאַך. ביי טאָג איז געווען שלעכט וואָרים עס איז זיך ניט געווען ווי אַהינצוטאָן און בײַנאַכט איז נאָך געווען ערגער.

העלפֿט גאָט און עס קומט צו פֿאָרן אַן אורח. פֿון אַנהויב האָבן מיר אויף אים געקוקט קרום, וואָרים ווי שלעכט עס איז אונז יעדן באַזונדער ניט געווען האָבן מיר דאָך ניט געוואָלט זיין אַלע אין איינעם. עס האָט אונז געשראָקן צוקוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. און דאָ קומט גאָר אַ נייער מענטש צו פֿאָרן. ווער האָט געשיקט נאָך דיר אומגליקלאַכער ?

דער אורח האָט אָבער ביי אונז ניט געפֿרעגט צו מיר ווילן אים יאָ צו מיר ווילן אים ניט. ער האָט אונז באַלד מיט זיין קומען געבראַכט זונשיין.

אַזוי ווי ער איז נאָר אָנגעקומען האָט באַלד אָנגעהויבן צו שיינען די זון. די ערד האָט זיך אָפּגעטריקנט און דאָס גראָז איז טרוקן געוואָרן און מיר זיינען אַלע אַרויס אויף גאָטס וועלט און זיך געוואַרעמט אין דער זון און געקלעטערט אויף בערג און גערוט אין שאָטן פֿון ביימער און דער אורח איז געוואָרן ביי אונז זייער באַליבט און מיר האָבן אים צו אונז דערנעענטערט און ער האָט זיך צו אונז דערנעענטערט און ער דערציילט אונז פֿריילאַכע מעשה׳לעך און מיר לאַכן און פֿרייען זיך אַזוי ווי קינדער און מיר דערפֿילן, אַז אונזער אורח איז זייער אַ פֿריילאַכער און מיר דאַנקען גאָט דערפֿאַר וואָס ער האָט אונז צוגעשיקט אַזאַ פֿריילאַכן אורח.

ענדיגט זיך די מעשה מיט דעם וואָס דער אורח איז ניט קיין פֿריילאַכער און גאָט האָט אים ניט געשיקט נאָר ער איז פֿון גאָטס הענט אַנטלאָפֿן. און דאָס וואָס ער איז פֿאָרט אַזוי פֿריילאַך איז נאָר אַ פֿאַרשטעלעניש אָדער אַזאַ טייך אין וועלכן דער אורח וויל זיך אַליין דערטרינקען...

ישראל ראבינאוויטש*)

דיסאנאנסן

(וועגען די מאדערנע טענדענצן אין דער מוזיק)

אונזער צייט — די צייט מטטרונ׳ס — שפילט אזוי, אז אלע צייטן
זיינען פייפלאך קעגן אירע הויך־צעהודזשעטע באנדורעס,
און אלץ העכער וועט עס הודזשען, און אלץ העכער און אלץ העכער
ביז דאס הודזשען וועט פארהודזשען זיך אליין און ווערען שטילקייט.
—א. צייטלין

1

אז מ׳האט אויפגעריסן די אייזערנע בריקן, וואס האבן פארבונדן דעם היינט מיט דעם נעכטן איז נעבליבן צו בויען פאפירענע בריקן צווישן דעם היינט און דעם מארגן. — „פוטוריסטישע״ בריקן.

די אלע פאפירענע בריקן זענען אבער ניט מער ווי צייטווייליגע דערשיינונגען, ארויסגערופן דורך דער כפל־שמונה׳דיקער אומרו פון אונזער דור. עפעס וועט פון דעם אלעם ווערן. דאס הודזשען פון מטטרונ׳ס באנדורעס, נאך דעם ווי עס וועט זיך אליין פארהודזשען און „ווערען שטילקייט״ וועט אן שום ספק ווערן דער אנהויב פון עפעס, וואס וועט באמת באפרידיקן דעם „שירו לנו שיר חדש״ געשריי פון אונזער דור. סמנים פון דערוואַרטעטער אויסלייטערונג מערקן זיך שוין דא און דארט אין אלע צווייגן פון דער קונסט.

די מוזיק איז אין דער הינזיכט פון נייע „שולעס״, „ריכטונגען״ און פרעטענציעס געבליבן אביסל וועניקער „באפרוכפערט״ ווי די פאעזיע למשל. אויך אירע באנדורעס הודזשען אין דעם כאר פון אלגעמיינעם כאאס, אבער מיט וועניקער שטימקראפט ווי אין און ארום דעם היכל פון פאעזיע. דאס נעמט זיך אפשר דערפון, וואס אירע טיר און טויער זענען ניט אפען פאר יעדן, וואס האט א פען אין איין האנט און א „נייע ריכטונג״ אין דער צווייטער. מוזיקאלישע קאמפאזיציע איז פארבונדן מיט א שווערער טעכניק, וואס קאן ניט דערלערנט ווערן סיידן מען באקענט זיך פריער מיט אלץ וואס עס האט זיך געטאן אין דער מוזיק נעכטן און אייערנעכטן.

אבער ניט קוקנדיק אויף דעם אלעם איז די „מרידה״ אנטקעגן דעם מוזיקאלישן „נעכטן״ אין פולן שוואונג — א מרידה וואס איר פעלט חלילה ניט די אלע עקסצענטרישע מאמענטן און די נויטיקע פיקאנטקייט.

דער מאדערניזם, אויב ער וויל געפינען א בארעכטיגונג אין דער געשיכטע פון מוזיק, דארף ער עס לאנג ניט זוכן. עס איז א טעות צו באשולדיקן אונזער „שטורם און דראנג״ פעריאד אין אלע מאדערניסטישע צרות. דער איטאליענער קלאודיא מאנטעווערדע איז אין 16־טען יארהונדערט געווען פונקט אזא „פוטוריסט״ ווי לעא ארנשטיין איז עס אין 20־טן. ער איז שוין דעמאלט געפאלן אויף אזעלכע

*) דאס דאזיקע ארטיקל איז אין א פארקירצטער פארם און אונטערן קעפל „מוזיק און טומל״ געווען געדרוקט אין דריטען נומער פון שיקאגער „אינאיינעם״, איז עס אבער דארטן ארויס שרעקלאך צו׳הרג׳עט אין דרוק. דאס גאנצע ארטיקל ווערט דא איבערגעגעבן אין א נייער און ברייטערער באארבעטונג.

געוואנטע ,,פוטוריזמען'', וואס האבן נאך ביז'ן היינטיקן טאג זיך ניט דערוואַרט אויף זייער אפּפּערוויליקן דור... דאס איז געווען מאנטע־ווערדע'ס להכעים־מוזיק אנטקעגן די פעסט־איינגעפונדעוועטע טעאַריעס פון דער קלויסטערישער פּאָליפאָניע. אויך ער האט געלעבט אין א צייט פון ,,שטורם און דראנג'' — די רענעסאַנס־צייט; אין זיין ,,פוטו־ריסטישקייט'' אפּט אריבער אלע גרעניצן.

מאַנטעווערדע איז אָבער געווען צופיל קרעאַטיווער קינסטלער זיך צו באַנוגענען מיט להכעים־מוזיק אליין. ניט נאָר האט דערדאָזינער גרויסער איטאַליענער געלעגט דעם אמת'ן פונדאַמענט פאַר דעם בנין פון גראַנד אָפּערע, נאָר האט זיך אויך פאַראייביקט אין דער געשיכטע אלס ,,דער פאָטער פון מאָדערנער מוזיקאַלישער האַרמאָניע''.

מאַנטעווערדע ווי דער גרעסטער פון די היינטיקע מאָדערניסטן — דער ניט־לאנג פאַרשטאָרבענער קלאָד דעבוסי — האָט לאנג ניט געקאָנט ארומשוועבן אין א תהו. דאס כאַאָטישע האָט באַקומען פאָרם און א גאַנץ נייע מוזיק איז געווען דער פועל יוצא.

פון איטאַליען האָבן די נייע מוזיקאַלישע טענדענצן זיך גענומען אריבערציען קיין דייטשלאַנד, און יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך האט געפונען דעם סינטעז צווישן אלטן און נייעם. דורך זיין ,,וואָהל־טעמפּערירטעס קלאַוויר'' (די באַרימטע זאַמלונג פון פוגעס און פּרעלודן) ווערט די פּאָליפאָנישע מוזיק — נאָך אלע דעמאָלט־,,מאָדערניסטישע'' אַטאַקעס אויף איר — אריינגעטריבן אין א נייעם גלגול און עס שאפט זיך אַן אייזערנער בריק, וואָס פאַרבינדט דעם ,,נעכטן'' מיט'ן ,,היינט''.

דאָס איז אָבער שוין געקומען נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע פון די ,,נייע'' איז געווען באַפעסטיקט און קיינער האָט שוין קיין מורא ניט גע־האַט פאַר א ,,קאָנטער־רעוואָלוציע''. צוזאַמען מיט דער מורא איז פאַר־שוואָונדן די גרויסע ,,נייע־בראשית'' פּרעטענציע, וואָס ווידערהאָלט זיך כמעט מיט יעדן איינציקן דעטאַל אין אונזער אייגענער צייט...

עס איז כדאי אביסל לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם דאָזיקן שפּאַ־נענדן מאָמענט אין דער געשיכטע פון מוזיק.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט, וואָס די ,,זינדיקע'' קלאַנגען פון דער גאַס האָבן גענומען זיך אדורכרייסן די שווארצע דיקע ווענט פון דער קירך, וואָס האָט נאָך אַלץ באַהערשט אלץ און אלעמען. די גאָס האָט זיך געהאַט אַן אייגענעם ספּאָנטאַנעם מוזיקאַלישען לעבן, כאָטש אויף ,,חכמת המוזיק'' האָט די קירכע געהאט דעם גאַנצן מאָנאָפּאָל. הינטער די דיקע ווענט פון די מאָנאַסטירן איז אנגעגאַנגען א טעאָרעטישער פּלפּול איבער א מוזיקאַלישען ,,ביצה שנולדה'' און עס איז געווען פעסט באַשלאָסן, אַז די איינציקע כשר'ע האַרמאָניע, פּאַסנד פאַר גאָט און לייט, איז א קאָמ־בינאַציע פון קוואַרטעס און קווינטעס. דאָס איז א סאָרט האַרמאָניע, וואָס קאָן א היינטיקן אייראָפּעאישן מענטשן טרייבן פון זינען. עס איז א סברא, אַז שוין אין יענער צייט האָט די דאָזיקע מוזיקאַלישע אינקוויזיציע אַרויסגעבראַכט אירע גאַלילעאָס, וואָס זענען — צושטעלענדיק אַן אויער צו דער פּשוט'ער פאָלקס־מוזיק פון דער גאַס — געקומען צום באַשלוס, אַז ,,די עחר באַוועגט זיך דאָך''. דאָס זיינען דוקא ניט געווען קיין זייער גרויסע מיוחסים אָדער מקורבים צו גאָט, נאָר פּשוט'ע כאָר־זינגער, וואָס פלעגן זיך נעמען דאָס רעכט צו פאַרגרינגערן די גרויסע ,,האַרמאָנישע'' פּייניגונג דורך אריינוועבן אביסל אייגנס אין געוויסע פּאַסאַזשן פון דעם כאָר־געזאַנג.

פון אָנפאַנג האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן די היטער פון די קאַנוועג־

ציאנעלע שאץ־קאמערן, אבער ביסלאכווייז האבן זייערע אייגענע הייליקע אויערן דערפילט די גרויסע דערלייכטערונג, אין וועלכער זיי אליין האבן זיך געגוויטיקט ניט ווייניקער ווי די ווידערשפעניקע זינגער און צוהערער, און ניט נאר האבן זיי מיט דער צייט געמאכט א שווייג, נאר האבן אליין גענומען ארייגשלעפן מעלאדיען פון דער גאס אין דער הייליקער קירך אריין. דאס האט שטארק אויפגערעגט דעם קאטוילישן „ראט פון טריענט", וועלכער האט גוזר געווען אז אויב עס וועט ניט געלינגען צו רעפארמירן די קירך־מוזיק אזוי, אז „זי זאל ווערט זיין צו טראגן דעם נאמען", וועט מען בעסער איינגאנצן אפשאפן מוזיק אין דער קירך.

אין איינקלאנג מיט דעם דאזיקן באשלוס האט דער דאמאלסדיקער פאבסט (פיאוס דער פערטער) באשטימט א קאמיסיע פון אכט קארדינאלן צו מאכן א „גרינטליכע אויספארשונג". די קאמיסיע האט באשלאסן פאר א צייט איינגאנצן צו פארבאטן פאליפאנישע מוזיק אין דער קירך און אין דער זעלבער צייט האט זי געזוכט איהר מוזיקאלישן מלאך הגואל און האט אים געפונען אין דער פערזאן פון פ א ל ע ס ט ר י נ א, דער גרעסטער קאמפאזיטאר פון מיטלאלטער.

דורך פאלעסטרינא'ן איז די קירך־מוזיק באמת דערהויבן געווארן צו א גוואלטיקער הויך, אבער „די דערלעזונג פון דער קירך־מוזיק" איז געקומען א ביסעלע צו שפעט. די אטמאספערע ארום איז שוין געווען פול מיט'ן גייסט פון רענעסאנס. אין פלארענץ איז אנגעגאנגען א באוועגונג פאר דער אויפלעבונג פון דער גריכישער „מוזיק־דראמע", וואס קיינער האט אייגענטליך ניט געוואוסט גענוי, וואס דאס איז אזוינס. איין זאך איז אבער געווען קלאר פאר די זוכער: אז די דערלעזטע מוזיק פון דער קירך האט געפונען א דערלעזונג פאר זיך אליין בלויז, און אויף אזוי פיל מער געפערלאך איז איר איינפלוס געווארן. די נייעסטע שטרעבונג פון דער צייט איז געווען: צוריק צום גריכישן מוסטער.

און זוכנדיק אויפצולעבן דאס אלטע איז די באשאפונג פון א נייער קונסט־פארם געווען דער פועל־יוצא: דאס, וואס מיר רופן איצט מיט'ן נאמען „אפערע".

די קירך האט געלעגט אין חרם דאס ט ע א ט ר א ל י ש ע אין דער מוזיק; די נייע מוזיק איז געווען פול מיט טעאטראלישקייט. דא אין די נייע פארמען איז דער מענש געווארן דער מיטלפונקט פון אלצדינג און ער האט גענומען פארבכטן דאס א ו מ פ ע ר ז ע נ ל י ך ־ ה ל ל ו י ה ' ד י ג ע, וואו דער מענש איז אונטערטעניק, פאסיוו.

אין מאנטעווערדע'ן האבן אט די נייע טענדענצן געקראגן זייער מעכטיקסטן אויסדרוק. אלטע צאמען זענען געבראכן געווארן און מ'איז צייטנווייז געלאפן פון איין עקסטרעם צום צווייטן. עס האט אויסגעזען, אז די אלטע פאליפאנישע מוזיק, וואס האט דערגרייכט איר העכסטע שטופע פון אנטוויקלונג ביי פאלעסטרינא'ן, האט אפגעשפילט איר לעצטן אקארד און קאן קיין ארט ניט פארנעמען אין דער מוזיק פון רענעסאנס. וואס האט אנגעהויבן מיט א נייער הארמאניע אויף א נייעם יסוד.

אבער אין דעם פראצעס פון אנטוויקלונג איז ניטא קיין „ניי־בראשית". סוף כל סוף איז יעדע רעוואלוציאנערע דערגרייכונג אויך ניט מער ווי א המשך, א רעזולטאט, פון אנגעזאמלטע דערפארונגען. אין ברען פון רעוואלוציע וויל מען דערפון ניט וויסן. שפעטער ווען דאס נייע הויבט אן שלאגן טיפעווארצלען, קומט די בארואיקונג און באזינונג.

און אזוי האט עס פאסירט, אז דורך באד'ן איז דאס אלטע צוזאמענגעבראכט געווארן מיט'ן נייעם. די „אויפלעבונג" פון דעם פאלעסטרינא־

סטיל איז פּונקט אַזוי געווען „אַבסאָלוט" ווי די „אויפֿלעבונג" פֿון דער גריכישער מוזיק־דראַמע און ווי דער באַגריף פֿון „אויפֿלעבונג" אַליין איז אַבסאָלוט. ניטאָ קיין „תּחית המתים" כּל זמן מיר ווערן באַהערשט פֿון אייביקע געזעצן און וואו דער „המחדש בטובו בכל יום" מישט זיך אַריין אפילו דאָרט, וואו מען לאָזט אַרויס דעם זייער שיינעם לאָזונג פֿון: „צוריק צום פּרימיטיוו"... ניין, ניט קיין „אויפֿלעבונג" איז דאָס געווען, נאָר אַ ווייטערדיקע פֿאָרטזעצונג, און אַז איר ווילט — אַ שטילע רעוואָלוציע.

און דאָס מאָל איז עס דער קאָלאָסאַלער אויפּטו פֿון אַן איינצלנעם זשעני, וואָס איז גוואַלדיק איבערגעוואַקסן זיין צייט און זיין דור. אַז באַך איז געשטאָרבן (אין 1750) האָט קיין איין צייטונג ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו מעלדן וועגן דעם פֿאַרלוסט. אין די פּראָטאָקאָלן פֿון דער סט. טאָמאַס קירך אין לייפּציג, וואו באַך איז געווען אָנגעשטעלט אַלס קאַנטאָר, איז ניט צו געפֿינען די מינדסטע אָנדייטונג, אַז די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום גרויסן מייסטער זאָלן האָבן געוואוסט פֿון זיין אמת'ער גאונות.

באַד'ס טויט ווערט דאָרטן פּראָטאָקאָלירט אַזוי:

„דער געזאַנגס־מייסטער י. ס. באַך איז אַנומעלטן גע־שטאָרבן. עס איז די מיינונג פֿון דעם בורר, אַז מען זאָל אויף זיין אָרט אָנשטעלן אַ קאָמפּעטענטן כאָר־מייסטער אָנשטאָט אַן אָרגל־שפּילער, כאָטש ער דאַרף אויך קאָנען שפּילן אָרגל"...

און מעהר ניט אַ וואָרט!

ערשט מיט 90 יאָהר שפּעטער איז געקומען פֿעליקס מענדעלסאָן און אַנטדעקט פֿאַר די דייטשן דעם גרויסן סוד, אַז זיי האָבן געהאַט אַ קאָמפּאָזי־טאָר, וואָס זיינע ווערק פֿאַרדינען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער גאַנצער וועלט און טאַקע דעמאָלט ערשט האָט מען גענומען שטודירן באַכ'ן און מען קאָן נאָך איהם ניט אויסשטודירן ביז'ן היינטיקן טאָג.

און באַך איז ני ט געווען קיין פֿוטוריסט! ווענינגסטענס איז דער באַגריף פֿון „פֿוטוריזם", אויף וויפֿיל ער איז פֿאַרבונדן מיט „להכעיס־קונסט," געווען פֿאַר באַכ'ן אַ פֿרעמדער ענין. דער בעסטער עדות אויף דעם איז דער באַלעבאַטישער, „קליינבירגערלעכער" אָרט לעבן זיינער, מיט וועלכן מיר ווערן באַקאַנט לייענענדיק זיין ביאָגראַפֿיע.

זעען מיר, אַז „אונזער צייט — די צייט מטטרון'ס —" איז ניט קיין אויסנאַם. מטטרון אַליין איז אויך ניט פֿון די גאָר „יונגע" און עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיינע באַנדורעס האָבן זיך אַזוי צעהודזשעט און מסתּמא אויך ניט דאָס לעצטע מאָל...

די צרה איז, וואָס יעדן מאָל, ווען מטטרון רופֿט אַרויס זיין חבֿרה־קלעזמער קאָן מען פֿאַר אַ צייט, אַ דאַנק דער גוואַלדיקער הודזשעריי, ניט דערקענען „ווער איז ווער." דעם רעוואָלוציאָנערן אויפֿטוער און קרעאַטיוון קינסטלער שלעפּט זיך תּמיד נאָך די דילעטאַנטישע מיטלמעסיקייט, וואָס כאַפּט „שריים" פֿון קינסטלערישע טישן און זוכט צו פֿאַרמישן אירע אייגענע פּלאַכקייטן מיט'ן רבינ'ס טיפֿקייטן.

אָט די דאָזיקע „פּעסט" האָט עס טאָסקאַניני מסתּמא געמיינט, ווען ער האָט אַנומעלטן, שפּילנדיק אַ קאָנצערט מיט זיין „סקאַלאַ" אָרקעסטער אין ווענעציע געגעבן דעם עולם צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אַ „פֿוטוריסטי־שער" קאָמפּאָזיציע און נאָכדעם זיך אומגעקערט מיט'ן פּנים צום עולם און דערקלערט: „און איצט מיינע דאַמען און הערן, לאָמיר דיזאינפֿעקטן דעם טעאַטער פֿאַר אמת'ער מוזיק."

און טאָסקאַניני איז ניט קיין קאָנסערוואַטיווער מוזיקער. בשעת זיין

לעצטן טור אין אַמעריקע האָט מען פון זיין אָרקעסטער געהערט אַ באַדיי־טענדע צאָל העכסט־מאָדערנע קאָמפּאָזיציעס און איבערהויפּט האָט דעבּוסי פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין זיין רעפּערטואַר. דער ציטירטער סאַרקאַזם זיינער איז אָהן ספק געצילט אַנטקעגן יענע טאַלאַנטלאָזיקייטן, וואָס מאַכן פון אַלץ אַ שאַבלאָן — אפילו פון אולטראַ־מאָדערניזם.

.2

אַלע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס זענען געווען צאַם־ברעכער. פון שטענ־דיק אָן האָבן רעוואָלוציאָנערע קינסטלער געבראָכן טראַדיציעס און פאַר־מולעס און זענען אין אַ געוויסן זינען געווען „פוטוריסטן.״ פון קלאַודיאָ מאָנטעווערדע ביז ריכאַרד וואַגנער ציט זיך איין לאַנגע קייט פון מוזיקער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אומגעוואָרפן אָנגענומענע קאָנווענציעס און זיך ניט אונטערגעגעבן צו אַטאַקעס.

וויסנדיק אָט דעם פאַקט פון דער געשיכטע זענען מיר אָפט געגויגט אַרויפּצוציען אַ פאַלשע מאַסקע און האַלטן פאַסאָן. איך דערמאָהן מיך אַ קאָנצערט פון יאַן קובעליק. דער ווירטואָז־קונצנמאַכער איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן עולם און געשפּילט עפּעס אַן אייגענע פאַרפאַסונג, דאַכט זיך. איז עס געווען אַ שטיק בלאַסע און גאַרניט־זאָגנדיקע פּלוידעריי. וואָלט אימעצער אַנדערש, וואָס איז ניט קיין צעפּויקטע באַרימטקייט, אַזוינס געפידלט וואָלט דער עולם אַרויס פון גדולד און יעדער איינער וואָלט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין גרויסער מבינות און שטרענגער קריטיק. אַז קובעליק שפּילט, איז עס אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז ס׳איז גוט. איטלי־כער וויים, אַז ער פאַר׳משפּט זיך אַליין, אויב ער וועט וואַגן זיין אויפריכ־טיק.

די וועלט איז זיך דאַרום געגאַנגען איר גאַנג און קובעליק איז עטלאַכע מאָל אַרויסגערופן געוואָרן, כאָטש אין די אַפּלאָדיסמענטן האָט מען גע־פילט די גוואַלדיקע אָנשטרענגונג צו פאַרפּאַטשן די אייגענע אומצו־פרידנקייט מיט׳ן לאַנגהאָריגען פידל־שפּילער און מיט זיך אַליין...

אין באַכ׳ס און אפילו אין צעזאַר פראַנק׳ס צייטן האָבן מענשן נאָך געהאַט גענוג תמימות ניט צו אַפּלאָדירן דאָס, וואָס האָט צו זיי ניט אָפּגע־לירט, היינט איז אַנדערש: אין דעם הודזשען פון מטטרון׳ס באַנדורעס איז פאַרלוירן געגאַנגען די אַמאָליקע תמימות.

און אַז די מאָדע דיקטירט ליב צו האָבן דיסאָנאַנסן, מוז זיך יעדער אינטעליגענטער פּיליסטער אונטערגעבן.

און מיט דער אויסנאַם פון דעם אמת׳ן זשעני איז קיינער היינטיקע צייטן ניט פאַר׳משפּט צו וואַרטן אויף אָנערקענונג און „אומשטערבליכקייט״ אַזוי לאַנג ווי באַך.

אָבער אַז מ׳וויל זיין אויפריכטיק און צוגעבן, אַז טראָץ דער קאָ־לעקטיווער צערריסנקייט אונזערער איז די וועלט נאָך די זעלבע וואָס געווען: טאָג מיט נאַכט האָבן זיך נאָך ניט צוזאַמענגעמישט און זומער מיט ווינטער אויך ניט; איז עס אַ סמן, אַז ס׳איז נאָך פאַרט געבליבן אַ שטיקל סי־מעטריע אין אונזער וועלט און מיר מוזן די לעקציע פון דער געשיכטע לערנען אַזוי ווי זי איז געגעבן געוואָרן.

און וואָס איז די לעקציע פון דער געשיכטע? זיי, די גרויסע מייס־טער פון דעם עבר האָבן געבראָכן טעאָרעטישע געזעצן, האָבן איגנאָרירט אָנגענומענע פאָרמולעס און טראַדיציעס, — אָבער די אייביגע געזעצן האָבן זיי געלאָזט גאַנץ.

דאָס געזעץ איבער אַלע געזעצן אין דער מוזיק איז דער מוזיקאַלישער

פענאָמען פאַר זיך אַליין. דאָס, וואָס עס שיידט אָפּ מוזיק פון טומל. עפּעס איז פאַראַן אין דער נאַטור אַליין, וואָס גיט אַכטונג, אַז טומל זאָל בלייבן טומל אַפילו שוין נאָכדעם ווי מען באַפּוצט אים מיט אַלערליי שיינע טעאָריעס און אַז מוזיק זאָל בלייבן מוזיק אַפילו שוין נאָכדעם ווי די מאָדע דיקטירט צו פאַרבייטן זי אויף ריינעם טומל.

מוזיק האָט קיינער ניט דערפונדן פונקט ווי קיינער האָט ניט אויסגעטראַכט דעם קלאַנג, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט קלאַפּנדיק איין שטיין אָן אַ צווייטן. אין יענעם טאָג, ווען דער ערשטער מענש האָט דערהערט דעם קלאַנג פון זיין אייגענער שטים און אויסגעפונען, אַז „ס'איז גוט״ האָט ער געדאַרפט זאָגן: „פון היינט און ווייטער וועל איך געשטערט ווערן פון יעדן טומל אַ חוץ דעם „טומעל״ פון מיין אייגענער שטים.״

קאָן מען דען דורך וואָסער עס איז מאָדערניסטישע ריכטונג קומען און מאַכן, אַז די גוט־אינטאָנירטע אָקטאַווע זאָל אויפהערן זיין אוניסאָן? מען קאָן ניט. ס'איז אַן א ו מ פ א ר ע נ ד ב א ר ע ר פ י ז י ש ע ר ג ע ז ע ץ. נאָך אַלע איבערקערענישן און כאַאָטישקייטן פון אונזער צייט איז די אָקטאַווע נאָך אַלץ אוניסאָן און איר עפעקט אויף אונזער געהער איז פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן.

און פונקט אַזוי איז מיט אַלע אַנדערע אינטערוואַלן אין די גרעניצן פון דער אָקטאַווע, דיסאָנאַנסן קאָנען ניט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון קאָנזאָנאַנסן. אום צו מאַכן אַ דיסאָנאַנס פון דער פ ע ר פ ע ק ט ע ר ק ו ו י נ ט ע למשל מוזט איר ענדערן איר פּאָזיציע, אָבער איר קאָנט ניט ענדערן יענע סבות אין דער נאַטור, וואָס מאַכן די פ ע ר פ ע ק ט ע ק ו ו י נ ט ע אַט דאָס וואָס זי איז. דאָס געהערט צו די אייביקע געזעצן.

אמת, דער אַקאָרד ווי דער דיסקאָרד זענען גלייך פאַראַן אין דער נאַטור פון מוזיק: און מיט זייער ברעכן דעם „חרם״, וואָס טעאָרעטיקער האָבן געלעגט אויף געוויסע מוזיקאַלישע דיסאָנאַנסן האָבן די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרס פון דעם עבר אויפגעמאָנט פאַר דער מוזיק דאָס, וואָס די נאַטור אַליין האָט פאַר איר באַשטימט.

אָבער די אולטראַ־דיסאָנאַנסלער, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט נקמה נעמען אָן די מעלאָדישע אינטערוואַלן למאי זיי האָבן דורות־לאַנג גענאָסן אַלע רעכט, בעת די דיסאָנאַנסן זענען געווען אונטערדריקט דורך אָנגענומענע טעאָרעטישע געזעצן — קומען זיי איצט און לעגן אַ „חרם״ אויף אַלץ, וואָס איז מעלאָדיש און אַקאָרדיש. וואָס זשע וועט איצט זיין? איצט וועלן דאַרפן קומען נייע גרויסע מייסטער, וואָס זאָלן בּיסלעכווייז — און גאַנץ „באַלעבאַטיש״ (אַ־לאַ באַך) צוברעכן דעם נייעם „חרם״ אַזוי גוט ווי מען האָט צעבראָכן דעם אַלטן...

די שיטה פון דער מאָדערניסטישער שולע איז קלאָר: זי וויל אַזאַ מוזיק וואָס זאָל אויסדריקן אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אין דער נאַטור און אין מענשטן — קאָלירן ווי קלאַנגען, דאָס אַבסטראַקטע ווי דאָס קאָנקרעטע דענקען און פילן. אַן אויסגעצייכנטע שיטה! און די טאַלאַנטפולע פירן דאָס טאַקע אַדורך בפועל ממש; די איבעריקע באַנוגענען זיך מיט אימיטאַציע און פאָטאָגראַפיע און עס נעמט זיי ניט לאַנג אַרומצוכאַפּן די פאַנטאַזיע פון דעם היינטיקן עולם, וואָס קאָן זיך ניט אַפּחדוש'ן פון דער „אַקוראַטקייט,״ ווען ער הערט פון אָרקעסטער די באַקאַנטע־צו־איהם קלאַנגען פון דער גאַס. מען נעמט דאָס אָן פאַר אמת'ע קונסט, בעת אין דער אמת'ן איז מעהר ווי „קונץ״ ניטאָ אין דעם.

דער היינטיקער סימפאָנישער אָרקעסטער איז רייך אין קלאַנג־פאַרב און דער פּויקער אַליין האָט אַרום זיך אַ גאַנצן באַגאַזש פון אַלערליי מיט־

אין דער ליטעראַטור זענען געבּליבּן בּיי זייער אָפּגענאַרטקייט. אפילו די וואָס האָבּן זיי אונטער זייער פּראָטעקציע גענומען האָבּן זיך פון זיי אָפּגעשאָקלט. איר וועט שוין מער ניט טרעפן די אָפּטע ארטיקלאַך וועגן א. לעיעלעס פון דעם בּ. צ. גאָלדבּערג אין „טאָג". דער דאָזיקער פּאַרשווין האָט זיך פאַרגענומען א פיין שטיקל אַרבּייט, א נישקשה'דיקע משא אויף זיינע פּלייצעס: אריינצושטופּן לעיעלעסן אין סאַמע קדשי־קדשים און שטיין בּיי דער טיר, מ'זאָל אים חלילה ניט ארויס'גנב'ענען, מ'זאָל אים חלילה ניט ארויסוואַרפן. ער ווייס ניט, דער גרויסער חכם, אַז סיי ער, סיי לעיעלעס, זענען אזוינע פּרעמדע, ווייטע פון דעם צו וואָס זיי שטופּן זיך. מיר דוכט זיך, אַז בּיי דעם בּ. צ. גאָלדבּערג האָבּן אויך פּאַרבּלאָנדזשעט א פּאָר פּעטליכע אַמבּיציעזע זינדיקע מחשבות אין מח: קריטיק, און דעם איינציקן שפּאַלט אויפן עדיטאָריעלן זייט פון „טאָג", וואו ער פלעגט אַמאָל מבינות'ן, האָט זיך אין יעדער שורה זיינער געמערקט א זינדיקע כונה. ניט פאַרפעלט פאַרשפּיצן זיין נאָז און שמעקן און דער־שמעקן שרעקליכע בּשמים. און פון אָט דעם מין דערשמעקן האָט זיך דער־הערט דער ריח פון זיינע שרעקליכע אַמבּיציעס. קיינער האָט אים ניט געענטפערט, ווייל אין תוך האָט ער קיינעם ניט בּאַרירט. פּאַר קיינעם ניט עקזיסטירט, פּונקט ווי אלע, וואָס קוועלן און קוועטשן זיך אין אונזער קהל'שאַפט, און שטעקן פון צייט צו צייט אריין דעם נאָז אויך אין דער ליטעראַטור, און קומען ארויס מיט טענות און תרעומות, אַז דאָס געפעלט זיי ניט און יענס פּאַסט זיי ניט; דאָס איז ניט גענוג, דאָס אנדערע צופיל. אויך איצט לאָזן זיך הערן די אומגעבּעטענע „קריטיקער" און חטאים־זוכער. אין דער „פרייער אַרבּעטער שטימע" האָט זיך יעקב מילך אָנגע־טשעפּעט אָן דער אידישער פּאָעזיע און איז, ווייזט אויס, גאַנץ בּייזלאַך אויף די אידישע פּאָעטן, וואָס מאַכן פון זיך א וועזן, וואָס קריטיקער שרייבּן וועגן זיי און מ'נעמט זיי וויכטיק. (מ'שטיינס געזאָגט...) מילא, האָט ער טענות, וועט ער זיך אראָפּ'טענה'ן פון הארצן און — זאָל אים וואויל זיין. ס'וועט חלילה קיינעם ניט שאַטן, ניט אימיצער פּילט זיך געטראָפן פון זיינע רייד, ניט מ'נעמט ערנסט זיינע טענות, ווייל סיי דער טאָן, סיי די כונה אונטער די טענות איז פון א פרעמדן, א מענטש פון אן אנדער וועלט, מיט קאַלטקייט און בּייזגעפּיל צו אונזער ליטעראַטור. אגב, איז די „פרייע אַרבּעטער שטימע" געוואָרן לעצטנס א פּלאַץ פאַר קוריאָזע ליטעראַרישע פּלפּולים פון כל־ערליי ליטעראַרישע דרשנים. אַלץ אין דער וועלט האָט מען שוין דאָרט אריינגעטייטשט און אריינגעבּייטשט אין לייוויק'ס „גולם", און אלערליי האָזיקע רמזים אין די אַבּסטראַקטע לידער פון אהרן צייטלין און אנדערע „דיכטער", וואָס שרייבּן אויף זיין מאָדנע־מאָדערנעם „קאָסמישן" שטייגער. האָט דאָרטן, אין דער פ. אַ. ש. א איד מיטן נאָמען צונזער, אָנגעשריבּן א סעריע הארטע ארטיקלען וועגן דאָס אידייאישע, קאָסמישע... אין דער אידישער ליטעראַטור „פון דער לעצטער צייט"... פון די מלחמה און נאָך־מלחמה־יאָרן. וואָך נאָך וואָך האָבּן זיך געצויגן די ארטיקלען, איינער נאַרישער פונם צווייטן, און — דער לעזער, וואָס איז ערגעץ זיכער דאָ, האָט זיך זיין נחת דערפון. אין זיין מח וואַקסט אויס א ליטעראַטור מיט פעדערן, מיט קאָלירטע סטיינגעס בּאַהאַנגען ווי א דאָרפס־כלה צו בּאַדעקנס. דאָס זיינען אָבּער אַלץ זאַכן, וואָס פאַרגייען מיט דער מינוט, אָן האַפּט און קראַפּט ווערן זיי געבּאָרן און פאַרלאָרן. שטילערהייט. פּאַר זיך און אין איר אייגענער ריינער אָפּגעזונדערטקייט, שאַפט זיך דאָס אידישע קינסטלערישע וואָרט, אין דער סביבה און ליבּע פון יעדן איינציקן עכטן דיכטער בּאַזונדער. און נייע דיכטער זיינען צוגע־

לען צו אימיטירן אלערליי חיות און עופות, מאשינען און זאכען. איר קאנט אפילו הערן ווי עס ווערט איבערגעגעבן „נאטוראל״ דאס מיאקען פון הונגעריקע און בענקענדיקע קעץ נאך האלבע נאכט, אבער ס׳איז בלויז אימיטאציע.

מער ווי דאס מיאקען פון קעץ נאך האלבע נאכט איז — פון קינסטלערישן שטאנדפונקט — די עמאציאנעלע איבערלעבונג פון דעם, וואס ליגט וואך אויף זיין געלעגער און הערט זיך צו צום קאצניאמער הינטער זיין פענסטער... און איז דען נאך פאראן א בעסער אויסדרוקס־מיטל איבערצוגעבן עמאציאנעלע איבערלעבונגען ווי „די שפראך פון דער נשמה״ — מוזיק? ניט אומזיסט האט בעטהאווען פראטעסטירט, ווען מען האט אים באשולדיקט אין שרייבן „פראגראמאטישע מוזיק״ און זיין פראטעסט איז געווען בארעכטיקט. ניט: „אזוי שטורמט א שטורם,״ דערצעהלט אונז דער ארקעסטער שפילנדיק בעטהאווען׳ס „פאסטאראלע סימפאניע״, נאר: „אזוי האט בעטהאווען דורכגעלעבט א שטורם.״ דער שטורם אליין האט געשטורמט פאר בעטהאווען׳ס קעכין אזוי גוט ווי פאר בעטהאווען׳ען, אבער דעם שטורם פון דער פאסטאראלער סימפאניע האט דורכגעלעבט בעטהאווען אליין.

ניט אימיטאציע, נאר עמאציאנעלער אויסדרוק, ניט פאטאגראפיע, נאר די **פארגייסטיגונג פון זאכען** איז קונסט. די פאר׳חומר׳ונג פון מוזיק וועט צו דער פארגייסטיגונג פון זאכן ניט פירן.

און דאס אפזאגן זיך פון מעלאדיע און פון יענע הארמאנישע קאמבינאציעס, וואס האבן תמיד געוועקט די שענסטע געפילן אין מענשן פירט דוכט זיך מיר צו דער פארלייקענונג פון עפעס, וואס ליגט אין סאמע קדשי קדשים פון דעם „היכל הנגינה.״

דורך דעם „חרם״ אויף מוזיקאלישע דיסאנאנסן אין דער פארגאנגענהייט איז די מוזיק געווען בארויבט פון עפעס, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט איר זאלץ־און פעפער. איצט מאכט עס אן איינדרוק ווי די אולטרא־דיסאנאנסלער וואלטן געקומען און געזאגט: אויב דיסאנאנסן זיינען גוט אלס ביי־זאך ווערן זיי מהיום והלאה די הויפט זאך און דאס איבעריקע קאסירן מיר אויס.

עס לאזט זיך אבער ניט אויסקאסירן.

פונקט ווי אלץ אין דער וועלט איז א געמיש פון הארמאניע און כאאס, ליכט און שאטן, זומער און ווינטער, פרייד און צער, רו און אומרו, אזוי איז די מוזיק פול מיט אקארד און דיסקארד, שאטירונג און קאנטראסט.

מוזיק איז אלצדינג, א חוץ ריינער אוממוזיקאלישער טומל.

שניטער

אך, דו שניטער!
ווי גראַציעז עס ליגן דיינע גאַרבן,
אַ קאָסע האָסטו פונקט ווי דו, די גרויס
און שניידסט, און שניידסט די זאַנגען —
— קעפלאך פון דער מאַמע׳ס שויס...
די פעלדער ליגן נאַקעטע און וויינען —
וואַשן מיט די טרערן אָפּ די גאַרבן.
זאָג נאָר ברוינער שניטער, דו!
האָסטו ווען געטראַכט פון שטאַרבן?
און דער יונגער שניטער
פירט זיין קאָסע לינקס און רעכטס,
עס קייקלט זיך אין דער לופט אן עכאָ —
אַ טיפער, שאַרפער׳ קרעכץ...
שניט־צייט, שניט־צייט:
זינגען פויגל —
עס קומען בייזע געסט
אך, די זאַנגען פאַלן, פאַלן —
עס וועבט דער טויט זיין נעסט...

מיינע וועגן

אַלע מיינע וועגן זיינען וואַרטנדיקע —
שטיינער שווערע וואַרטנדיקע
און מאַכן שווער דאָס האַרץ...
אין אַ לייכטען בלויען נעפל
צירן זיי זיך ווען ניט ווען —
מיינע רופנדיקע וועגן, וואַרטנדיקע.
און איך פאַרזיי דאָרט יאָרן אַזוי פיל בליענדיקע,
אינם זאַמד פון וועגן פרעמדע,
וואַרטנדיקע...

דיין ליד צו מיר

כ׳פרעג גאַנץ אָפט, ווען איך קוק אויף דיר:
וואו איז דיין ליד, דיין ליד צו מיר?
אז איך קוק זיך אין דיין פנים איין
זע איך שיינען אַ העלע שיין,
וואָס דערפרייט מיך און באַהעלט
און עפענט פאַר מיר אַ וואונדער וועלט...
הער איך זיך איין אין דיינע טריט
דערהער איך קלאָר דיין שטילסטע ליד;

דיין טיפסטע ליד פון פרייד און זאָרגן —
דאָס ליד פון אַלעמען פאַרבאָרגן.
ווערט מיר ליב דאָס לאַנגע ווארטן,
דעם יום־טוב נגון, דעם לאַנג געגארטן.
פיל איך שוין אין האַרץ ביי מיר —
דאָס שטומע ליד צו מיר פון דיר...

צו דיר

אין שטילע בענקשאַפט צו דיר
וויגט זיך אום מיין געפיל.
אין ריינער ליבע צו דיר
פלאטערט מיין זעל אין דער שטיל...
ביזטו ווייט ווען פון מיר
איז מיין האַרץ פול מיט צער.
ביזטו נאָענט צו מיר —
מיין קינד און מיין האַר...
ביזטו גוט ווען צו מיר,
שיינט מיין פנים מיט פרייד.
ביזטו שלעכט ווען צו מיר
איז מיין בליק פול מיט לייד.

ה. י. ביאַלאָסטאָצקי

יעדן טאָג

יעדן טאָג גייט אויף די זון
איבער מיר, איבערן דאַך.
אָבער ניט די זון פון הארצן —
ליכט פארבאָרגן און פאַרגראָבן,
גייט ניט אויף און ווערט ניט וואַך.

רוים פאַר פויגל, ערד פאַר וואָרם.
שטרעקט דער בוים צו זון זיין אָרם;
לויפן וועגן אים אַנטקעגן;
פליען פויגל מיט געזאנגען.

פלי, מיין בענקשאַפט!
נאָך ניט אויסגעשפרייט די פליגל,
נאָך ניט אויפגעמאכט דער ריגל —
הענגען פליגל, ווי געהאנגען.

האַרץ, טונקעלע הייל פון מיין געמיט!
שטאַרקער, שטאַרקער מיינע טריט!

ווי עס שימערט ליכט אין הייל
און אן אוצר היט —
ווייס איך:
הינטער טויער פון מיין טרויער
שימערט, זינגט דאָס ליכט אין מיר.
אוצר ליכט וועט זיך אנטפּלעקן,
שיין וועט ווערן אויפגעוואכט.

זון וועט אויפגיין אין פרימאָרגן.
איצט איז פינסטער, איצט איז נאַכט.
בּוים און פויגל שלאָפן.
מיינע אויגן זיינען אָפן.
פלי, מיין בּיינקשאַפט, פלי,
און בּריינג אין מיטן־נאכט מיר זונען־גלי!...

די הייל

די זון פארגייט —— גייט אויף אין מיר מיין בּלוט
מיט ווארמקייט און ליכט.
גייט אויף בּאַגער פון טאָג פאַרקוועלט
און בּיינקשאַפט אויפגעהעלט ווי מאָרגן־רויט
צושפּרייט זיך אָדערדיג דורך יעדן גליד
און גליט —
בּיז צו די שפּיצן־פינגער.
גרינג און גרינגער —
מיט אָנגעצונדענע, מיט הייסע טריט
גיי איך אין נאַכט אריין —
אין חשך־הייל פון איינגעשטילטער וועלט.
פאַרהוילעניש. וועג אין וועג פאַרקנוילט, פאַרלאָפן.
אין אלמערס, קאַסטענס פאַרשאָלטענע פּרינצעסינס שלאָפן
נאָר פון׳ם קלונג פון מיינע טריט געצונדן
דער כשוף־שלאָף צוגייט, פארשוואונדן.

בּת־מלכות רירן זיך און קומען מיר אַנטקעגן
היים־גלידערדיג געשטרעקט מיט בּלענדנדיקער קויל.
אַ ליכטיקייט גייט אויף רויז־רויט
פון אונטער מיר, פון מיר, פון אונטער דר׳ערד;
און פלאַנטערט זיך בּאַלד אויף פון הייל פון נאַכטיגער
דער טונקעלער וועגן־קנויל — — —
גייט אויף באגער פון טאָג פאַרקוועלט, פאַרשטעלט
די טריט געצונדן —
די זון פארגייט — פארגאנגען.
מיט ווארמקייט און ליכט
מיין בּלוט גייט זוניג אויף —
איז אויפגעגאנגען!

אַט אזוי

אַט אַזוי טו איך אַן עפן מיינע אויגן,
און קוק ארויף צו בלויער, שטילער רו,
זע דעם אָנהויב פון די טעג מיינע וואָס דארפען קומען
און מאַך די אויגן צו.

און ווי אַ קינד מיט צוגעמאכטע אויגן
אין ביטער־קלעפיקייט פון פרימאָרגנדיקן שלאָף,
ליג איך, וויקל זיך אין בלויען זון פאַרגאַנג,
אין קילן, ווייטן סוף...

ליג און הער אַ יעדן שלאָג פון הארצן
און אַ יעדן צוג פון מיינע דורכזיכטיקע הענט,
הער ווי זונען גלוט האָט זיך צובּרענט
אויף די גרינע שפּיצן פון בּוימער,
אויף מיינע הענט.

* * *

אין געלבלאַך־רויטן שיין
פאַרגייט מיין חלום;
ווייטע הימלען וואכן אויף אין העלער ליכט.

בּערג און טאָלן ציען זיך פאַר מיינע אויגן,
און אין העלקייט לייכט מיר אויף
דיין קלאָר געזיכט.

דינע בּלאַסע קלאַנגען
ציען זיך צו ווייטע בּרעגן,
און צום הימל זינגט ארויף אַ שטיל געזאנג.

וואכזאם ליג איך —
הער ווי זאמדיק פערד־טריט גאַלאָפּירן,
ציטערט אויף אין מיינע גלידער
ווי אַ טער קלאנג.

לעסטערנדיק לויבנדיק

א

וואָרפסט מיט ליכט, שטייענדיק אין א ראָד מיט זונען. העל קלינגט דיין קול ווי א האַרץ אַ ציטעריגע, א גאָלדענע. אייביקייט אין־סוף׳יגע, גאָט אומענדליכער! צעשטויבט אויף שטויב, אַשיג, פּעכיג, ליג איך מיטן פּנים אַראָפּ און וויין די גאַנצע נאַכט. די פאַרגעסענע וועלדער שרייען פאַר שרעק. די בערג טוליען זיך שטום צו דער ברוינער ערד. בלענד מיך, צעמיש מיך, מאַך מיך משוגע! קאַרג נישט וואָס דיר טוט באַנג צו קאַרגן; מיט דער פולער האַנט שענק פּיין, לייד, שאַנד און ווייטיקן. קום נאַקעט! רייס, שפּיל און זינג. בינד מיר די הענט. צעברעך מיר די שיין פון די אויגן. קיל זיך און מיין איך זע קרום. איך שטיי אויף פון דער ליידיקער נאַכט, וויש זיך אָפּ ס׳פּנים, און וועל מער נישט וויינען. לעבט א פיש אין ים, לעבט א חיה אין וואַלד, וועל איך לעבן אין דיר, אין־סוף׳יגע אייביקייט, גרויסער, ליכטיקער גאָט.

ב

די בערג פון גאָט האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם ווייסן שניי פון קאָפּ; דאָס גרינע גראָז פון מיין געמיט לאַשטשעט זיך זיי ביי די פיס. נאָר טונקל זענען די בערג. גאָט איז איצט נישטאָ אין זיי. אָן גאָט איז דאָך אַלץ הוילער חלום. אַט ליגט מיין ווילן פאַרהוילן אינוועניק פון חלום. דער צעדרייטער חלום פאַלט און שוימט ווי א וואַסערפאַל. איך קען מער נישט איינהאַלטן דעם ווינט פון מיין ווילן וואָס טראָגט זיך אַרום פון שטאָט צו שטאָט איבער די קעפּ פון שטעט. די בערג ליגן צעלייגט אין דער ערד הויך. אויף זיי די וואָלקנס ווי פערד טרייבן אַרום ווי ווילד. וואָס וועט זיין וועט זיין. איך וועל אויפלייזן דעם שלאָף וואָס מאַכט מיך צו חלומען. און מיין געמיט ווי פריש גרין גראָז וועט נעמען גיין צו אייך און אויפגיין אויף אייך, וואו איך שטייט דאָרט אויבן צעפרעסן פון שטורם און שוואַרץ.

ג

אין א שניט ערד שטעקט דער בוים — זומער, און ווערט. דער פויגל פליט אַפּיר פון אונטערן צעבליטן צווייג, פליט זינגענדיק. ווען איך בין אַרוים פון הויז האָב איך זיך צעזונגען. קומט מיר אָן די בשורה: שטאַרבן. פאַר פרייד און שרעק הייב איך אויף די הענט. פליען זיי מיר אוועק, שוועבן אין דער הויך און פאַלן טויטע אויף א שטיין. איך זע ווי די קאַרשן־בליטן פאַלן, פאַרשטעל איך מיר די אויגן. נעמט די ערד שווינדלן, און גאָט אין א קלייד מיט א זוים ערגיץ אין א ווייסן ליכט לאַכט צו מיר. רעד איך צו זיך אין דער שטיל עפּעס וועגן א תיקון וואָס איך זוך און האָב ערשט איצט געפונען. עס שפּיגלט זיך אין די צוגע־מאַכטע אויגן. פאַרנורעט אין זיך אַריין הער איך זינגען. די הענט קומען צוריק און ברענגען בונטן בעז. און שיינע ווייסע אָרימס האַלזן מיך, און איך שלאָף — אייביק.

ד

פאַלט דער שווערער רעגן פון מיין יאוש אויף די באַבלומטע פלאַכן פון דער ערד. רעדעלט זיך דער טייך מיט קליינע זילבערנע פישלעך. די שווארצע שוועסטערן, די בערג, איינגעהילט אין שווארצן. דער חן פון פרויען מאַכט מיך בייז. איך רייס זיך די האָר. איך רייס אויס זייערע נעמען פון מיין אָנדענק. גליען די לייבער א ווייל ווי צעגליטער אש, וואָס איך צעטרעט דאָס מיט דער ערד. נעמט זיך מיין בליק וואנדן צו דיר און שפּאַרט אָן ווייט אריבער מיר. און דאָס גוטע מאַכט צונישט דאָס בייזע. קומט א היילונג אויף מיין הארצן. אזוי אָז זאָלסט מיך בריען מיט א רויטער רוט וואָלט איך געקושט די רוט. און ווי איך זיץ אזוי גייט מיר אויף די זון אין די אויגן. איך טובל זיך אין דיין ווייסער האַנט. מיין הארץ איז גאַנץ. אין חלול בין איך אליין — און דו. די רו רופט — איך ענטפער: איך בין די רו. דו האסט מיר געשאַנקען איך זאָל זיין מיין אייגן בעט, מיין אייגענער הימל, מיין אייגענע ערד. לויב איך דיך און זינג דיר לויב, גאָט.

ש. ד. זינגער

אָוונט-לידער

1.

אָקעגן אָוונט שטרעקן זיך דיינע גלידער,
צו דער וועלט — צו מיר.
נעם, פּארצי דיינע ליפּן די מיד-צעעפנטע.
הויכע בארגיקייט ארום, פארנעמט
שטילע רייד, וואָס פליסן דאָ שושקענדיק און ציטריק.

2.

אין אָוונט גייט אויף מיין ליד צו דיר.
אויף בלויע וייטן שיפט זיך
אונזער שפּראָצנדיק יוגנטליכקייט,
און קומסטו, אָוונט, אויף אונז —
ווערט ווייט און פרעמד אונזער טאָגיקע זוניקייט.

3.

צו דיר, אָוונט, גייען מיינע שטילע סודות׳פולע רייד,
וואָס טריפן מיט בלוטיקן ווייך
אין הארץ פון מיין אויסדערוויילטע, —
אַלע רייד פון נאָענט-ליבנדיקע
וואָס קומען אויף וועגן פון איינזאמקייט —
גייען צו דיר.
אויך רייד פון יונגע לעבנס, בלאָנדזשנדיקע,
וואָס ציטערן פאַר ערשטן גליק
אין אינגעווייד פון דיין בין-השמשות —
גייען צו דיר.
און אויף אונז אלעמען רוט דיין טונקלקייט
וואָס פארוויגט די וועלט אין שווייגן — — — —

ב. ג. זאַק

אַנגליציזמען אין אידיש

שפּראַכן זיינען ווי מענטשן: זיי ווערן ניט געשאַפן פאַרטיקע און פול־אַנטוויקלטע. זיי האָבן זיך זייער קינדהייט, זייער יוגנט, זייערע יאָרן פון בליען און פון דערוואַקסנקייט, און מאַכן דורך אַלערליי מדרגות ביז זיי דערגרייכן דעם העכסטן שטאַפּל פון ליטעראַרישער און קולטורעלער פולקומענקייט.

און ווי פון מענטשן, איז אָפט דער וועג פון שפּראַכן אַ וועג פון שטיינער און פון דערנער — וואָס פאַרפּלאָנטערן זייער גאַנג, וואָס באַשווערן זייער לאַנגזאַמע און נאַטירליכע אַנטוויקלונג. דאָס דערציילט אונז די טרויעריקע מערכה, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון אונזער אידיש, די שפּראַך, וואָס ווערט גערעט און פאַרשטאַנען פון דעם גרעסטן טייל פון אונזער פאָלק, און פון וויניקסטנס צוויי און אַ האַלב מיליאָן אידן דאָ, פון דער זייט ים.

די שונאים און געגנער פון אָט דער דאָזיקער שפּראַך האָבן פאַר איר קיין אַנדער צונאָמען ניט ווי „גלות שפּראַך״, אַ צונאָמען, וואָס זאָגט אונז, אַז זיי פילן צו איר אַ סך פאַראַכטונג און קיין האָר סימפּאַטיע ניט. אָבער דער נאָמען איז דאָך, אין אַ אומגעקערטן זין, פאָרט אַ באַרעכטיקטער; אידיש איז אַ גלות־שפּראַך — ניט קיין שפּראַך פ ו ן גלות, נאָר אַ שפּראַך, וואָס איז א י ן גלות... ווי אַ גלות־שפּראַך ווערט אונזער מאַמע־לשון באַהאַנדלט פון אַלע זייטן, מצד אירע פריינט, ווי מצד אירע שונאים, אָן ריקזיכט, אָן צערעמאָניעס און מיט אַ מאָדנער הפקרות. די ערשטע טוען דאָס אויס צופיל ליבע, צופיל נאַכלעסיקייט, נאָר אומבאַוואוסט; די אַנדערע — אַבזיכטלאַך, באַוואוסטזיניק, ווייל זיי קימערן זיך ניט וועגן איר צוקינפטיקן אָדער געגנוואַרטיקן גורל.

די אידישע שפּראַך, קאָן מען זאָגן, איז פון אירע קינדער־יאָרן שוין אַרויס. זי מאַכט היינט דורך אַ שטופּע, וועלכע איז פאַר אַ סך שפּראַכן געווען אַ אומפאַרמיידלעכע זאַך ביז זיי זיינען צוגעקומען צו זייער היינטיקער מדרגה. אידיש אַנטוויקלט זיך אָבער אויף אַן אַנדער וועג, אַ מער־פאַרפּלאָנטערטן און מער קאָמפּליצירטן. גאַנץ באַזונדערע געשיכטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע איינפלוסן און באַדינגונגען באַגלייטן דעם וואוקס פון אונזער מאַמע־לשון. ווי דאָס איז געווען און איז דער פאַל מיט אַנדערע לעבעדיקע שפּראַכן.

און דאָ איז אויך כדאי צו געדיינקען נאָך אַ זאַך: אַז בעת די אינדיווידואַליטעט, דאָס גאַנצע אינווייניקסטע וועזן פון אַ פאָלק פּיקט זיך אויס אין זיינע שפּראַך־פאָרמען, וועלכע זיינען דער שפּיגל פון זיין געדאַנק און געפיל, דאָן פּיקט זיך אין אידיש אויס איין העלפט פון דער אידישער נשמה... די צווייטע העלפט בלויז פאַר איר וויניק וואָס אַנטפּלעקט, בלויז פאַר איר אַ טיפער, אומקלאָרער, אייביקער סוד!

אָט דערפאַר איז וויכטיק און אויך אינטערעסאַנט אַ ווײַלע זיך אָפּצושטעלן אויף אַ געוויסער צייט אין דער אַנטוויקלונג פון אונזער שפּראַך דאָ אין אַמעריקע, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין דעם אידישן קולטורעלן לעבן פון דער זייט ים.

די אַמעריקאַנער סביבה, אָט די סביבה פון וועלכער דאָס לעבן פון די היגע אידישע מאַסן געפינט זיך כסדר אַרומגערינגלט, האָט אַ זייער

שטאַרקע ווירקונג געהאַט אויף דער אידישער שפּראַך, וועלכע האָט פון דעם ארומיקן איינגעזאַפּט און איינגעזויגן אין זיך אַ סך פרעמדע קערנדלאַך, אַ היבשע צאָל ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זי האָט אויפגענומען, און וועלכע האָבן זיך אַ פּלאַץ געמאַכט אין דעם אידישן וואָקאַבולאַר.

מיר האָבן היינט אין אידיש אַ גאָר גרויסע צאָל אַנגליציזמען, ענגלישע ווערטער, ענגלישע אויסדרוקן און אפילו ענגלישע שפּראַך־פאָרמען, וועלכע האָבן זיך אין אונזער מאַמע־לשון פאַרקליבן דורך דער פאַרמיטלונג פון דער ארומיקער קולטור, פון דער ארומיקער ג א ס, מיט וועלכע מיר קומען אין באַרירונג. אַ טייל פון זיי האָבן דורך דעם משך פון יאָרן זיך שוין איינגעבירגערט אין אידיש, און ווערן אַנערקענט און באַטראַכט אַלס תושבים אין אונזער שפּראַך. אַנדערע וואָלטן מיר געמעגט געבן בירגער־רעכט און אויפנעמען; אָבער אַ באַדייטנדן טייל פון זיי קלינגט עפּעס דעם אידישן אויער ניט נאָר ניט היימיש אין טאָן, נאָר אויך גאַנץ פרעמד אין באַדייטונג, און זיינען זיכער אַן עלעמענט, וואָס פאַרדאַרבט די ריינקייט, די אייגנאַרטיקייט, דעם חן פון דער אידישער שפּראַך.

פּאַראַדאָקסיש ווי דאָס קלינגט האָט דאָך די אידישע פּרעסע, די אידישע צייטונג אין אַמעריקע פיל מיטגעהאָלפן און העלפט מיט אויף אידיש, ווי דאָס ווערט גערעדט און באַנוצט פון דער זייט ים — באַנוצט ניט בלויז אין דעם טאָג־טעגלאַכן אומגאַנג, נאָר אָפט אויך אפילו אין דעם אַבסטראַקטן געביט, — אָפּצושטעמפּלען דעם הויך פון דער סביבה. די אַמעריקאַניש־אידישע צייטונג איז, אָדער איז ווייניקסטנס ביז מיט אַ צייט צוריק געווען די הויפּט פאַרמיטלערן צווישן דער גאַס און דער שפּראַך פון די אידישע מאַסן, אַריינבּרענגנדיק אין איר די פרעמדע ווערטער, די פרעמדע אויסדרוקן. זי האָט דערמיט באַוואוסטזיניק געזינדיקט קעגן דער אידישער שפּראַכלאַכער ריינקייט, וועלכע זי האָט געהאָלפן פאַרדאַרבן, דורך אַזעלכע ווערטער ווי „סטאָר״, „סיידוואָק״, „קאַר״, „ווינדע״, „פעקטאָרי״, „פּעדלער״, „מופן״, „רענט״, „פּראָפּערטי״ און צענדליקער אַנדערע, וואָס וואַרפן זיך דורך אין אידישן אָרגאַן, וואָס איר נעמט אין האַנט. איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן אַ צייטונג אין ענגליש, אין פראַנצויזיש, אין דייטש, אין רוסיש — אין יעדער אַנטוויקלטער שפּראַך, — וואָס זאָל ארויסגעגעבן ווערן אין אַזאַ צו׳הרג׳עטן, צוקאַליעטשעטן זשאַרגאָן, ווי געוויסע אַמעריקאַניש־אידישע צייטונגען, וועלכע ריידן צו אונז אויף דער נייס־זייט כסדר אין „פּליינעם״ אידיש, אַט טאַקע ווי דאָס הייסט אויפ׳ן „פאָרווערטס״־לשון: אַז „אָפּענער ספּליט״, איז אַן אָפּענער ספּליט, און „אומגערעכטע רולינגס״ בּלייבּן אומגערעכטע רולינגס; אָדער — אַז „דער טשערמאַן פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד האָט גערופן די קאָנווענשאָן צו אָרדער, און נאָך אַ ראָל־קאָל פון די דעלעגאַטן״. אויף צוואַנציק ווערטער — ניט ווייניקער ווי 8 ענגלישע!

גוואַלט, ווילט זיך שרייען, — וואו איז די באַציהונג צו דער פאָלקשפּראַך, וואו איז דער אינטערעס, וואו איז דער געפיל פאַר איר ריינקייט און אייגנאַרטיקייט? ביז היינט האָט די צייטונג אין אונזער קולטורעלן לעבן זיך דערוואָרבן אַזאַ אָרט, אַז זי האָט כמעט ווי פאַרשלונגען דעם בוך. דאָס איז די טעגלאַכע פּרעסע הויפּטזאַכלאַך, וואָס פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן אין דעם גייסטיקן „מעניו״ פון אידישן לעזער. דער וואָס לייענט נעמט זיך גיכער צו אַ צייטונג ווי צו אַ בוך. פאַר דעם בוך האָט ער קיין צייט ניט, צי אפשר קיין אינטערעס ניט; אָבער זיין בלאַט צו לייענען וועט ער ניט פאַרפעלן; דאָס מוז ער, דאָס איז זיין טעגלאַכע שפּייז פאַר זיין גייסט. פאָלגליך פאַלט עס אויף דער פּרעסע צו העלפן

ווייטער אנטוויקלען און קולטיווירן די אידישע שפראך, צו באריייכערן איר ווערטער־שאץ, זי צו מאכן אויסדרוקס־פייאיקער, שענער, פארצווייגטער. און דאס איז דורך דער פרעסע דורך וואנען עס שטראמען צו אונז אריין אלערליי בארבאריזמען און סאלעציזמען, וועלכע פארקריפלען די אייגנ־ארטיקייט פון דער אידישער שפראך, וועלכע צוהויקערן זי, פארזשארגא־נעווען זי.

ריידנדיק פון אנגליציזמען אין אידיש, אונטערשיידן מיר דערביי עטליכע קאטעגאריעס. קודם כל איז ווערט פעסטצושטעלן, אז די השפעה פון ענגליש אויף אונזער מאמע־לשון איז ביז היינט געווען אזוי גרויס, אז דער פראצעס פון אויפנעמען איינצעלנע ווערטער איז אנגעגאנגען לויט זיכערע כללים און לויט די פאנעטישע אייגנשאפטען פון דער שפראך אויף וועלכע מיר ריידן. דער וואס איז באקאנט מיט די פילאלאגישע געזעצן פון אידיש, דער וועט פארשטיין פארוואס דער פראסטער, ניט־געבילדעטער איד זאגט דוקא „פינדישן", „א צאמים" (אויף סאמאנס, „לייסטענס", „ליסט" (אנשטאט לים), א. אז. וו. די פארוואנדלונג פון געוויסע קאנסאנאנטן אין פאראזיטישע קלאנגן*), אדער דאס ארויספאלן פון אנדערע קלאנגען (ווי „נ" אין סאמאנס) איז א געוויינטלאכע דערשיי־נונג אין דער אידישער שפראך.

---

*) וועגן די פאראזיטיזמען אין אידיש האט דר. א. א. ראבאק אנ־געשריבן א גרינטלאכע און מייסטערהאפטע פילאלאגישע אפהאנדלונג, וועלכע געפינט זיך אין מאנוסקריפט.

רבקה רויזענבלאט

וועלכער גוטער חלום?

וועלכער גוטער חלום
האט דיך געבראכט צו מיר?
ביזט געקומען,
און באלד ביזטו אוועק!
און געבליבן איז מיר נאר
דיין איילנדיקער קוש אויף מיינע האר —

וועלכער גוטער חלום
האט דיך געבראכט צו מיר,
אז איך זאל צערטלען אין מיין הארץ
דיין איילנדיקן קוש אויף מיינע האר?

SELF-RELIANCE*)

(עסיי)

אידיש: פון ש. ווייסמאן

דער מענש זאל דאריבער אנערקענען זיין ווערט, און אלצדינג מאכן אונטערטעניג צו זיך. ער זאל נאר ניט באהאלטנערהייט און גנבה'יש זיך ארומקוקן אדער זיך ארויפכאפן מיט דער מינע פון א הקדש־אינגל, א ממזר אדער א ווילד־פרעמדער אין א וועלט, וועלכע עקזיסטירט צוליב אים. אבער דער געוויינלאכער מענש פילט זיך נישטיג, ווען ער באטראכט א פעסטונג אדער א מארמארנעם גאט, ווייל ער געפינט ניט אין זיך קיין אייגנשאפט, וואס זאל זיך לאזן פארגלייכן מיט דער קראפט, וואס האט דאס אלץ אויפגעטאן. אים זעען אויס פרעמד און דערווייטערט דער פאלאץ, די סטאטוע, דער ווערטפולער בוך, אט אזוי ווי א פריילאכער שפאן, ווי זיי וואלטן אים געפרעגט: ווער ביזטו דאס, מענש איינער ? אבער, זיי אלע געהערן דאך אין אמת'ן צו אים, זיי זוכן זיין אויפמערקזאמקייט, זיי בעטן זיך אז זיינע גייסטיגע אייגנשאפטן זאלן זיך אפרופן און קומען באזיצן זייער אייגנטום. דאס בילד ווארט אויף מיין אורטייל, ס'קען מיך ניט באהערשן, נאר איך דארף באשטימען זיין ווערט געלויבט צו ווערן.

יענע באקאנטע מעשה וועגן דעם שכור, וואס איז אויפגעהויבן געווארן טויט שכור אין גאס, געבראכט געווארן אין פריצס הויז, ארומגעוואשן, אנגעטאן און ארייננגעלעגט געווארן אין פריצס בעט, און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט מען אים באהאנדלט צירליך־מאנירליך ווי ס'פאסט פאר א פריץ, און מ'האט אים פארזיכערט אז ער איז ביז דאן געוועזן משוגע — אט די מעשה איז אזוי אלגעמיין באקאנט, ווייל זי סימבאליזירט אזוי גוט דעם עצם וועזן פונם מענטשן, וועלכער גייט ארום אויף דער ערד ווי א מין שכור, וועלכער כאפט זיך אבער אויף פון צייט צו צייט, באנוצט זיך מיט זיין שכל, און געפינט אויס אז ער איז אן אמת'ער פרינץ.

אונזער לייענען איז בעטלעריש און פאראזיטיש, אונזער פאנטאזיע ווערט פארפירעריש און פאלש ווען מיר גיבן זיך אפ מיט געשיכטע. קעניג און לארד, מאכט און באזיץ זיינען מער צוציענדע ווערטער איידער די געווינלאכע ראובנס און שמעונס, וואס וואוינען אינם קליינעם שטיבעלע און טוען געוויינלאכע טאג ארבעט, אבער די ענינים פון לעבען זיינען דיזעלבע אומעטום, דער סך הכל — דער זעלבער. פארוואס זאלן מיר ארויסווייזן אזוי פיל כבוד אלפרעדן, סקאנדערבערגן און גוסטאוון ? און אפילו אז זיי זיינען געוועזן גרויסמוטיג, האבן זיי דען אויסגענוצט די גאנצע גרויסמוט? אן דיין אייגענער האנדלונג היינט הענגט אפ פונקט אזוי פיל ווי אן זייערע עפנטליכן און בארימטע מעשים פון אמאל. ווען געוויינלאכע מענטשן וועלן לעבן מיט זייערע אייגענע מיינונגען, וועט דער גלאנץ איבערגעפירט ווערן פון די אויפטועז פון מלכים צו די אויפטועז פון פשוטע בשר ודמ'ס.

די וועלט איז ווירקליך ערצויגן געווארן פון אירע מלכים, וועלכע האבן שטארק פארכשופט די אויגן פון די פעלקער. דורך דעם קאלאסאלן קע־

---

*) זע „קאנאדע'', נומער 2.

ניגליכן סימבאָל האָט זי זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דעם געגנזייטיגן כבוד, וואָס איין מענש זאָל קריגן פונם אנדערן. די פריידיגע געטריישאַפט, מיט וועלכע מענטשן האָבן אומעטום ערלויבט דעם קעניג, דעם האַר אָדער דעם גרויסן לאַנד באַזיצער ארומצוגיין צווישן זיי לויט זיינע אייגענע געזעצן, צו באַשטימען זיין אייגענע אָפּשאַצונג פון מענשן און זאכן, און מבטל צו זיין זייער אָפּשאַצונג, צו צאָלן פאַר געוויסע נוצן ניט מיט געלט, נאָר מיט כבוד, און צו פאַרקערפּערן דאָס געזעץ אין זיין אייגענער פּערזאָן, — דאָס איז געווען דער באַהאַלטענער סימבאָל, דורך וועלכן זיי האָבן, אויף אַן אומקלאָרן שטייגער, באַצייכנט זייער באַוואוסטזיניגקייט וועגן זייערע אייגענע רעכט און ווערט, די רעכט פון יעדן מענשן.

דער מאַגנעטיזם, וואָס ווערט אויסגעאיבט דורך יעדער אייגנאַרטיגער האַנדלונג, ווערט אונז קלאָר נאָר דאַן, ווען מיר פאָרשן אויס די סבה פון זעלבסט־צוטרויען. ווער איז דאָס דער נאָמן? ווער איז דאָס דער אורשפּרינגליכער „איך,‟ אויף וועלכן ס'באַזירט זיך דער אוניווערסאַלער צוטרויען? וואָס איז דער עצם וועזן און קראַפט פון דעם גרויסן שטערן, וואָס אונטערוואַרפט זיך ניט צו קיינע וויסנשאַפטליכע אויסרעכנונגען, וועלכער וואַרפט אָבער אַרויף אַ שטראַל פון שיינקייט אפילו פון די קלענסטע און אומריינסטע מעשים, אויב נאָר זיי זיינען באַגלייט מיט דעם מינדסטן צייכן פון זעלבסטשטענדיגקייט? די פאָרשונג פירט אונז צו דעם קוואַל, וואָס איז גלייכצייטיג דער תוך פון געניאַליטעט, פון גרויסמוט און פון דעם לעבן גופא, צו דעם קוואַל, וואָס מיר רופן ספּאָנטאַנישקייט אָדער אינסטינקט. אָט די ראשית חכמה באַצייכנען מיר מיטן נאָמען אינטואַציע, אָדער אינערליכע חכמה און דאָס גאַנצע שפּעטערדיגע, צוגעוואַקסענע וויסן רופן מיר „טואַציע‟, אָדער אויסגעלערנטע חכמה. אין יענער טיפער קראַפט, דער לעצטער פאַקט, וואָס דערלאָזט ניט קיין וויטערדיגע פאָרשונג, געפינען אַלע זאכן זייער געמיינשאַפטלאַכן אורשפּרונג. ווייל דער געפיל פון דאַזיין, וואָס קוועלט אויף אין אונזער נשמה אין געוויסע רואיגע שעהן, כאָטש מיר ווייסן אַליין ניט ווי אַזוי דאָס קומט, איז אין תוך ניט פאַרשיידן פון זאכן, רוים, ליכט, צייט, און מענש, נאָר ס'איז איינס און דאָסזעלבע ווי זיי, און ס'שטראָמט וואַרשיינלאַך פונ'ם זעלבן קוואַל, פון וועלכן זייער לעבן און וועזן שטאַמט. מיר לעבן צוערשט דורך דאָס לעבן, מיט וועמענס כח זאכן עקזיסטירן, און ערשט דערנאָך זעען מיר די זאכן אַלס ערשיינונגען אויף דער וועלט, און מיר פאַרגעסן גאָר אַז מיר טיילן מיט זיי זייער אורשפּרונג.

דאָס איז דער פּאָנטאָן פון וועלכן ס'שטראָמען אַרויס אונזערע מעשים ווי אונזערע געדאַנקען. דאָס איז דער אורשפּרונג פון דער אינספּיראַציע, וואָס גיט דעם מענשן חכמה, און וואָס מיר קענען ניט אָפּלייקענען, סיידן מיר זיינען סתם כופרים און גאַטלאָז. מיר געפינען זיך אונטערן שוץ פון אַ ריזיגער חכמה קראַפט, וואָס באַשטימט אונז אַלס טרעגער פון איר גרויסן אמת און אַלס אָרגאַנען פון איר אַקטיוויטעט. ווען מיר פאַסן אויף דאָס גערעכטע און דאָס אמתע, טוען מיר אַליין באמת גאָרניט, מיר לאָזן אין זיך נאָר אַ פרייען דורכגאַנג פאַר אירע שטראַלן. ווען מיר פרעגן זיך פון וואַנען דאָס אַלץ קומט, ווען מיר זוכן דורכצודרינגען דעם סוד פון דער נשמה, וואָס פאַראורזאַכט דאָס אַלץ — פאַלט דורך יעדער מעטאַפיזישער און יעדער פילאָזאָפישער סיסטעם. דאָס איינציגע, וואָס מיר קענען באַשטעטיגן איז נאָר אַז די קראַפט איז דאָ אָדער איז ניט דאָ אין און אַרום אונז.

יעדער מענש באַגרייפט דעם אונטערשייד צווישן די מחשבות, וואָס

ער רופט אין זיך ארויס מיט זיין פרייען ווילן און זיינע געצוואונגענע אינערליכע געפילן. ער ווייסט אויך ווי געהעריג אָפּצושאצן די ווערט פון די געצוואונגענע געפילן. ער וועט זיי אָפּטמאָל גיבן דעם ניט ריכטיגן אויסדרוק, ער ווייסט אָבער אז זיי זיינען ממשות׳דיגע, זאכן אָט אזוי ווי טאָג און נאכט, און לאָזן ניט איבער קיין אָרט צו צווייפלען וועגן זיי. אלע מיינע פרייע מעשים און ערפארונגען זיינען ניט געזעצטע, אָבער די מינדסטע פאנטאזיע מיינע, די שוואכסטע, אייגנארטיגע עמאָציע מיינע זיינען אייגענע און געטליכע. לייכטזיניקע מענטשן זיינען גאנץ גרייט זיך צו רעכנען מיט די באהויפּטונגען פון זייערע אינערליכע געפילן אזוי ווייניג ווי מיט די באהויפּטונגען פון זייערע מחשבות, און אפשר נאָך ווייניגער, ווייל זיי ווייסן ניט ווי צו אונטערשיידן צווישן דעם אינערליכן געפיל און דעם איבערפלעכלאכן איינפאל. זיי מיינען אז כ׳האָב די ברירה צו זיין דאָס אָדער עפּעס אנדערש. אָבער באמת איז דער אינערליכער געפיל ניט קיין קאפּריז, נאָר א מוז זאך. ווען איך זע א געוויסן שטריך, וועלן מיינע קינדער נאָך מיר אים זען, און אין לויף פון דער צייט וועט די גאנצע מענשהייט אים זען — כאָטש ס׳איז זייער שיין מעגליך, אז פאר מיר האָט עס קיינער ניט געזען, ווייל מיין אינערליכער געפיל דערפון איז פונקט אזוי ממשות׳דיג ווי די זון.

די באציאונגען צווישן דער נשמה און דעם געטלאכן גייסט זיינען אזעלכע ריינע, אז ס׳איז א מין חלול הקדש צו זוכן די הילף פון זייטיגע מיטלען. ס׳איז אַ מוז זאך, אז ווען גאָר רעדט, לאָזט ער אונז הערן ניט נאָר איין זאך, נאָר אלצדינג, פילט ער אָן די וועלט מיט זיין קול; פון מיטן פונם יעצטיקן געדאנק פארשפּרייט ער ליכט, נאטור, צייט און נשמות, און ס׳איז גלייך ווי ער וואָלט ווידער אָנגעהויבן פון בראשית און באנייעס באשאפן די גאנצע וועלט. אלעמאָל ווען א מענשנס גייסט אנטפּלעקט זיך אין זיין איינפאכקייט, און נעמט אויף די געטלאכע חכמה, פארשווינדן צוליב אים אלע אלטע זאכן, — אמאָליגע מיטלען, לערער, שריפטן און טעמפּלען צופאלן זיך. בלויז דער מענשלאכער גייסט עקזיסטירט דאן, און ער זאפּט אין זיך אריין אין דער געגנווארטיגער שעה די גאנצע פארגאנגענהייט און די גאנצע צוקונפט. יעדע זאך ווערט געהייליגט דורך איר באציאונג צו אים — די קלענסטע ווי די גרעסטע. אלצדינג ווערט אויפגעלייזט אין זיינע גרונד עלעמענטן, צוליב דער אורזאך פון אלע אורזאכן. צוליב דעם גרויסן וועלט נס פארשווינדן אלע קליינלאכע און איינצעלנע נסים. אזוי איז עס, און אזוי מוז עס זיין. דעריבער ווען א מענש מאכט דעם אָנשטעל אז ער קען גאָט און ער רעדט וועגן אים, און ער ברענגט דיך צוריק צו דער פראזעאָלאָגיע פון עפּעס אן אלט, אָפּגעלעבט פאָלק פון אן אטדער לאנד און פון אן אנדער וועלט, זאָלסטו אים ניט גלויבן. איז דען די נוס פונ׳ם דעמב בעסער איידער דער דעמב גופא, וועלכער איז איר פולקייט אין שלימות? איז דען דער פאָטער בעסער איידער דאָס קינד, אין וועמען זיין גאנצער, רייפער וועזן איז פארקערפּערט? פארוואָס זשע זאָלן מיר אזוי שטארק פארערן די פארגאנגענהייט? די יאָרהונדערטן זיינען אין א פארשווערונג געגן דעם געזונדסטן און מאיעסטעטישסטן פון אונזער נשמה. צייט און רוים זיינען בלויז פיזיאָלאָגישע קאָלירן, וואָס דאָס אויג פאבריצירט, אָבער די נשמה — זי איז דאָס ליכט. דאָרט וואו זי איז, דאָרט איז טאָג; דאָרט וואו זי איז געוועזן, — דאָרט איז נאכט. געשיכטע איז באמת אן איבריגע און א שעדלאכע זאך ווען זי דינט אלס עטוואָס מער ווי א פריילאכער משל צו מיין וועזן און צו מיין ווערן.

דער מענטש איז אָבער שרעקעדיג און אַפּאַלאַגעטיש. ער האָט פאַר־לוירן זיין זעלבסטשטענדיגקייט. ער וואָגט ניט זאָגן: „איך דענק," „איך בין," ער ציטירט נאָר די ווערטער פון א היילינגן און פון א חכם. ער שעמט זיך פאַרן מינדסטן גרעזעלע, און פאַר דער בליענדער רויז. אָט די רויזן, וואָס וואַקסן אונטער מיין פענסטער, דערמאָנען ניט דעם יחוס פון פריערדיגע אָדער פון בעסערע רויזן. זיי זיינען דאָס וואָס זיי זיינען, זיי לעבן היינט פאַר גאָט. זיי ווייסן ניט פון קיין צייט. אָט איז פאַר אונז די רויז אין איר גאַנצער איינפאַכקייט, זי איז פאָלשטענדיג אין יעדן מאָמענט פון איר עקזיסטענץ. נאָך איידער א בלעטל־שפּריץ האָט זיך אויפגעעפענט לעבט זי שוין מיט איר גאַנצער לעבנס קראַפט. אין דער פול־אויפגעבליטער בלום, איז נישטאָ מער, און אין דעם וואָרצל, וואָס האָט נאָך ניט קיין בלעטל, איז ניטאָ ווייניגער. איר וועזן איז צופרידנגעשטעלט און זי שטעלט צופרידן די נאַטור אין אַלע מאָמענטן אויף דעמזעלבן שטייגער. זי ווייסט ניט פון קיין באַשטימטער צייט. אָבער דער מענטש לייגט אָפּ אָדער ער דערמאָנט זיך. ער לעבט ניט מיט דער געגנוואַרט, נאָר מיט אויגן גע־ווענדעט אויף צוריק, באַוויינט ער די פאַרגאַנגענהייט, אָדער, ניט שענ־קענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט צו דער שפע, וואָס איז אַרום אים, שטעלט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער פאָראויסצוזען די צוקונפט. ער קען אויך ניט ווערן גליקלאַך און שטאַרק ביז ער וועט ניט אָנהייבן לעבן מיט דער נאַטור אין דער געגנוואַרט, און זיך ניט רעכנען מיט קיין אַנדערער צייט.

דאָס וואָלט געדאַרפט זיין גאַנץ קלאָר. דאָך זעען מיר אַז מענטשן מיט גאָר שטאַרקע מוחות וואָגן ניט צו הערן אַפילו גאָט אַליין, סיידן ער רעדט אין דער שפּראַך פון עפּעס א דוד, א ירמיהו, אָדער א פאַול. אָבער, מיר וועלן ניט אַלעמאָל צושרייבן אַזאַ גרויסע ווערט צו א פּאָר שריפטן און צו די לעבנס באַשרייבונגען פון א פּאָר מענטשן. מיר זיינען ווי די קינדער, וואָס לערנען זיך אויס אויף אויסווייניג די באַהויפּטונגען פון זייערע באַבעס און לערער, און, ווען זיי וואַקסן אונטער, פון די טאַלענטירטע און גייסטיג שטאַרקע מענטשן, וועמען זיי טרעפן צופעליג אָן — זיי מוטשען זיך צו געדענקען די פּינקטלאַכע ווערטער, וואָס זיי האָבן געהערט. אָבער שפּעטער צו, ווען זיי לעבן זיך אַריין אין דעם שטאַנדפּונקט, וואָס די מענטשן מיט יענע מיינונגען האָבן פאַרטראָטן, פאַרשטייען זיי זיי דאָן, און זיינען גרייט אָפּצולאָזן די ווערטער: זיי קענען דאָך צו יעדער צייט, ווען די געלעגנהייט וועט דאָס פאַרלאַנגען, באַנוצן אייגענע ווערטער וואָס זאָלן זיין פּונקט אַזוי גוט. אויב נאָר מיר לעבן ווי געהעריג, וועלן מיר אויך זען ווי געהעריק. ס'איז פּונקט אַזוי לייכט דעם שטאַרקן מענטשן צו זיין שטאַרק, ווי דעם שוואַכן מענטשן צו זיין שוואַך. ווען מיר האָבן נייע ער־פאַרונגען, זיינען מיר גערן גרייט צו באַפרייען אונזער זכרון פון דער משא פון זיינע אָנגעזאַמלטע אוצרות, גלייך יוו זיי וואָלטן געוועזן אַלטע, אומ־ווירדיגע זאַכן. ווען דער מענטש לעבט מיט זיין גאָט, איז זיין קול אַזוי אָנ־גענעם זיס ווי דאָס מורמלען פון דעם טייכל, און ווי דאָס רוישן פון די קאָרן זאַנגען.

(ווייטערעס אין פערטן נומער)

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט דערציילט, דערציילט,
און ווערט אַנטשוויגן פּלוצלינג.
די שטילקייט היילט און היילט,
און הויבט אָן וויינען פּלוצים.

און ס׳גייט דער ווייטיק אויף
ווי גאָר אין רויען אָנהויב.
קיין רגע ניט אוועק —
עס בלוטיקט ווי אין אָנהויב.

די צייט, זי היילט ניט אויס,
זי קאָן עס ניט פארהיילן,
די וואונדן — אָפענע,
און בלייבן אָפן.

די טרייסט — אָן עלנט וואָרט,
עס ווערט אנטשוויגן פּלוצים.
די שטילקייט היילט אַ וויל,
און הויבט אָן וויינען פּלוצים.

פון קאַרעץ

פּשוטע, אין דער עניוות זייערער,
אין קוים-הערבארן ערליכן לעבן.
אין זייער קינדערשער צייט —
ערשטע פּאַטערליכע שיינקייט אין דעם סידור.
און פונם סידור פירט זיי א שמאָלער וועג ארוים,
און די גאסן פון דער וועלט זיך וואונדערן.
און זאָרגן טראָגן און עול, און יאָך
אין ליכט פון הייליקן גלויבן.
יסורים ביזן טויטן-טאָג, און טויטן בעט,
וואו קינדער און אייניקלאך באלייכטן זיי.
ווי ווייסע ליכט —

אַ, יענע שטילע ליכט אין אלטע לייכטער.

יענע שטילע ליכט אין אלטע לייכטער,
זיי זיינען אזוי רואיק.
פנימער — קינדיש אויסגעווײנט און אויסגעבלייכט
און די ווינקלען פון די דלות׳דיקע חדרים,
בייגן זיך, באהאלטן אויף אייביק אין אין זייער פינסטער

אַ ליכטיקע דערמאָנונג,
טריט, ניט פאַרקלונגענע צו קיינעם...

און די דרויסענדיקע געלע ווענט,
זיי האָבן קוים געהערט דאָס רויִע רוישן
די געשרייען פון דער אומגערעכטיגקייט און זינד.
זיי קוקן ווײַס און אָפן און זעען
קליינע מיטות אויף די אַקסל פון די טרעגער,
די פייגעלאַך וואָס פליען צו די פענסטער
פון די אַבלדיקע שטיבער.

זײַט געבענשט, אָ, זײַט געבענשט פון גאָט,
אַ,ן אייער פרימאָרגנדיקער שטילקייט,
שטיבלאַך נעבן אונזער בית-עולם.
פון די פרישע בלויע הימלען
פיקט די זון די שפּיצן פון די הויכע בוימער,
און מצבות שטייען אַזוי אומשולדיק,
און — געדענקען...

איידא מאַזע

דאָס בילד פון מײַן לעבן

כ'האָב אָנגעהויבן וועבן אַ בילד פון מײַן לעבן,
פון זײַדענע פעדים מיט גלאַנצקע פאַרבן.
האָבן די פאַרבן צווישן די פעדים,
ס'האָבן די קאָלירן אַליין שוין געהאַלטן בײַם שטאַרבן.
נאָר איך האָב געוועבט, פאָדים צו פאָדים געבונדן,
געמאָלן אויזערן, — דאָ נידריקער, דאָ העכער,
זיך געשטאָכן די פינגער ביז בלוטיקע וואונדן.
עס האָט דאָס בילד זיך צורונען
און געבליבן נאָר לעכער...

לידער אין ווינט

עס טראָגט דער ווינט מײַנע לידער אין זיך,
דערפאַר זינגט ער אָפט טרויעריק אַזוי
און ברענגט מיר צוריק איינציקווײַס
אָפּגעריסענע אַקאָרדן פון זיי.

און ווען די זון שײַנט אויף העל
און דער ווינט בלאָזט ווייך אַזוי,
דאַן הער איך מײַנע לידער ווײַנען שטיל
און זע זיי לייכטן בלײַך אַזוי.

בריוו פון ניו יאָרק

ס׳איז גוט ווען מען גייט אוועק אויף אַ שטיקל צייט פון יענעם ווינקל וואו יעדער דיכטער ברענגט מיט זיך דעם ליטעראַט אויף די פּלייצעס. אַזוי פאַר זיך איז דאָך איטליכער פון אונז אַ פּריוואַט־מענטש, אַ אָפּגעזונדערטער אין זיין לעבן און אין זיין אמת. און זיין וואָך און שבת. קומט מען אָבער אריין אין ווינקל זיך זען מיט קאָלעגן, שמועסן ליטעראַטור, ליטעראַטור־פּאָליטיק, ווערט דאָס אמת׳ע אינם קינסטלער פאַרשטעלט. אַ באַזונדער מין אויסגערעכנטקייט ווערט אויף אייך אַרויפגעוואָרפן, אַ פעל זאָל פאַרדעקן אייער אמת׳ן איך. אין קאַפּיי ווערט דאָס קינסטלערישע און דאָס דיכטערישע אינם דיכטער פאַרפלאַכט. עס ווערט אַ קאָלעקטיווער מעשענער פּאַנצער אויפ׳ן ברוסט, וואָס גלאַנצט אַזוי ניט עכט און אַזוי אָרים. מיר דאַכט זיך אויס אַז אינערגעץ קאָן זיך דאָס מענשליכע אינם קינסטלער אַזוי אָרים־קלאָגעדיק אַרויסשטאַרטשען ווי אין דער קאַפּיי וואו מ׳קומט זיך ווייזן איינער פאַר צווייטען. אמת, אויף יעדן איינעמס פּנים שיינט אַ שטיקל שכינה־שיין פון אינדיווידואַלן אַריסטאָקראַטיזם, אָבער גראַדע דאָס וואָס מאַכט יעדן פאַר דאָס וואָס ער איז ווערט אין יענער סביבה אָפּגעווישט אינגאַנצן. איך ווייס ניט. אפשר איז ערגעץ אַנדערש־אַנדערש, אפשר איז אַמאָל אויך געווען אַ אַן אַנדער סביבה דאָ. נאָר אויב די שטימונג אין אונזער גאַנצער ליטעראַטור, איז אונזער שאַפן איז אַ שווערע און אַ מאַיומדיקע, איז די אָפּשפּיגלונג פון דערדאַזיקער שטימונג אַ וויסט־טראַגישע אין דער קאַפּיי וואו עס איז אפשר יאָ אַמאָל געווען אַן אַנדער לופט, אַ לעבעדיקע פאַרן קינסטלערישן מענטשן. און נאָך אַ זאַך ווייזט זיך, ווען דו פאַרגעסט אויף אַ שטיקל צייט אַז ס׳איז פאַראַן ערגעץ אַזאַ זאַך ווי אַ קלייזל וואו פון קונסט ווערט ציניזם; עס קומט דיר אויפ׳ן זינען אַ מענטש, און נאָך איינער, און אַ דריטער וואָס האָבן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמוזט אַרויסרייסן פון דעמדאָזיקן ווינקל, און פאַרקלייבן זיך מיט זיך אַליין און כאַטש ווי־ניט־איז אָפּהיטן דאָס וואָס איז אין זיך פאַר אַ הייליקייט איינגעשוואָרן. מיר איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען הערן פון אַ דיכטער אַז ס׳האָט זיך אים הערעסן דער גאַנצער אויפגעבלאָזענער און ציפּיילטער טאַרעראַם וואָס הערשט אין אונזער ליטעראַטור. אין באַזונדערע ווינקעלאַך וואָלטן מיר זיך געטאַפּט צוריקן. אין באַזונדערע שטעט, וואָלט אפשר יעדער איינער פון אונז זיך דערזען אין ניט יענעם, וואָס עס ווייזט זיך אויס אַז ער קריכט אויף מיר, אַז ער שאַרפט די ציין אויף מיין קאָפּ. עס האָט געמוזט זיין עפּעס פייערליך־שיינס אין יענער צייט ווען די ערשטע פּאַר „יונגע"־חברים האָבן דערפילט אין זיך די אינערליכע קינסטלערישע פאַרוואַנדשאַפט. נאָך היינט לעבט עס אין זיי ביז אַ געוויסער מאָס און גיט זיי יענע מין באַזונדערטקייט וואָס האָט אין זיך עפּעס יום־טובדיקס. איר וועט עס ביי די איצטיקע פאַר דיכטער וואָס פירן כלומרשט אויך אַ חברשאַפט ניט זען און ניט קאָנען בשום אופן דערשפּירן. עפּעס אַזאַ מין גרויע קאַלטע טרוקנקייט. אַזאַ מין וואָכעדיקייט און גרויקייט און ליידיקייט. איך ווייס, עס וועט זיך געפינען ניט איינער וואָס וועט אויפמישן דאָס זכרונות ספרל און אָנווייזן מיטן פינגער אויף די און די חטאים וואָס די „יונגע" זיינען באַ־

נאנגען. אויף יענע און יענע שלעכטע מידות וואָס די יונגע האָבן פאַר־
פלאַנצט און ס׳איז איינגעוואָרצלט געוואָרן אין דער ערד פון אונזער לי־
טעראַרישן שאַפן. געוויס זיינען די יונגע ניט ריין פון אַזוינע באַשולדי־
קונגען און זיי טראָגן, דאַכט זיך מיר אַליין שוין די שטראָף אויף זיך פאַר
די דאָזיקע זינד, איך מיין אָבער, אַז אין דער טרוקענער זאַמדיקער אַט־
מאָספערע פון יענער צייט, ווען די „יונגע״ זיינען געקומען, זיינען זיי
געווען אַ ליכטיקער פונקט אין דער אַרומיקער מגושמדיקייט און גרויקייט.
פון זייערע טאַלאַנטן רעד איך דאָ ניט. און ס׳איז ניט וויכטיק אַזוי זיך
אָפּצושטעלן איצט דערויף: זיי האָבן זיך יעדער איינער זיין באַזונדערן
פאַרדינסט פאַר אונזער פּאָעזיע. „עס איז געווען אין זיי עפּעס סעק־
טאַנטישעס,״ ווי לייוויק האָט זייער טרעפליך דאָס באַמערקט רעדנדיק
וועגן די יונגע, אַנומלטן אין די „שריפטן״ לייוויק האָט געוואָלט באַשול־
דיקן, האָט געזוכט סיבה׳ס אין דער מחנה פון די דיכטער און די אַרו־
מיקע סביבה האָט ער דאַכט זיך געזוכט צו באַזייטיקן. אינאמת׳ן, איז
אפשר אַ גענוגער כח געווען פון די פּאָר פּאָעטן וואָס האָבן אָפּגעהיט און
ריין געהאַלטן זייער באַשיידענעם שטילן וועג וואָס זיי האָבן אַרויסגשניטן
פון דער אַרומיקער קולטורלאָזיקייט און מטושטשדיקייט. ס׳וועט אפשר
ביי אַ סך קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך וועל זאָגן, אַז די יונגע זיינען
געווען די ערשטע ביי אונז וואָס זיינען קולטורעל, ניט נאָר קינסטלעריש.
אין ערשיינונג זיי וואָס האָבן, אויסערליך דאַכט זיך געשטורעמט קעגן „קול־
טור.״ זיינען טיף אין תוך, געווען אונזערע פיינסטע קולטור־פאַרשפּריי־
טער... זיכער זיינען זיי ניט געווען די אויפבויער פון אַ באַוועגונג, די
באַגרינדער פון אידייען. זיי האָבן אָבער געשאַפן אַ ריינעם גרונט פאַר
אַ ליטעראַטור. אַרום זיי האָבן געבושעוועט אַזוי פיל צושריגענע און
צופלויגענע טענדענצן (היינט האָט זיך צוריקגעקערט אין אַ געוויסן זין
יענע דור־הפלגה׳דיקייט) און זיי זיינען ניט פאַרטויבט און ניט פאַר־
שטויבט געוואָרן פון זיי. נאַטירליך וועט אַזאַ פּסוידאָ־פּאָעט ווי לעיע־
לעס שפּיאַניר די אינטעליגענטישקייט אינם אינהאַלט און פאָרם פון
אַן עכטן דיכטער, וועט ביי אים אויסקומען אַז דאָס טיף־קינסטלערישע.
דאָס עכטע וואָס אין דער פּערזענליכקייט פונם דיכטער, איז ניט גענוג
פאַר אים, דערפון איז איצט קיין רייד ניט. איך וויל באַטאָנען, אַז גראָד
איצט, איז ביי אונז מעגלאך אַז אַלערליי פאַלשע ריכטונגען זאָלן אויפקומען.
און מענטשן מיט עלעמענטאַרן חוש און ענגן געדאַנק זאָלן מיינען אַז זיי
זיינען ביכולת אַריינברענגען אַלע נייעסן פון דער וועלט אין אונזער
„וועלטל״. און לערנען ווערטערבוד־תורה און אַרויסגעלייענטע, פלאַך־
פאַרדייטע טעאָריעס וועגן נייקייטן און וועלט־ברעכנדיקע אויפטועונגען.
ס׳איז אמת אַז נאָך די „יונגע״ זיינען איבערגעבליבן אַ שיין ביסל „לידער
און געדיכטע״-שרייבער. וואָס זיינען געווען אינגאַנצן פּנימלאָז, וואָס
האָבן מיט זיך גאָרניט געבראַכט און פון זיך גאָרניט אַרויסגעבראַכט,
ווייסן מיר דאָך אַז זיי זיינען ביסלעכווייס פון זיך אַליין צורונען געוואָרן.
און עס מאַכט ניט אויס וואָס אַפילו פון יענער גוואַרדיע זיינען עטליכע
צוגעצויגן געוואָרן צו דער „גרויסער אַרבייט״ פון שאַפן אַ נייע שולע. און
עס מאַכט ניט אויס וואָס די דאָזיקע זיינען אין אַ צייט אַרום אַרויסגע־
וואָרפן געוואָרן, ווייל דער קאַפּיי־עולם האָט געמורמלט. און דער גרינדער
און באַגרינדער פון דער געמאַכטער-שולע איז תמיד אין שרעק געווען צו
בלייבן אין דער אַלײנקייט אין וועלכער ער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן;
פון דאָרט וואוהין ער האָט זיך אַמאָל געשטופּט, האָט ער געאַרבעט מיט
„קאַנאַדע״

אלע כלים אַז אין דער „שולע" וואָס ער האָט געמאַכט מיט די אייגענע הענט, זאָלן זיין וואָס מער מתפּללים. האָט מען צונויפגעשלעפּט א מנין פון גרויסן ליטעראַרישן דרויסן און מ'האָט זיך געשטעלט האַווענען. אפשר דריי פון די דאַווענער האָבן געקאַנט פּאָעטישע עברי, די איבעריקע האָבן זיך געשאָקלט און געוואַקלט און געפּלאַפּלט מאָדנע שירים ותשבחות אַז ס'האָט א פּנים געהאַט ווי אויף צו להכעיס... פאָרט דער גרינדער קיין אייראָפּא און גיט אָפּ זיין וואַזשנעם גרוס צו די קאָלעגן וועגן אַמעריקע. וועגן אונזער אויפטו און וועגן דעם גוואַלדאַוונעם קאַמף וואָס ווערט דאָ געפירט, האָ טער אויך אין זינען ניט צו איינרייסן זיך חלילה מיט קיינעם. טיילט ער פאַנאַנדער די חברה דאָרטן און שטעלט זיי אויס אין ווינקעלאַך. קיינעם ניט פאַרציילט און קיינעם ניט פאַרטיילט. ווייל אויך אין דעם דאָזיקן גרוס פון אַמעריקע, מיט זיין גאַנצן סוביעקטיוון קוראַזש, שטעקט נעבאַך אַרויס א ציטערדיק קעפּעלע פון מורא. ס'איז יענע מורא וואָס האָט אים ווייזט אויס געצוואונגען אָננעמען לאַנדוי'ן פאַרן מאָדערנסטן פּאָעט. און אָפּרעדן וועגן אים א גאַנץ אַרטיקל ביים טויטן־בעט פונם „אין־זיך", איי ס'האָט ניט געהאָלפן לאַנדוי איז אים מוחל געווען דעם כבוד און אָפּגעשטופּט פון זיך די אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע האַנט. מילא, וועט מען פּרוּוון אַנדערע מיטלען. און ער האָט געפּרוּווט, האָט שוין האַכט זיך געטון אַלץ אין דער וועלט, אָבער עס העלפט ניט. האָט אַלעמען „אָנגענומען" אָבער עס האָט זיך ניט אָנגענומען און ער איז ניט אָנגענומען געוואָרן. איך דערוואַרט נאָך אפילו פון אים א קריגס־דרקלערונג דער גאַנצער ליטעראַטור, כאָטש ער איז אַן אמת הייסער אידישיסט. און דאָס „וואָרט" איז ביי אים אַלץ אין דער וועלט. וועגן דעם „וואָרט" האָט ער שוין אויפגעגראָבן אַלע פלאַכסטע געדאַנקלאַך און אונז זיי דערציילט מיט אַן אָנשטעל פון א גרויסן פאַרשטייער. ס'איז דאָך אַזוי טשיקאַווע, אַז סיי די לידער, סיי די ליטעראַטור אַרטיקלען קומען זיך צונויף אין זייער פלאַכקייט און אומאינטערעסאַנטקייט. ער נעמט דאָך האַכט זיך אָן גאָט און וועלט פאַר די פיס און — די קונץ איבעררואַשט ניט. עס ציטערט ניט קיין האָר פון אונזער ברעם און דער שניפּס ליגט אויסגעבונדן גלייך און פיין און לייטיש און טוט זיך אפילו קיין באַוועג ניט. און נאָך: צו זיכערן זיך כאָטש א וועלכן ס'איז אָנזען אין דער פּאָעזיע איז באַרייט אָנצונעמען פאַר א מאָדערנעם אַזאַ אולטראַ־גראַמאָפאָן ווי דער פּאָעט ש. קורץ. און דאָס שטיק בלעך וואָס רופט זיך „פיגאַראָ", פאַר א ווערק (גאָט מיינער־) נאָר עס העלפט ניט, פונקט ווי עס האָט ניט געהאָלפן דאָס זויערע זוהר־אַרטיקעל וואָס נ. מינקאָוו האָט וועגן דעם דאָזיקן ווערקל אַרויסגעשאָסן. מעגליך, אַז מינקאָוו האָט מיטן דאָזיקן אַרטיקל אין 1925 געוואָלט טאַקע דערווייזן נאָך בולט'ר (צו וואָס נאָך קלאָרער מאַכן, אַז דאָס איז דאָס גראַפאָמאַנישסטע וואָס איז ווען עס איז אַרויס אין דער וועלט) וואָס גראַפאָמאַניע איז. אַז ס'איז שווער אַרויסצוקריכן צי מיינט ער עס ערנסט... יעדעס וואָרט מאַכט עפּעס אַן איינדרוק ווי ער וואָלט געלאַכט, געלאַכט פון דעם אייגענעם פּרעטענציעזן טאָן מיט וועלכן ער רעדט וועגן „פיגאַראָ"... (אַך, פיגאַראָ, פיגאַראָ, וואָס מאַכן זי עפּעס?) און — ס'העלפט אויך ניט. איך ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי ברייט־פאַרשריבן וועגן דעם ענין לעיעלעם. נאָר איך בין זיך מודה: עס רייצט מיך אביסל. עס רייצט און אינטריגירט, ווייל וויפיל די קאַפּיטשיקעס־קאָלעגן זאָלן ניט מורמלען און בורבלען וועגן דעם טאַלאַנטלאָזן וואָס וויל אַרויסנעמען בירגער־פּאַפּירן ביי אונז, איז נאָך האַכט זיך אָפּן ניט אַרויס־

געזאָגט געוואָרן דער אמת וועגן דעם ליגן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איינעמען אין אונזער ליטעראַטור. און די לעצטע עטלאַכע יאָר האָט זיך אָנגעקליבן אַ קליין ביסל האַרצווייטיק, וואָלט איך געזאָגט ביים אמת'ן פּאָעט אויף דער נשמה און ס'ווילט זיך אַביסל אַראָפּרעדן. ס'איז ענג געוואָרן און ס'ווילט זיך פרייער אַן אָטעם טאָן. ס'איז אין דעם ניט ווייניק שולדיק די קריטיק אונזערע, וואָס האָט אין אַ געוויסן זין פאַרזעט זאַכן, וואָס האָבן געמוזט קלאָר אויפגעלויכטן ווערן דורך איר. די גרעסטע שולד ליגט: אָבער אויף די פּאָר דיכטער, וואָס זעען אַלץ צו און שווייגן. דאָ איז ניט קיין פראַגע פון זידלען אָדער פּאָלעמיזירן מיט עמיצן, נאָר איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר אַרויסגעזאָגט ווערן ווי מיר האַלטן און מיט וועמען מיר האַלטן זיך אין דער וועלט. ס'איז פּאָר יר די גרעסטע אומפאַרשטענדלאַכקייט דאָס, וואָס אַזאַ וויכטיקער און עכטער פּאָעט ווי לייוויק קאָן פּועל'ן ביי זיך אָנצונעמען אַלץ פאַר גוט און ליב. פאַר כשר און ישר אין דער ליטעראַטור. איך פאַרגין יעדן איינעם זיין ברייטקייט און ברייטהאַרציקייט, אָבער אין פּאַל ווען מען צופרייט זיך מיט קלומעקלאַך פון אַ חשד־כאַראַקטער אין די סאַלאָנס פון קעניג ווי ביי זיך אין וויינגאָרטן. די אחריות צו דער ליטעראַטור פון וועלכע מ'איז איינער פון אירע אויפבויער דאַרף זיין די טיפסטע און די ערליכסטע. און מ'קען ניט באַרעכטיקן אַלץ צוליב ברייטהאַרציקייט־כונות. לייוויק איז מיר באַקאַנט, איך קאָן זיין ערליכקייט און מיר איז ליב זיין אינערליכע ברייטקייט און גרייטקייט צו באַגריסן יעדן אויפטו און יעדן אומרו און יעדן נייעם גערודער אין אונזער ליטעראַטור. איך בין ווייט פון דער מינדסטער ווירקונג פון די פול שנאה'דיקע רייד און בייזוויליקייטן, וואָס זיינען געוואָרן אַ צווייטער געלער רויך, וואָס וועבט זיך אַריין אינם גרויען, אַרום די טישלאַך פון דער ליטעראַרישער קאַפע. נאָר ניט פאַרשטענדלאַך איז מיר פּאָרט דאָס אָננעמען פּאָר וואָויל די אַלערליי זשורנאַלן און די זאַכן, וואָס ווערן אין זיי געדרוקט. און אָננעמען פאַר גוט וויינפּערן ווי ער איז. וויינפּער, וואָס האָט אָנגעהויבן ווי אַ דיכטער, זיך אָנשלאָגנדיק אָן אַטאָן, האָט זיך ווייזט אויס באַלד דערזען, אַז ער זיצט אויף אַ מלוכה־שטול און איז אַ פּאָעט! נו, וואָס דאַרף מען דען נאָך. ס'איז גאַנץ גענוג פאַר אים, און אָט דער גענוג האָט געמאַכט פון וויינפּערן אַ פעאיקן לידערשרייבער (שרייבער ניט — מייסטער!) און אַלץ וואָס ער שרייבט איז — לידער... אָבער זעלטן אַ ניי פּאָעטיש וואָר וואָרט. פאַר די, וואָס שטעלן צונויף כרעסטאָמאַטיעס איז עס אפשר אַ גוטער מאַטעריאַל, אָבער זיי, די כרעסטאָמאַטיע מאַכער ווייסן נעבאַך ניט וואָס פּאָעזיע איז. און נעמען דעם ענין ליטעראַטור פאַר גרינג דערצו לייכט און אויבערפלעכלאַך, נאָר דאָס איז דאָך אַן אַנדער ענין. איך וויל זיך פון וועג ניט אַראָפּשלאָגן. איז, חידוש'ט דאָך, ווי קאָן עס לייוויק מיט אַזאַ לייכט געמיט אָננעמען פאַר ענטוויקלונג דאָס וואָס איז מעכאַניש־אויפגעבלאָזן. קאָן מען דען אַזוי, מיר־ניט דיר־ניט, כאַפּן און — אַנטוויקלען זיך... דאָס איז דאָך נאַטור און נאַטור־געזעץ פאַר זיך. די ליטעראַטור איז רויע ערד, און ערד האָט געדולד. גרינט ניט און געלט ניט איידער די צייט קומט. דאָ העלפן ניט קיין מרידות און רעוואָלוציעס. פאַרקערט, אפשר אין איר טיפער איינגעשטילטקייט לעבט די ליטעראַטור דורך איר רעוואָלוציע. און דאַמאָלט ווען עס טרומייטערט, אַז עס ברענט, עס פלאַקערט, ליגט זיך די ליטעראַטור אין האַרטער פאַרגליווערטקייט און ווינטער. אפשר קאָן מען זי צוגראָבן מיט העק און קברים־רידלען, אָבער קיין בליהונג וועט זי ניט אַרויסגעבן. אונזער ליטעראַטור איז איצט נאָך אין איר פרילינג־זומער־צייט, און וואויל צו די, וואָס טוען שטיל און געמיטליך זייער אינערליכן חוב. און

אזעלכע האבן מיר צווישן די, וואס האבן זיך אביסל רעוואלוציעוועט, אבער ס'איז געווען בלויז א לפנים'דיקער זשעסט און אן אנגערעגטער דורך ריין אויסערליכע אורזאכן. אין זייער שאפן, אין זייערע לידער זיינען זיי — פאעטן, עכטע, אמת'ע און נייע. און אין זייערע לידער איז די קאפע נישטא. ניט קיין הויך, ניט קיין רויך פון איר. אין אלגעמיין אבער לעבט אין דער סביבה פון אונזער ליטעראטור א צוטומלונג, שנאה און קנאה, דאס עכטע מיטן אומעכטן פארווישן און ס'ווערט באשאפן א ציניש באציאונג אפילו צום אייגענעם איך. צו דער אייגענער און צו א צווייטנס ארבעט. מיר האבן גענוג ותרנים און בעלנים אויף עצות געבן. אין דער פרעסע ווערט הונדערטער מאל וואריאירט די טעמע וועגן אונזער קולטורעלן מצב און וואו מיר האלטן אין דער וועלט, און די רפואות און רעצעפטן, וואס מ'גיט אונז זיינען נײַנציק פראצענט בויך־סברה'דיק. איז דערפאר אויך ניט שייך צו געבן עצות אדער אויסוועגן ווי ארום ארויף אויפן דרך הישר. אונזער לעבן איז תמיד און איז איצט נאך מער אין מאדנע פלאנ־טערן און ספעציפישקייטן, אז אינערליך־עסנדיקער סם טליעט אין אונז. אט דאכט זיך, אז עס קומט פאר ביי אונז אן אויפלעבונג. די מאדערן־געשאפענע קולטור אונזערע מיט אלע אירע פארצווייגונגען, ערשיינט פאר אונז ווי א נײַ ליכט אין אונזער לעבן, דאס ליכט טוט א בליץ אבער בלויז מיט א רגע'דיקער טרייסט, ווען מיר דערזעען דעם שווארצן שאטן, וואס שלעפט זיך נאך אלץ, וואס ווערט ביי אונז געבויט און געשאפן. די, מיט יונגן כח און פלייס, וואס שטייען ביי דער ארבעט פון אונזער גזעלשאפט־ליך־קולטורעל לעבן, מינטערן זיך אליין אבער עס ליגט זיי שטענדיק פארן אויג דער שטיין... דער שווערער שטיין, וואס שטרויכלט אויף יעדן טריט און געביט פון ארבעט. דער שטיין וואקסט אריבער די בנינים, וואס ווערן אויסגעבויט און טויט אפ דעם מוט ווייטער צו בויען. אין אונזער ליטעראטור איז שוין באלד געקומען צו אזא צושטאנד. געווען אמאל שוין א צייט, דאכט זיך, א קורצער, א דורכשוועבנדיקער מאמענט ווען מ'האט ארויסגעגעבן ביכער, קלאסישע, מאדערנע, ווען עס איז גערעדט געווארן פון זעלבסטשטענדיקע ליטעראַרישע זשורנאלן. מ'האט גערופן אוועקגיין פון דער צייטונג, וואס איז א שונא פון אונזער גאנצער ארבעט און באטראכט אונזער ליטעראטור און קונסט פאר א בייז־וואונדער ערשיינונג; איצטער האבן מיר כמעט ניט קיין איין גוטן זשורנאל. עס זיינען דא ביי אונז אזוינע, וואס שטעלן זיך מיטן קלענסטן גרויסן. מ'בלאזט זיך אן, מ'מאכט דעם אנשטעל פון א רעווערענד אין דער ליטעראטור. מ'גיט ארויס זשורנאלן מיטן גאנצן צייטונגס־קלאפערגעצייג. מיטן נוסח פון די, וואס זיינען ניט מער ווי צייטונגס־שרייער. מאדנע, צייטנוווייז האט אויף מיר די קאפע געמאכט דעם איינדרוק פון א לעבעדיק געווארענע צייטונג מיט אלע פלאכ־קייטן און וואסעריקייטן, וואס אין א צייטונג. מיטן גאנצן שונד און רונד און רעדל, וואס פירט איר אויף דער פלאך פון גאסנמארק. און ווען איר וועט זיך גוט איינהערן צו די אלע רעצענזיעס, צו די אלע קריטישע אפ־האנדלונגען און פאלעמיקעס וועט איר נאך שטארקער דערשמעקן צייטונג, פלאך־פעליטאן און פלאך־זשורנאליזם. דער גאנץ מאדנער זשעסט פון זישא לאנדוי'ס פאלעמיק אין „אינזל", וואס איז אפט נוחא צוליב א פיינעם קינסטלערישן איינפאל, פארקריכט ער לאנדוי, שוין צופיל אין זומפ פון צייטונגס־פאמפלעטיזם. אפילו דער נוסח און טאן פון זיינע נאטיצן זיינען צייטונגס־שטרוי. אזוי שרייבן זיי דאך אלע, ליבער לאנדוי, אזוי גלאט און אזוי לויז און אזוי אן אינערליכער באציאונג און אחריות. מילא, נו, איז טאקע אזא שרעקלאכער מוז אייערע אנפאלן אויף ניגערן, און איבערהויפט,

און מיר ווייסן שוין. צו וואָס זיך אַזוי שטאַרק זאָרגן, אַז דער „לעזער" זאָל זיך שטאָפּן מיט דער ליטעראַרישער חכמה? נאָר ווער ווייסט, אפשר טוט עס לאַנדוי צוליב דעם ער זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן שפּעטער. ווייל אָפּטמאָל מאַכן לאַנדוי׳ס חכמות דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געחוזק׳ט פון זיך אַליין, באמת... די דרשה, וואָס ער האָט אָוועקגעלייגט אין „אינזל" וועגן ביכער־לייענען און וועגן נייע דיכטער אונזערע און וועגן מאַיאַקאָווסקי׳ן און ראַוויטש׳ן וואָלטן געמעגט זיין אַביסל פיינער און איידעלער. און די וויצן וואָלטן געקאָנט גאַנץ נישקשה׳דיק דערציילט ווערן אין „אייראָפּא" ביי אַ טישל. נאָר ס׳איז דאָך פאַרפאַלן. מ׳איז ביי אונז פאַרצייטונגט געוואָרן. און ס׳איז אַרונטער די תמימות און חמימות פונם שיינעם אין וואָרט ביי אונז. דאָס נעמט זיך אויך דערפון, וואָס מ׳האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך און אין דעם, וואָס מ׳שאַפט. אַמאָל איז דאָס געווען אין צושטאַנד פון חלום, פון גיין, פון קומען און דערגרייכן, איצט אַז מ׳האָט דערגרייכט... ווערט מען אָנגעבלאָזן פון זאַטקייט מיט זיך. פאַרגינט מען זיך שוין אין דער אייגענער צייט אַ לאַך טון פון די, וואָס לעבן נאָך און ווילן גאָר קיינמאָל ניט אַרויס פון דער אילוזיע. מאַכט מען פון אַ נאָמען אַ צונאָמען און פונם ערנסט אַ שפּאַס. און אין אַלע חכמה׳דיקע אויפטוען פילט זיך אַ מין דערעסן זיך פון אייגענער שווערקייט צו לעבן אין אַ פוסטקייט און ליידיקייט, דאַרף מען כאָטש אַ טאַנץ טון אין דער לופטן און אַ געשריי טון גאָט אין טאַטנס־טאַטן אַריין...

נחמיה סיגאַל

אין שיין פון טאָג

זוניקע שטראַלן —
צונגען פון פלאַם,
ווי גאָלדענע וואַלן —
אַ פלאַמיקער ים.

אַ געלעגער מיט שטראַלן
שפּרייט זיך מיר אויס,
דרעמל איך איין
אין טאָגיקן שויס...

עס ברענט אַרום מיר
שטראַליקע שטרוי;
כ׳שוועב אין די רויכן,
אין טאָגיקן בלוי.

זומער

מיינע ברוינע אויגן,
לאָנקעס גרינע גראָז —
בלויע הימל־בויגן
וויגן זיך, אין שטילן ראָז.

סאַמעט גלאַטע טייכן,
ברעגעס געלע זאַמד;
ביי די ברעגעס שלייכן
פישעלאַך צום ראַנד.

ווערבעס דינע האָרכן
ביי די וואַסער ברעגעס,
מיט צווייגן־הענט צושאָרכן
שיין און שאָטן רגע׳ס.

לידער

1

איך שטיי אויף מיטן טאָג
און גיי אַוועק מיטן טאָג פון דער וועלט.
אויף מיר צאנקט די שיין פון שלאָף,
פון א באַוואָרנטן סוף
מיט זון און קעלט.

וועבט דער טאָג די וועלט פון ליידן,
וועבט די נאכט די וועלט פון פיין —
און די יאָרן וועבן וויגעלאך פון טרויער
וויגן מיך צאפלדיק איין.

הויך און אומעטיק איז מיין ליכט,
טיף די שטילקייט אויף מיין געזיכט —
גראָב איך נאָך טיפער זיך איין
אין דער רונדער שטילקייט פון זיין.

קלינגט מיין קלאנג,
זינגט מיין געזאנג —
איך בין געשטאָרבן!

קלינגט מיין קלאנג,
זינגט מיין געזאנג —
איך בין געבאָרן!

2

גאָל און גאָלד שיינקט מיר דער טאָג,
די ערד איז גוט און בייז צו מיר —
איך פרואוו דאָס אלץ ניט אויפן וואָג,
איך גלויב מיין מזל ביי מיין טיר...

שטראָל נאָך שטראָל פון שיין און טאָג
קוואלט די זון איבער מיין קאָפּ,
און די ווינטן ברענגען מיר דעם שלאָג,
וואָס ווארפט פון דער ערד אראָפּ.

טומל ברייטער, פינסטערער און שטויב
רעדט פון מיר טאָג נאָך טאָג ;
עס רעדט אין אים די געלע רויב,
ס'רעדט מיין גורל אויף גאס און ראָג.

שטיינער קאָנען מיינע וועגן,
ווענט ווייסן וואו עס זאַמט מיין רו ;
און מיין בעט איז דער טויט געלעגן
און געזונגען : ליו-ליו-ליו, ליו-ליו-ליו — —

3

רייפע פעלדער מיט ווייץ און קאָרן,
דאָס ברויט וואקסט מיט פארשטאַנד ;
די ערד איז פול מיט יונגע יאָרן,
גרינט און שוימט פון שווארצן זאַמד.

*

מיט די ריחות פון דער ערד בין איך געבאָרן,
ווי דער גרינער בוים, ווי די בלויע פרוכט —
און מיין גוף וואוינען פון דער ערד די יאָרן,
טויאיקע שוימיגע און זאנפטיקן, לופטיקן צוכט.

ווי לופט איז דער טויט וואָס וויט אין מיינע יאָרן,
ווי גרינער זומער, ווי ווייסער ווינטער, ווי גראָז און שניי—
מיט די בוימער, מיט די פעלדער, מיט ווייץ און קאָרן
אָטעם איך אינם לופטיקן טויט, ווי בלעטער און היי.

4

די וועלט אין גאָלדענע שיינען,
די גרינע בוימער, די בלויע פרוכטן,
און אלטע פעסער — נייע ווייִנען —
עס איך, טרינק איך אַלץ — זאָל מיר דוכטן.

די וועלט איז פרייליך מיט אירע ;
איך האָב מיר מיין אייגענע פרייד...
אויף א שווארצער פען אָן א לירע
קלינגען פון ליבע מיינע רייד.

מיינע רייד זיינען בלויע שלאנגען,
טרינקען פון מיר חלום און וואָר.

מיין הארץ איז פול מיט קלאַנגען
און זשומעט מיטן פיין אין כאַר.

מיט פיין אין כאַר און קלאָר
אין דער וועלט פון גאָלדענע שיינען,
פירט מיך צו פרייד אויף וואָר
מיין שווארצע פּען אין רויטע וויינען.

5

רויטע וויינען — ווער וועט אייך טרינקען?
ווער וועט אין אייער שיין פארזינקען?
ווער וועט יובלען מיט אייך בּיי דער זינד,
בּיי ווייבּ, געזאנג, ווי א נאכטיקער ווינט?
איך בּין אייבּיק ניכטער ווי ווייסער בּיין,
איך בּיים איין מיט מיינע הייסע ציין
דאָס קראנקע לייבּ, וואָס איז מיר ליבּ,
וואָס בּיינקט און פול מיט ווייטיקן טריבּ
צו מיר געקומען נערן און מערן פרייד
אין פרוכפּערדיגער אומרו, אין פּיין און לייד...

פון אונזער לייד איז שוין געבּאָרן די שיין.
אין אונזער פּנים שפּילט רויטער וויין —
מיר לייטערן זיך אין אונזער זינד,
ווי זשאר פלאמט אונז אויף דער ווינט;
און מיר בּרענען ווי בּוימער אין פרייד,
מיר העלן ווי ודוי-געזאנג פארן טויט —
איינער צום אַנדערן, לייבּ צו לייבּ,
טאַטע צו מאַמע, מאַן צו ווייבּ —
רויטע וויינען — איך האָבּ אייך געטרונקען,
איך בּין אין אייער שיין פארזונקען!...

6

איך זיג אין קריג איבּער זיך.
איך צובּלוטיק אליין מיין נשמה;
פלאַטערט שוין רויט מיט פולער נקמה
מיין געבּיין, און דערהויבּט מיך.

איך זיגל אויף אלע מיינע טאַטן.
איך בּאפריי מיין פּנים פון מורא;
אין דער בּלוטיקער וועלט פון גלאָריע
וועל איך מיין שטאָם ניט פארראַטן!

מיט מיין אומרואיק לעבן פאַך איך,
ווי מיט א שווערד — רעכטס — לינקס —
אין חלום זע איך דעם ספינקס
פון די אמהות וואָס בענטש מיך...

אין מיין היים איז אייביקער קריג,
און מיין לאנד פון דער ווייטן ברענט;
כ׳האָב אין דער ערד ארייגעטון מיינע הענט
און גראָב מיין וועג צום זיג...

7

עס איז אזוי פון אייביג אָן —
איך מוז זיין אליין מאן האר...
אויף דער ערד בין איך אין קאָן —
עס לויערט אויף מיר אַ געפאַר —
איך מוז זיין אליין מיין האר...

פאלט מיין טרויער, שטייגט די פרייד —
דויער, דויער — גרייט פאר טויט!
ביי דער וועלט אין העלן שייד
בין איך אייביק ווי די פרייד —
דויער, דויער — גרייט פאר טויט!

אזוי איז פון אייביק מיין גזר —
איך מוז זיין אליין מיין האר...

8

פון רו אין רו, פון וואנט צו וואנט —
דער טאָג שטייט פארמויערט אין גאסן,
און אין אַ חלום זומערט דאָס לאנד,
אין מידן שלאָף גראָען די מאסן.

גלאקן קלינגען, קלאנגען שפרינגען,
דער קלאנג איז גראָב און רוי, דער נגון — גרוי.
אין די שולן-קלויסטערס פרומע זינגען
צום אַלטן-יונגן גאָט און צו דער יונג-פרוי.
היינט איז שבת-זונטיק-טאָג פון דער וואָך,
פול מיט ווייכע רו, מיט שטילן, טיפן בראָך.

היי! וואָך פון ארבעט, פון גרוים געדריי!
עס יאָגט היינט דורך די יאָך, די נויט, דער וויי!
פון הימל פאַלט אַ דינער, גאָלדענער שפריי,
ווי די רו־שעה׳ן ביי מיין זייט אין אַ איין ריי.

פון פעלדער־וועלדער, פון גראָזן־בלומען,
די ריחות פליסן פריי אין שטאָדט אין דעם טאָג;
די הימלען ווייסע, בלוי, גרינע קומען, קומען,
דער יום טוב היפּט הויך פון ראָג צו ראָג.

און מיר גילט אלץ די וואָך פון פילע ראַנגען
פון ארבעט, פון שוויים, פון פאַרלאַנגען —
איך שמיד אין ארבעט מיינע אייגענע קלאַנגען,
צינד זיי אין פייער און ווארף זיי ווי זאַנגען.

9

איך וועל אויפשטעלן מיין געזאַנג,
ווי אַ קרייז פון ליכטיקע שטערן;
איך וועל מיין יעדן וואָרט און ליד געהערן,
ווי מיין אויפגייענדיקן געדאַנק.

מיין ליד פון וואָרטיקן וויין
זעטיקט זיך אין הארץ פון מיין בלוט,
טרינקט אויס דעם סם פון פּיין,
העלט אויף אין ליכטיקייט, אין מוט.

עס איז מיין קלאָרע שפּירן פון זיין
אין די טריט פון מיין ליד און געדאַנק —
דער סוף פון מיין גוף טוט מיר באַנק
אינם קרייז פון גאָלדענעם, זילבערנעם שיין.

עס פּרוכפּערט זיך שוין מיין געזאַנג,
מאכט קרייזן פון שטערן צו שטערן;
איך וועל אייביק מיין ליד הערן און געהערן,
ווי דאָס וואָרט מיין בלייבנדיקן געדאַנק.

ה. לייוויק **)

.2

און ווי צופעליק לייוויק איז אריין אין טורמע, אזוי צופעליק האָבן אים די קריטיקער (ב. ריווקין, ש. ניגער, פּרץ מאַרקיש און אַנדערע) פאַר־שלעפּט אויף משיח׳ס טראָן און געזאָגט: זיי א דערלייזער! צופעליק — ווייל א חוץ די דריי לידער, וועלכע געפינען זיך צווישן זייטל 9 און 16 אין ערשטן בוך, איז נישטאָ קיין דערלייזונג אויף א רפואה.

אין ערשטן ליד זאָגט ער: „עפּעס גרויסעס, וואונדערלאַכעס וועט פון ליידן קומען און איך דער ערשטער, וועל הערזען דאָס וואונדערלאַכעס, גרוי־סעס, און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן.״

דאָס צווייטע ליד: „א מאָך טאָן מיט׳ן האַנט וועל איך געבן וועט יע־דער דערפילן עס ווערן אים אָפּען די אויגן, וועט קוים נאָר א זאָג טאָן, א. זעט נאָר ער איז שוין געקומען.״

דאָס דריטע ליד: „איך ווייס אין יעדנס האַרץ איז דאָ א ליכטיגקייט. א שיין, האָסט נאָר געדאַרפט דער ערשטער זיין און אויפוועקן ביי זיי א ליכטיגקייט, א שיין.״

דאָס אַלץ. דערנאָך לייקענט לייוויק אויף זייטל 32 אַליין אָפּ די דריי לידער.

„יע, ווייט איז די שעה, וואָס דאַרף קומען,
די שעה פון ערלייזונג און טרייסט;
דער טרויער וואָס איך האָב פאַרנומען,
האָט מיך נאָך אַליין נישט ערלייזט.״

פאַרוואָס זשע זאָל מען אָבער איין פערז גלויבן מער ווי דריי לידער? איז עס ווייל די האָפנונג און גלויבן פון די דריי לידער חזר׳ט זיך מער נישט איבער אין קיין ליד פון גאַנצן בוך, און אויף זייטל 41, פאַלט שוין לייוויק נאָר אריין אין א הינער־פּלעט צושטאַנד צווישן לעבן און טויט, וואָס האַלט אָן אין גאַנצן בוך און אויך אין שפּעטערדיקן שאַפן. קען א מענש אין אַזא צושטאַנד טראָגן דערלייזונג? ליד: „די שויבן פאַרמויערט״ לעצטע צווייפערזן:

„האָב אַלץ שוין פאַרגעסן,
פון זיך בין איך ווייט;
ווער ווייס, אפשר האָט מען
מיך לאַנג שוין באַפרייט ?...
און אפשר געשטאָרבן

---

*) זע „קאַנאַדע״ נום. 2.

**) קאָלעגין פעסיע כהנא זאָגט אַרויס אין דעם אַרטיקל אַ פּאָר אויפ־ריכטיקע געדאַנקען וועגן ה. לייוויקן פון אַ פּסיכאָלאָגיש־טרעפלאַכן זין, און פאַרזעט דעם קינסטלער אין לייוויקן. לייוויק איז ביי אונז אַ פּראָבלעם און נאָר אינם קינסטלערישן אַנאַליז ווערט ער אונז קלאָרער. — רעד.

בין איך, און ביים מיר
דאָס לעמפּל ברענט יאָר־צייט,
ברענט יאָר־צייט נאָך מיר?״...

און אויב אפילו לייוויק איז נאָך נישט געשטאָרבן, בעט ער אויך מ׳זאָל אים צורו לאָזן: „שלאָפט דאָ לייוויק ערגעץ וואו?״ ענטפערט ער: „לאָזט שוין לייוויק׳ן צורו.״ שטערט אים נישט זיין הינער־פלעט. און אָט דאכט זיך אים שוין ווידער אז ער איז טויט.

„מיר דוכט זיך פּלוצלינג אויס:
מיר שלעפן נאָך א דריטן, —
אַזוי ווי איך אליין
וואָלט ליגן טויט אין שליטן...״

אין אן אנדער ליד איז ער א מצבה וואָס הילט זיך אין ווייסן און רויט: און אָט איז ער דאכט זיך ווידער אמאָל געשטאָרבן.״ דורך די שויבן קוקט זיך דורך א געשטאָרבענער געזיכט, — זאָל עס רעדן אליין איך זיין?

און אָט איז דאָס לעצטע ליד אין בוך אויף זייטל 183. לייוויק איז מסתמא דורך עפּעס א נס אָדער עפּעס א כשוף ארויס פון הינער־פלעט און:

„איבער מיר גייט אויף א רעגנבויגן, —
דער טייך, וואָס פירט צו מיין געהיימען לאנד;
דעם זעגל אויף מיין שיף האָב איך שוין אָנגעצויגן
האָב וועסלעס זיבנפארביקע אין האנט;
דער וועג אהין שטראַלט דורך דורך מיינע אויגן,
און בויגיק איז דער אָרעם פון מיין האנט;
נאָך איידער עס פארגייט דער רעגנבויגן
דערגרייך איך צו די ברעגן פון מיין לאנד.
פארגאנגען איז שוין לאנג דער רעגנבויגן
איך ווארף אוועק די וועסלעס פון מיין האנט
מיט זיבן טויטע פארבן אין די אויגן
געפאנגען ליג איך אין מיין אייגן־לאנד.

וואָס קען דאָ זיין? לייוויק האָט זיך אויפגעהויבן פון הינער־פלעט מיט אזא גלויבן און קראַפט: „דער וועג אהין שטראַלט דורך דורך מיינע אויגן און בויגיק איז דער אָרעם פון מיין האנט.״ און ער האָט געקענט אויס־האלטן בלויז צוויי פערזן און ווידער מיט „זיבן טויטע פארבן און די אויגן געפאנגען ליג איך אין מיין אייגן־לאנד.״

אָדער האָט דאָ לייוויק געוואָלט דערווייזן, אז נישט דערפאַר איז ער נישט אויסגעלייזט, ווייל ער האָט נישט קיין מוט און קראפט דערצו, נאָר דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ קיין דערלייזונג. עס איז נישטאָ וואוהין צו גיין, עס לוינט זיך נישט צו זיין מוטיק און גלויביק, ווייל קומט מען אין אייגן־לאַנד, בלייבט מען ערשט ליגן מיט טויטע פארבן אין די אויגן. אויב אזוי, איז דאָך אודאי נישטאָ וואָס צו רעדן וועגן דערלייזונג.

עס גלויבט זיך נישט, אז איינער וואָס ליגט אין הינער־פלעט זאָל קענען טראָגן הערלייזונג. ליגט דאָך אפילו נישט דער דערלייזער און לייוויק׳ס גולם אין הינער־פלעט, נאָר פונקט פארקערט: ער איז אזוי אומרואיק און אזוי אומגעדולדיק, אז ער קומט אזש פאר׳ן רוף און פאר דער צייט.

אויב ער קומט דערנאָך אין הייל ווארט אויפ׳ן טויט, איז עס דאָך ערשט נאָך דעם, וואָס ער האָט שוין אפגעטאָן זיין „שליחות.״

אָדער אפשר איז דאָס אַלץ ביי לייוויקען אַ מדרגה פון טראַגיק. פון טראַגיק ? אָבער — — —

„אויפ'ן זאמד אין מיטן וועג
ליג איך אויסגעצויגן ;
ווייסער שיין, לבנה־שיין
לייכט מיר דורך די אויגן
צוגעוואקסן צו דער ערד
ווי מיין הארץ צום טרויער ;
דרייט זיך איינער ארום מיר (ווער איז דער איינער?)
טרייסט מיך ניט באדויער."

דאָס איז נישט קיין מדרגה פון אַ טראַגיקער, נאָר אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע. ליגן אויסגעצויגן און נישט באַדויערן, און אָט דער אַפּאַטישער טאָן איז דער הויפּט־טאָן אין זיינע לידער. אַפּאַטיע, נישט יאוש און נישט טרויער, נאָר גלאַט אַפּאַטיע. „טויטער שיין, לבנה־שיין!"
און אַטוויט ליד :

„קאלטע שטראלען ציען זיך פון שטויב,
גיסן אין מיין הארץ מיט קאלטע רו,
גליקלאך זיין איז גוט און ניט זיין — אויך,
בעסער נאָך פון אלץ — מיין קאלטע רו."

ווי קען נאָך אַ וואָרט קלינגען מער אַפּאַטיש ווי דאָס וואָרט „קאַל־טע רו" ?

„בעסער נאָך פון אלץ — מיין קאלטע רו."
און אָט איז טאַקע די אורזאַכע פאַר וואָס לייוויק איז אַזוי אַפּאַטיש.
„איך טראָג די טאָרבע
און ער — מיין הארץ"...

אַז ער טראָגט מיין האַרץ, ווי קען איך טאַקע פילן טרויער, צו פרייד, צי וועלכן נישט איז געפיל; אַז מיין האַרץ איז נישט אונטערן לייב־צודעקל?

אַפּאַטיע !

„איך זיץ מיט פארשלאָסענע אויגן
און קען אזוי זיצן ביז נאכט.
וויל עמיצער קומען — טאָ זאָל ער !
איך האלט ניט די טירן פארמאכט...
איך בין ניט אנטלאָפן פון מענשן,
און יעדער א גאסט איז ביי מיר
אין צימער געננג איז דאָ שטולן
און ווינקלען, ווי אומעדום, פיר...
קען ער — אָדער זי — אין א ווינקל
זיך זיצן מיט אויגן פאַרמאכט,
קיין איינציקן וואָרט נישט דערמאָנען
און שווייגן ביז טיף אין דער נאכט"...

דאָס זעט גאָר אויס ווי אַ ספּיריטואַליסטישער סעאַנס. נישט אומזיסט נעפעלט אַזוי לייוויק ריוקינען.

איך זיץ מיט פארשלאָסענע אויגן און וועט אימיצער קומען ווייל די טירן זיינען נישט פארמאכט, טאָ זאָל ער! און אויך זיצן מיט פארמאכטע אויגן ביז טיף אין דער נאכט. און נאָך אזוי גלייכגילטיק, אז ס'איז שוין גאָר נישט קיין חלוק אפילו „א ער אָדער א זי."

זייטל 63 ליד „ווייל אַלע גייען." דריטער פערז:

„ווייל איך אויך אוועק אין גאַס,
גיין, ווייל אַלע גייען,
קיינעם צו דערצערנען
קיינעם צו דערפרייען..."

(אזוי גלאַט גיין אין דער וועלט אריין). און אָט דער צושטאנד פון אפאטיע דערגייט ביז קאָמישקייט. אין ליד פון פארגיין (64) זאָגט ער:

„האָבן מיר דעם טאָג געטרויערט,
דארפן מיר איצט רואיק זיין...
זע, ווי מיר פארמאכט די אויגן
דער פאָרגייענדיקער שיין...
האָבן מיר דעם טאָג געטרויערט,
דארפן מיר איצט רואיק זיין"...

וואָס איז דאָס תשעה־באב וואָס מ'דארף אפטרויערן דעם טאָג און אויף דער נאכט צוריק אָנטאָן די שיך און ווערן רואיג? ער האָט זיך שוין זיינס אפגעטרויערט און מער קען ער נישט און ער האָפט שוין בלויז, אז:

„נאָך א רגע, נאָך א רגע
וועלן מיר שוין ווייט אויך זיין, —
ווייט וואו רוען איז געגאנגען
דער פארגייענדיקער שיין"...

און ער האָט זיך טאקע דערוואַרט:

„מיר דוכט זיך פּלוצים אוים:
מיר שלעפּן נאָך א דריטן, —
אזוי ווי איך אליין
וואָלט ליגן טויט אין שליטן"...

און טאקע דערפאר האָט לייוויק 39 לידער אין בוך אין וועלכע עס איז פאראַן אָדער דאָס וואָרט שטארבן אָדער דאָס וואָרט טויט.

טרויער־טראגיזם איז נישט טויט. טרויער איז פונקט אזוי לעבן ווי עס איז פרייד און האָפענונג און גלויבן און נישט גלויבן. גלייכגילטיקייט, אפאַטיע, נישט פילן איז טויט. א ביישפּיל הארויף איז טאקע לייוויק אליין: און עס איז געווען אין די צייטן ווען לייוויק האָט זיך נאָך נישט געהאט צוגענומען קיין געהילף נאכצוטראָגן אים דאָס הארץ ווי א האמע דעם שלעפּ. האָט ער געשריבן א ליד פון טרייער, און אליד פון גליק, און א ליד פון האפנונג. און א ליד פון גלויבן און אפילו די ליד פון דערלייזונג. און דאָס איז ווייל ער האָט נאָך געקענט פילן אין יענע צייטן: ער האָט נאָך געהאט דאָס הארץ. און אז א מענש קען פילן, קען ער אַלץ פילן. ליידט, פרייט ער זיך, איז ער איבערהויפּט א מענש מיט ניואַנסן.

עס קען פּאסירן, אז א טראגיקער זאָל זיך א חבר טאָן מיט'ן טויט.

נאכמער, ער זאָל זיך מאכן דעם טויט. דאָס איז שוין אָבער אַ גאַנץ אַנדער טויט, אַ גאַנץ אַנדער מדרגה. און אויב אַ טראַגיקער נעמט זיך דאָס לעבן אין עפּעס אַ טראַגעדיע, איז עס נישט דערפאַר, ווייל ער וויל זיין טויט. נאָר ווייל ער וויל לעבן און עס לעבט זיך נישט לויט זיין ווילן. און ווען ער נעמט זיך דאָס לעבן איז דאָס בלויז די העכסטע שטופע פון איבערלעבונגען, פון ליידן, וועלכע האָבן זיך ביי אים אויסגעדריקט אין דעם אקט. וואָלט ער אין דעם מאָמענט זיך אָבער נישט גענומען דאָס לעבן, וואָלט ער נאָך איבערגעלעבט געוויס פרייד. לייוויק אָבער, שיסט זיך נישט און דערלעבט זיך אויך קיין פרייד נישט. ער שוועבט גלאט אזוי צווישן לעבן און טויט. אין הינער־פּלעט.

ניין, נישט טראַגיש איז ער! דאָס איז נישט קיין טראַגיק, ווייל טראַגיק איז קאַמף, טראַגיק איז אומפּייאיק צוצופּאַסן זיך. דאָס איז רעזיגנאַציע, דאָס איז צופּאַסן זיך צו די אומשטענדן און לעבן און דרימלען. „חלום'ן מיט פאַרמאַכטען אויגן," אָדער אַזוי ליגן אין „קאַלטער רו"...

וואָס זשע איז אָבער די אורזאַכע וואָס לייוויק איז אזוי מיט'ן קאָפּ־אַראָפּ אַריין אין טויטן ים פון אַפּאַטיע? און וואָס איז דער חלק פון אים ביז אַ טראַגיקער?

זייטל 33 ליד „די נאַכט איז פינסטער."

„די נאַכט איז פינסטער
און איך בין בלינד."

דערפאַר איז לייוויק אַפּאַטיש, ווייל ער איז בלינד. אָט דאָס איז דער חלוק פון אים צום טראַגיקער: ביי לייוויק'ן איז די נאַכט פינסטער, ווייל ער איז בלינד און ביים טראַגיקער איז טאַקע די נאַכט פינסטער: ער אַליין אָבער איז נישט בלינד, ווייל ווען ער איז בלינד וואָלט ער דאָך נישט געזען אַז די נאַכט איז פינסטער.

דערפאַר ווייל לייוויק איז בלינד, איז ביי אים אַזאַ דוחק אין נאַטור בילדער. ווי באַגעגנט מען נישט איבערלייענענדיק אַ גאַנץ בוך עפּעס אַ גרעזעלע, אַ בלימעלע, אַ בוימעלע, אַ בערגל, אַ טייכל? און דאָס איינציקע ליד אין בוך, וואָס הייסט שוין „ווי שטיל אויף די סטעפּעס," איז אויך נישט קיין בילד פון די סטעפּעס, נאָר אַן אימפּרעסיע פון די סטעפּעס, און אַ ספּעציפיש לייוויק אימפּרעסיע.

„שטיל אויף די סטעפּעס."
„שטיל אויף די סטעפּעס בוראַטישע
עס שלאָפט נאָך דער אָפּגאָט פון פרי;
עס זיצט זיך אַ פאַסטוך אין איינזאַמער
געבויגן דעם קאָפּ אויף די קני.
זיין פּנים אַ געלער אַ מעשענער,
צעשוואומען דער נאָז אין דער ברייט,
די אויגן אין שטערן פאַרזונקענע,
די ליפּן האַלב שוואַרץ און האַלב רויט
עס שיטן פאַנאַנדער די שעפּסן זיך
אין אַלע פיר זייטן אַרום,
דאָס אַרט נישט דעם פאַסטוך דעם איינזאַמען,
ער זיצט זיך פאַרדרימלט און שטום.
און הויבט ער אָן זינגען, — דערשרעקן זיך

פאר אים זיינע אייגענע פיה,
ווערט ווידער אנשטומט א פארשלאפענער,
פארוואַרפן דעם קאפ אויף די קני.''

אז פאר'ן פאסטוכ'ס זינגען דערשרעקן זיך זיינע אייגענע פיה, וואו איז זיין לעבן, מיט וואס איז ער פארבונדן אויף דער וועלט? ווערט ער טאקע ,,ווידער אנשטומט א פארשלאפענער, פארוואַרפן דעם קאפ אויף די קני...''

טייטשן אלע וואס רעדן וועגן לייוויק'ן, אז דאס האט סיביר אזוי געווירקט אויף לייוויק'ן. מיט וואס זשע קענען זיי ערוב זיין אז די אוקראינער סטעפעס וואלטן געמאכט אויף אים אנאנדער אימפרעסיע?

זאגט דאך ניטשע ,,א קראנקער האט נישט קיין רעכט צו זיין א פעסימיסט.'' און ווירקלאך, אז א קראנקער אדער אזוי אן אומגליקלאכער איז א פעסימיסט, רעכנט מען דאס אלץ צו דער קראנקהייט אדער דעם אומגליק. דאס איז אויך דער פאל מיט לייוויק'ן. עס פארגעסט נישט קיין איינער וואס שרייבט וועגן לייוויק'ן, אז לייוויק איז געווען אין סיביר. האט דאך סערוואנטעס אנגעשריבן דאן קיכאט אין טורמע. מיינט דאס פשוט, אז סערוואנטעס פלוס טורמע איז דאן קיכאט און לייוויק פלוס טורמע איז שטיל אויף די סטעפעס.

דארף מען דעריבער נישט פארגעסן אז אין טורמע קען מען אויך אנשרייבן דאן קיכאט. און אויב לייוויק האט אנגעשריבן ,,שטיל אויף די סטעפעס,'' איז די הויפט אורזאכע—לייוויק. ווייל אויב ער זאל געווען אנשרייבן דאן קיכאט, וואלט אויך די הויפט אורזאכע געווען לייוויק און נישט די טורמע.

ווייל לייוויק איז אין הינער־פלעט, איז ער נישט עראטיש. און אפשר איז לייוויק'ס ליבע אויך פארפרוירן געווארן אין סיביר, וואס ער דארף בלויז ,,שאטן־רו פאר צוויי?'' אדער אפשר חלומ'ן זיך אים בלויז די לידער ווען ער ליגט אין הינער־פלעט אין ,,קאלטער רו''? ,,איך בין אריין צו דיר אין צימער אויף א מינוט און מיט אלע שאטענס אפגערוט.'' פון וואס איז ער אזוי מיד וואס ער דארף אזוי פיל רוען? פונקט ווי לייוויק דערגייט ביז לעבערלאכקייט אין זיין אפאטיע, אזוי דערגייט ער אויך ביז לעבערלאכקייט אין זיינע ליבע־לידער. (אין ליד ,,לעבערלאד''). אט זיצט ער גאר ביי דער געליבטער און שפילט זיך מיט א מעסער. און אז א מיידל שטרעקט צו אים אוים די הענט, מיינט ער, אז זי זעגנט זיך גאר:

,,שטרעקסטו אוים די הענט צו מיר
פינגער — ווייס און דין,
מיין איך אז דו זעגנסט זיך —
גולם וואס איך בין.''

דערמיט וואס ער גיט אליין צו, אז ער איז לעבערלאך, לייזט ער נאך נישט אוים די לעבערלאכקייט.

נאר אט געשעט עס פונקט ווי לייוויק פארט זיך אזוי אליין מיט'ן פערדל, דווקא אין פרעסט און אין שנייען ערשט ,,גלעקלאך קלינגען ערגעץ ווייט.'' עס לויפט אים נאך א באקאנטע מיידל:

,,גיב איך מיר א כאפ צו זיך
און דעם פערד א יאג,
העי, מיר פליען מייל נאך מייל
ביז עס שטארבט דער טאג.''

פון דעסטוועגן, שטארבט דער טאג ווי אלע טעג פון א גאנץ יאר. זאגט מען דאך אין גאט פון אברהם „דער ליבער שבת קדש גייט אהין.‟ וואלט מען אויף א טאג אין וועלכן ס'געשעט אזא נס: גלאט א באקאנטע מיידל זאל קומען צולויפן צו א בחור וואס שלעפט זיך ארום אין אזוינע גרויסע שנייען און פרעסט און זיך לאזן מיט אים אין אזא שווערן וועג אריין, אויך געמעגט זאגן: דער ליבער, טייערער טאג גייט אהין. און אט ציען זיך די בלעטלאך ווייטער און מיר דערלעבן זיך פון לייוויק'ן נחת. און אויב די ליפן ווערן פארטרוקנט און די אויגן פארמאכט, גלייך נאכדעם, ווי זי זאגט אים „איך וועל זיין דיין פרוי,‟ ארט עס אונז אויך ווייניק, ווייל מילא. אזוי גייט די וועלט.

אבער אזא ליד ווי „נאר‟ רעגט אונז אויף:

„האב איך זיך אליין ניט אפגענארט
אין מיטן נאכט
גלעקלאך, מיידלאך, קאלטן ווייִן
זיך אויסגעטראכט.
וועמען וועט עס איינפאלן
די נאכט אליין
מיך אין וועג באגעגענען
זיך לאזן גיין?
גלעקלאך קלינגען? יע, איך זע
א בויד ניט ווייט, —
מיר אנטקעגן קומען אן
ציגיינער־לייט...

ע, פע, אפלייקענען דאס, איז נישט שיין. האבן מיר דאך אליין געהאט א חשד אז עס קען נישט זיין עס זאל גלאט א באקאנטע מיידל נאכלויפן א בחור אין פראסט און אין שניי.

מ'קען נישט אפלייקענען קיין געשעענישן און איבערלעבונגען, זאלן זיי אפילו נאר געווען זיין אין דער פאנטאזיע. האב איך זיי איבערגעלעבט. זיינען זיי געשען און פארפאלן.

וואס איז דאס גלאט א טבע צו לייקענען? געזאגט: איך בין א דער־לייזער און שוין אפגעלייקנט. געזאגט: איך האב ליבע און פרייד און שוין אפגעלייקנט. ווער וועט דאס איצט גלויבן דעם נייעם פזמון:

„גלעקלאך קלינגען? יע, איך זע
א בויד ניט ווייט, —
מיר אנטקעגן קומען אן
ציגיינער־לייט...

אפשר וועט ער ווייטער מיט עטלאכע בלעטלאך דאס אויך אפלייקענען?

מיר וואלטן אבער א קינסטלער יא מוחל געווען ער זאל זיך אפלייקענען. ווען זיין לייקענען איז ביי אים א קינסטלערישער מאניער אזא, א קינסט־לעריש חן־דל אזא, אן אומשולדיקס.

אין אזא פאל ווילט זיך אויפ'ן לייקענען זאגן: ס'וועט דיר, טייערינ־קער, גאר נישט העלפן. אפגעטאן, איז פארפאלן. לייוויק'ן קען מען עס אבער נישט מוחל זיין ווייל ווי נאר מ'דערזעט אז ער לייקענט, כאפט מען שוין אונטער: אהא, איך האב פריער געוואוסט אז ס'איז אויסגעטראכט.

אפאטי'ע איז נישט קיין גרויסע מזל־ברכה פאר א דיכטער און פון

„קאנאדע‟

ליגן טויט אין שליטן קען מען אויך ווייניק באשאפן. נאר גאט האט געקענט באשאפן א וועלט און אליין זיין און בלייבן גארנישט. א מענטש אויף צו קענען שאפן, מוז קודם כל אליין זיין.

וואס עס מוז אומבאדינגט ארויסוואקסן פון בלינדקייט (פון הילפלאזיג־קייט און אפהענגיקייט איז שרעק. מיר דוכט, אז עס גייט א בלינדער, ווייזט זיך אים אלץ אויס, אז די וועלט פאלט אויף אים ארויף. און עס מוז זיך אים אויך אויסווייזן, אז ער שלאגט זיך אלץ אן עפעס אן. עס איז א גליס וואס לייוויק האט זיך צו דער שרעק נישט צוגעוואוינט און צוגעפאסט לויט זיין געוואוינהייט, זיך צוצופאסן, ווייל אט די שרעק איז דאס איינציקע. וואס האט זיך דורכגעשפארט דורך דער דיקער שאלעכץ פון גלייכגיל־טיגקייט.

האט דאך לייוויק ענדלאך א ליד „אומרו". פון וואס זשע איז געבארן געווארן די אומרו? „אין דער טיפעניש פון נאכט בין איך איינזאם און אליין. ווייל איך לויפן זיך באהאלטן פון דער וועלט פון זיך אליין." אפילו פאר זיך אליין האט ער מורא און אפשר פאר זיך אליין נאך מער ווי פאר אנדערע:

„פאר די שכנים האב איך מורא און נאך מער פאר זיך אליין." און אט פאר וואס דער וועכטער נעמט לייוויק'ן שלאגן. ווייל „אויפ'ן וועכטעד פאלט אן אימה" ווייל „אימה" איז דאס איינציקע וואס לייוויק קען בא־נעמען. אט זיצט ער דאך מיט זיין געליבטער אויך פאר די הענט זיך האל־טנדיק דערשראקענע.

רוקט זיך פון צווישן די בלעטלאך פון אפאטיע און טויט ארויס אז „אימה' און אט די אימה שלעפט ענדלאך לייוויק'ן ארויס פון זיין „קאלטער רו" און ברענגט אים די „אומרו."

און אט די אפהענגיקייט און שרעק לייוויקס האט צוגעצויגן צו זיך דאס אפהענדיקסטע און שרעקעדיקסטע באשעפעניש: דעם גולם.

„דער ווייסער רייטער"

א בוך לידער פון נפתלי גראס, ארויסגעגעבן פון פארלאג „אמעריקע" נו יארק, 1925.

ווייסער רייטער דורך דער וועלט,
טראג מיך ווילד פון פעלד צו פעלד,
טראג מיך ווילדער אין גאלאפ,
שטעל אינערגעץ זיך נישט אפ.

ווייסער רייטער, ווייסע פרייד,
זע, פאר אונז איז אלץ פארשפרייט:
דורך די בערג און דורך דער בלוי
איז צו פליען וואויל אזוי.

ווייסער רייטער, פלי, מיין פרייד,
ווי וועט זיין פאר זאלבעצווייט,

קוים האָסטו זיך אָפּגעשטעלט —
שטעלט זיך אָפּ מיין גאַנצע וועלט.

דער וויסער רייטער האָט דעם דיכטער ניט מיטגענומען אויף זיין וועג דורך דער וועלט. עס חלום'ט זיך אים אַז ער פליט, און אויך דער חלום מינטערט אים גלויבן אַזוי. און אין די הויכע ווענט פון דער גרויסער שטאָט, וואו עס פאַרמט זיך ניי און נייערער געזאַנג מיט אַ דרייסטן שוואונג פון נעבימענע לעבנסאַרטן איז ער ניט געוואָרן קיין קול, נאָר אַ שטילער קלאַנג וואָס טרעט אַלע מאָל צוריק, צו רו.

א קלאַנג און אַ וואָרט —
און איך בין דערהויבן,
פאַרשוואונדן דאָס אָרט,
די האָפנונג, דער גלויבן.

אָדער:

איך ווער אַזוי לייכט, —
אַ קלאַנג פון געזאַנגען;
און אַלץ האָט פאַרוויכט,
עס בלייבן נאָר קלאַנגען.

שטיל, האַלב לידיש, האַלב פילאָזאָפיש שרייבט נפתלי גראָס זיינע לידער, לידער פון אַ גרינג געמיט מיט ווייסן שיין באַהויכט פון אַ נע־מיטלאַכן דיכטער וואָס זוכט ניט קיין נייע צושטרייאונגען, קיין נייע פאָר־מען, נייע וועגן און גייט ניט אַוועק פון זיך; אין די ראַמען פון זיין וואָרט און קלאַנג ברענגט ער ניט קיין נייע מאָדעס פון שרייבן, ווייל זיך ניט פאַרקליידן מיט אומבאַשטימטן מאָדערניזם און עס איז בעסער פאַר זיין אַרט ליד, וואָס איז קלאַסיש געגנוויגט: ווייל דאָרט, וואו ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו זיין ניי, מאָדערן איז אים ניט גאָר געלונגען, אָבער דאָרט וואו ער איז אַליין, הערן מיר זיין צאַרטע שטימע, זיין ווייכן טאָן וואָס ברענגט אונז אין רו.

נפתלי גראָס איז ניט פון די נייע, יונגע דיכטער און מען קאָן אים צו קיין „גרופּע" ניט צורעכענען, לויט די לעצטע גרופּן וואָס האָבן זיך באַשאַפן אַרום דער אידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע: ער איז ניט קיין ריכטונג־דיכטער און ניט פון גרויסן פאַרנעם—עס איז אָבער דאָ אַזאַ מין שיינער מיטן אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע צו וועלכען עס גע־הערן עטלאַכע אויפריכטיקע דיכטער (נפתלי גראָס איז איינער פון זיי) און אין אָט דעם מיטן זיינען זיי באַזונדער, אַליין.

איינער דרייט זיך אַרום זיך,
און אַ צווייטער רייזט און שפּרייזט;
יעדער דרייט זיך אין דעם קרייז
וואו מען האָט אים איינגעקרייזט.

אין די לידער פון „דאָבוש" איז פאַראַן פיבערדיקער ריטם, שאַר־פער אויסדרוק און זיי מעסטן זיך אָן מיט כּוח; נאָר דעם עמפּינדלאַכן יונג, דאָבוש, וועט דער „קלוגער הוני" איבעררידן און ניט דערלאָזן אים ווייטער גיין אין אייגענע וועגן.

„קאַנאַדע"

נפתלי גראַס ריינגלט זיך ניט מיט קיינעם. ער האָט געלאָזן די רייג־
לענישן און די פּלאַנטערס פון דער צייט צו זיינע קאַלעגן: ער רעט זיך
נאָר אַראָפּ פון הארצן זיינע שטימונגען, פילאָזאָפיעס. און אָפּט אַמאָל
זינגט ער אונטער א געאַנטן שיינעם, גלאַטן נגון מיט קאָליר און געפיל, און
איז ווידער פריי אַז פּרעטענזיעס צו זיך: דער פּאַר שאַקירט אים ניט זיין
רואיקייט — וויגט ער זיך אַזוי אום פון ליה צו ליד, פון חוני צו דאַבוש
און צוריק צו נפתלין, און פון „פסאַלמען" צו פערזן. און מיר פארגינען
אים זיינע דערהויבונגען און זיינע שטרויכלונגען אין זיינע איצטיקע לידער.
דער מיטן, וואו ער איז אליין האָט אים פאַר'כשופט, ער קאָן זיך פון זיין
שטיין ניט אָפּרייסן, די לידער פון די נייערע דיכטער וואָס דערגייען צו
אים, גייען אים אויך פארביי און ער האָט צוגעקייטלט א רינג צו דער
קייט פון דער אידישער פּאָעזיע מיט דעם בוך לידער, וואָס זיינען די לידער
פון זיין שטיל לעבן.

א. ש. שקאָלניקאָוו.

רעזאָנאַנסן

ה. לייוויק אין אייראָפּע

ראובן אייזלאַנד האָט שוין אַ פּאָר מאָל אין „אינזל" אַ זידל געטון לייוויקן
פאַר זיינע בריוו פון אייראָפּא, און גלאַט אַזוי אים אַ שטורכע געטון פונדער־
ווייטן. אַז לייוויק געפעלט ניט אייזלאַנדן, שטעלט עס חלילה קיינעם ניט בדלות,
נאָר זידלען און שטורכן זיך, זיך צולאָזן צום האַרצן למאי לייוויק שרייבט
ניט אַזוינע בריוו זיי זאָלן דורכאויס אויסנעמען ביי אייזלאַנדן. צו וואָס? און
— אָט האָט אין „ליטעראַרישע בלעטער" אַ טאַנץ געטון אַ בריוועלע אויף פיר —
מ. ליכט, סטאַדאָלסקי, קורץ און מינקאָוו, האָבן זיי אויך תרעומות אויף
מאַרקישן למאי לייוויק... למאי מ'לאָזט אים און מ'גיט אים און
מ'גילט אים אָפּ ממש. וואָס־זשע ווילן זיי? אַ חלק? זאָלען זיי קומען, שמייכלט
צו זיי ממזרש דער קלוגער מאַרקיש וועלן זיי אויך קריגן. טאַקע, וואָס זאָל ער
זיי זשאַלעווען? אַז מענטשן ווילן איז דאָך ניט שייך, ווי זאָגט איר, ניין?...
מאַרקיש רעקאָמענדירט זיי זיי זאָלן לייענען לייוויקן, ער איז ניט צוטומלט
און פאַרשכורט געוואָרן פון די ציטאַטן פון זיינע אייגענע לידער, וואָס זיי
שטופּן אים אין נאָז אריין... שמייכלט ער און הייסט זיי לייענען גאָר לייוויקן.
און ער טרייסט זיי, אַז פון לייוויקס אומקום־לידער וועט חלילה קיינער און
קיין זאַך ניט אומקומען. דאַרפן זיי דאָך אודאי ניט מורא האָבן. און מאָדנע
איז דאָס: פונם גאַנצן טאַראַראַם אַרום לייוויקן האָבן זיך די פיר געדאַרפט
אַרויסשטעלן סאַמע אין פראָנט און — כאַפּן די ערשטע קוילן. אך, מענטשן מיט
פּאַרריסענער פּרעטענציע, מוזן באַווייזן אַלע גרימאַסן פון זייער פּנים... אין
תוך איז דאָך דאָס אַזוי נאַטירליך, וואָס לייוויק ווערט אַזוי יום־טובדיק אויפ־
גענומען. לייוויק איז אין אונזער ליטעראַטור אַן ערשיינונג. מוז מען עס
טאַקע שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן טייטלען מיט די פינגער אויף די אַלע
אויסגעזוכטע און ניט אויסגעזוכטע חסרונות פונם פּאָעט. ווי יעדער אמת'ער
דיכטער, איז לייוויק ניט לויטער מעלות, און א שיין ביסל פּגימות האָט
אין זיך זיין דיכטונג אויך. ער האָט דאָך אָבער די גרויסע מעלה, וואָס ער
איז — לייוויק. איינער פון די פּאָר געציילטע גרויסע דיכטער אונזערע, אַ
שטופּע און אַ שטפּל אין אונזער פּאָעזיע. ביי אונז דאָ אין אַמעריקע איז אַלץ

גרוי און וואַכעדיק געוואָרן, ווערט אַלץ געמאָסטן מיט אַ געקאַרגטער מאָס, ווערט אַלץ אַרויסגעזאָגט מיט ניט־פאַרגינערישקייט, מיט פאַרביסענער ענגהאַרציקייט. דאָ ווערט יעדער מונטערער געפיל, יעדע דעררויבנקייט, וואָס רעגט זיך אין אונז אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפל קאַלטן ציניזם. לייוויק האָט דאָס גוט און גענוג געפילט דאָ, און דערפאַר איז זיין פרייד אונזער פרייד. און מיר האָפן אים צו זען אינגיכן ווידער מיט אונז אַ דערפרישטן, אַ דערמוטיקטן.

ווייסנבערג און אָפּאַטאָשו

אין אַן אינטערוויו מיט אָפּאַטאָשון ווערט דערציילט (ליטעראַרישע בלעטער), אַז אָפּאַטאָשו קלאָגט זיך שטאַרק אויף דער נאַכלעסיקייט און קולטוראַרבעט פון די וואַרשעווער שרייבער. ער רעכנט דאָרטן אויס אַ גאַנץ היפשן צעטל מיט חטאים אויף זיי און גיט זיי עצות און הייסט זיי אַ מוסר אַראָפּנעמען פון די ניו־יאָרקער קאָלעגן, וואָס אַרבעטן, טוען און בויען כמעט אויף פיתום ורעמסס. מילא, אַרט עס מיר ניט. ער מעג זיך אָנדערציילן וויפיל גוזמאות ער וויל אליין. די גוואַלדאָוונע אויפטוען אונזערע דאָ ווייסן די וואַרשעווער קאָלעגן גאַנץ גוט אַליין. ס'איז ניט קיין באַהאַלטענע זאך. אגב, האָט עס נחמן מייזל טאַקע באַלד אָפּן ארויסגעזאָגט אין זיין אַרטיקל, וואו ער רעדט זיך דורך וועגן דעמדאָזקן ענין. די זאַך איז אָבער אַן אַנדערע: אָפּאַטאָשו האָט זיך דורך דידאָזיקע אויסריידן געזוכט אָפּרעכענען מיט אַ שטיקל שונא זיינעם — ווייסנבערגן. און צוליב דעם לוינט זיך שוין אַלע איבערטרייבונגען און אויפגעבלאָזענעם פאַטאָס און התלהבות וועגן אונזערע שטורמדיקע כחות דאָ. איך ווייס דערוויל ניט, האָב נאָך אין ערגעץ ניט באַגעגנט וואו ווייסנבערג זאָל האָבן געזידלט אָדער שלעכטס גערעדט אויף אָפּאַטאָשון. אפשר האָט מען ווייסנבערג אין די אויגן, דאָרטן אין וואַרשע געזאָגט אַן אמת אָדער אום'אמת, וואָס האָט אים שטאַרק ניט געשמעקט. איך ווייס אויך, אַז ווייסנבערג האַלט ניט קיין גרויסן שלום מיט שלום אַש'ן. נו, קאָן דאָך שלום אַש זיין שטעטל... ניט באַשטיין, און אָפּאַטאָשו מוז זיך פאַר אים אָננעמען, ווי דען? נאָר דאָס וואָס אָפּאַטאָשו זאָגט זיך אַזוי האַסטיק־כעס'דיק וועגן ווייסנבערגן איז שוין גאָרניט קיין שבח אויף אָפּטאָשון. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, צי ווייסנבערג שרייבט שוין אַ צייט ניט, צי ער האָט אויף זיין געוויסן לעצטנס ליטעראַריש־עטישע זינד, אָבער אינגאַנצן אַזאַ מאַך טון מיטן האַנט אויף ווייסנבערגן, אויף זיינע ווערק! וואָסוואָס, קינסטלעריש דאַרף נאָך אָפּאַטאָשו דורכבלאָנדזשען ניט נאָר די פוילישע נאָר א שיין ביסל אַנדערע וועלדער ביז ער וועט קלאָר קאָנען דערזען די הויך פון ווייסנבערגס גרויסע עטליכע ווערק. ווייסנבערג איז געקומען מיט קלאַסישער געוויכטיקייט. ער איז געקומען אַ קלאַסיקער. ער איז דער ערשטער אין דער ריי פון אונזערע עכטע פראָזע־דיכטער, וואָס זיינען געקומען נאָך די ערשטע דריי קלאַסיקער אונזערע: מענדעלע, שלום עליכם און פרץ, דאַן: ווייסנבערג, אַש, בערגלסאָן, ראַבאָי, זינגער, פוקס און — אָפּאַטאָשו.

א. ראַבאָי'ס ראָמאַן „אַ איד איז געקומען קיין אַמעריקע"

אין אַ וואַרימען נאָכמיטאָק, אין מאָנטיסעלאָ, קעטסקילס, האָבן זיך, איך און ראַבאָי, פאַרקליבן אויפן באַרג, וואָס שטייט הינטערן האָטעל וואו מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויף אונזער וואַקאציע, האָבן זיך גאַנץ באַקוועם געקאַנאַדע"„

מאַכט, ווי ס'איז נאָר ערלויבט אונטער גאָט'ס הימלען, הינטערן וואַנט פון אַ האָטעל, וואו עס דריִען זיך ארום גאָט'ס מענטשן־פּאַשעפּעניש און פילן זיך גוט און גליקלאַך, וואויל געשטימט און מונטער. האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט וועגן זיך און ווידער וועגן זיך און וועגן גאָט'ס וועלט ווי ווייט זי שלאָגט זיך אָן אָן אונז. ווי ווייט מיר שלאָגן זיך קאָפּ־אָן־וואַנט אין איר. אויפן דאָרף זייַנען מענטשן אָפענער, און ראַבאָי איז פאַר מיר געשטאַנען — אַ צווייטע אָפענע וועלט. דער קינסטלער אין קלאָרסטן ליכט. און — ער האָט פאַר מיר אָנגעהויבן לייענען אַ קאַפּיטל פון זייַן נייעם גרויסן ראָמאַן: „אַ איד איז געקומען קיין אַמעריקע. אַ מאָדנע פרייד האָט מיך ארומגענומען פון דער פשטות, פון דעם ברייטן אָפענעם פאַרנעם, פון דער קלאָרקייט פון וואָרקייט פון יעדן וואָרט. דאָס איז אַ ווערק, וואָס נעמט אַרום אַ פערטל יאָרהונדערט אידיש־אַמעריקאַניש לעבן. ראַבאָי האַלט אים נאָך אין שרייבן, נאָך אין סאַמע מיטן, פון דעם טייל, וואָס ער האָט פאַר מיר פאָרגעלייענט צעוואַקסט אַ גאַנץ נייִ אידיש לעבן, אַן אָנהויב פון ערשטער איבערוואַנדערונג און נייִער אנטוויקלונג. אויף וואָס פאַר אַ ברייטע שטחים ער צעוויקט עס, צונעמט עס אונטער אַזאַ ליכטיק־קינסטלעריש אויג. און אַזאַ תמימות נעמט אַרום די סביבה, וואָס ער מאָלט, די ספּעציפיש ראַבאָי'אישע תמימות, זייַן אייִדעלער אומגעקינסטלטער סטיל וויגט זיך און און זינגט איבער אַ וועלט פון חלום און וואָר. דער ראָמאַן האָט זיך איצט אָנגעהויבן דרוקן אין דעם דיכטער מילער'ס וואָכנבלאַט „קולטור". ביז דאָס איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן באריכות וועגן ראַבאָי'ן. אין זייַן פאַרנעם, (און דאָס זעט זיך קלאָר איבערהויפּט אין דעם דערמאָנטן ראָמאַן) און אין זייַן טיף־קינסטלערישן חוש, איז ראַבאָי דער מענדעלע פון אונזער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

י. י. ס.

„קולטור" אין שיקאַגע

„קולטור" — אילוסטרירטער וואָכנבלאַט פאַר ליטעראַטור, קונסט און אַלגעמיינע קולטור ענינים.

אַ ברייטער, לאַנגער, צוזאָגנדיקער נאָמען, אונטער וועלכן עס דאַרף זיך אָפּשפּיגלען דאָס גייסטיקע פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן, און עס איז נאָך צו פרי צו זאָגן, אַז דער גוטער וואונטש איז שוין געשען אין די עטלאכע נומערן, וואָס זייַנען דערשינען.

שווער, זייער שווער דאַרף זייַן די אַרבעט פון אַזאַ ריזיקע אונטערנעמונג ווי די „קולטור" און נאָך אַ וואָכנבלאַט דערצו; מיר ווייסן פון דערפאַרונג ווי אַזוי עס קומט אָן די אונטערנעמער פון מאָנאַטלאכע זשורנאַלן אַרויסגעבן, נאָר אַז דער גרויסער ווילן איז דאָ — וועט דער וואונדער געשען.

שיקאַגע איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג און אַ געניוגנדע צאָל אינטעליגענטע מענטשן, וואָס קאָנען אונטערשטעלן זייִלן צו אַ וויכטיקן בנין. און לאָמיר האָפן, אַז „קולטור" וועט ווערן אַ שיינע, אייִנפלוסרייכע וואָכנבלאַט, ארום וועלכער עס וועט זיך טאַקע קאָנצענטרירן דער ערנסטער, לעבעדיקער גייסט פון אַמעריקאַנער, אידישער קולטור.

אויב ל. מילער איז אַזאַ טאַלאַנטירטער רעדאַקטאָר ווי ער איז אַ דיכטער, וועט ער געוויס געפינען דעם ריכטיקן וועג פאַר זייַן „קולטור" און צו בעסער־קייט איז קיין שיער ניטאָ. עס איז דערווייל פּיאָנערישע אַרבעט אין שיקאַגע, און אַז עס וועט אים געלינגען וועט ער ארויספירן די „העגעמאָניע" פון ניו־יאָרק אין דער פּראָווינץ. דער אויפטו וועט דאַן זייַן אַ גרויסער, וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל דורכריידן וועגן דעם אויף די בלעטער פון דעם זשורנאַל.

דר. חיים זשיטלאָווסקי

צום זעכציג יאָריקן יובילעאום פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס ווערט אַצינד געפֿייערט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט, קומען מיר באַלאָדן מיט פֿרייד און מוט צום יום טוב.

עס איז אונז ליכטיק דער וועג צו זיינע אידעען אין זיין אייגענער באַלייכטונג און באַלייטונג. אין זיין ליכט אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונז די גרויסע געשיכטע פֿון אַ גרויסען קעמפֿער פֿאַר אידיש און פֿרייער אידישער אויפֿלעבונג צווישן די פֿאָלקס מאַסן אינם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן גייסט.

ניט גענוג זיינען די פֿאַר ווערטער פֿאַר אַ פֿולער אָפּשאַצונג פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקי, מיר וועלן אין קומנדיקן נומער האָבן אַ לייגגערע אָפּהאַנדלונג; מיר ווילן אָבער ניט פֿאַרפֿעלן דעם נאַציאָנאַלען יום טוב, וואָס האָט הינטער זיך אַ רייכע, הערואישע פֿאַרגאַנגענהייט, און מיר יובלען מיט דער גאַנצער אידישער וועלט, וואָס גיט אַצינד אָפּ כבוד איר גייסטיקן פֿירער און מאָדערנעם וועג ווייזער.

פֿאַר די „תינוקות-של-בית-רבן"...

און איצט, אַז דער העכסטער טריבונאַל פֿון לאַנד האָט שוין אויסגעהערט די קלוגע טענה פֿון אונזערע רעפֿאָרמירטע פֿאַרזאָרגער, אַז אידן זיינען „פּראָטעסטאַנטן" לויט דעם בריטיש נאָרט אַמעריקע אקט און אויך די טענה פֿון די פּראָטעסטאַנטן און די „פּשוט'ע" אידן, אַז אום צו זיין פּראָטעסטאַנטן מוז מען פֿריער גלויבן אין פּאַבסט און נאָכדעם „פּראָטעסטירן" אַנטקעגן אים — נאָך דעם אַלעם ווייס נאָר איין גאָט, וואָס עס וועט ווערן פֿון דער אידישער שול-פֿראַגע אין דער פּראָווינץ קוויבעק.

די סיטואַציע איז אַזאַ: די פּראָטעסטאַנטן האַלטן, אַז די פּראָטעסטאַנטישע שולן געהערן צו די פּראָטעסטאַנטן. די אידן-אַסימילאַטאָרן לייקענען דאָס ניט און זענען צופֿרידן, אַז עס זאָל זיין ווי די פּראָטעסטאַנטן ווילן, נאָר בתנאי, אַז אויך די אידן זאָלן אַנערקענט ווערן פֿאַר „פּראָטעסטאַנטן".

ענטפֿערן די פּראָטעסטאַנטן: ווי קאָנען מיר אייך אַנערקענען פֿאַר פּראָטעסטאַנטן, אַז איר אַנערקענט ניט יעזוס'ן?

גייט עס, הייסט עס, אין אַ קליינינקייט...

און אַז מען רעדט וועגן סעפּאַראַטע אידישע שולן, דערשרעקן זיך די אידן-אַסימילאַטאָרן און אויך די קאַטוילייקן.

וואָס זשע וועט זיין מיט די פֿערצן טויזנט אידישע שול-קינדער? ביז איצט ווערן זיי נאָך צוגעלאָזן צו די פּראָטעסטאַנטישע שולן, ווייל דער „וואַפֿנ-שטילשטאַנד" איז נאָך אַלץ אין קראַפֿט. וואָס וועט זיין שפּעטער?

עס איז געווענט, וואָס עס וועט זיין די אַנטשיידונג פֿון געריכט. אַז דאָס געריכט וועט ניט נאָכגעבן די נאַרישע טענה, אַז אידן זיינען „פּראָטעסטאַנטן" (מעג עס אפֿילו זיין בלויז פֿאַר שול-צוועקן) דאָס שיינט צו זיין זיכער. ניט זיכער איז, וואָס דאָס געריכט וועט האָבן צו זאָגן איבער דער לעגאַליטעט פֿון סעפּאַראַטע אידישע שולן. אין יענעם טאָג, ווען אונזער רעכט אויף סעפּאַראַטע שולן וועט אַנערקענט ווערן וועט הערשן טרויער אין אונזערע רעפֿאָרמירטע קרייזן און דעלעגאַציעס וועלן אָן ספק לויפֿן קיין קוויבעק, זוכנדיק צו פֿאַרמיידן די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע!

און די גרעסטע טייל פֿון דער אַזוי-גערופֿענער אָרטאָדאָקסיע וועט מסתמא ווידער טאַנצן נאָך דער מוזיק פֿון רעפֿאָרם-טעמפּל, ווייל דאָרטן איז עס כמעט „קאַנאַדע"

באַשלאָסן, אַז סעפּאַראַטע אידישע שולן האָבן אויסגעטראַכט די יונגאַטשעס און ראַדיקאַלן, וואָס זוכן אַראָפּצופירן די כשר'ע אידישע קינדער פון גלייכן וועג. אויך זיי זיינען צופרידן צו זיין „פּראָטעסטאַנטן״, אַבי דער פּריץ זאָל מסכים זיין און וויטער נעמען אויף זיך די מצוה פון זאָרגן פאַר די „תינוקות של בית רבן״ און זיי דערציען אין גייסט פון תורה און יראת שמים, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט...

אַ פיינע קאָמעדיע, אָבער גיט אַזאַ פּריילאכע!

אין היגן אידישן טעאַטער

עס האָט זיך איינגעגעבן שוין צום צווייטן סעזאָן צו האָבן אַ בעסערן אידישן טעאַטער אין מאָנטרעאל ווי אין די פריערדיקן יאָרן.

אויך היינטיקן סעזאָן געפינט זיך אין מאָנטרעאל אַ פיינע און טאַלענטירטע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון די האָלענדערס (חנה און איזידאָר). ניט נאָר מערקט זיך אַ בעסערע באַציאונג ביי די אַזוי־גערופענע ליטעראַרישע פאָרשטעלונגען, נאָר אפילו אין דער אויפפירונג פון מעלאָדראַמעס און אָפּערעטן.

די אומשטענדן, אונטער וועלכע עס קומט אוים צו אַרבעטן פאַר דער אויפהאַלטונג פון אַ אידיש טעאַטער אין אַזאַ שטאָט ווי אונזערע איז זייער אַ שווערע. עס קומט אָפט אוים צו שטעלן צוויי פּיעסן אַ וואָך און דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסער אָנשטרענגונג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן, ווען עס געלינגט אָנצוהאַלטן דאָס טעאַטער אויף אַ געוויסער הויך, איז עס צום קרעדיט פון דעם דירעקטאָר און דער גאַנצער טרופּע.

דעם פריערדיקן סעזאָן איז דאָ געשפּילט געוואָרן כמעט דער גאַנצער רעפּערטואַר פון דעם ניו יאָרקער קונסט־טעאַטער און איצט איז שוין כמעט ניטאָ וואָס צו שפּילן. מען האָט זיך דאַרום גענומען צוריק צו גאָרדינ'ען און עס איז אויך געשטעלט געוואָרן בימקאָ'ס „גנבים״ — אַביסל אַ לאַנגווייליגע פּיעסע, אָבער זייער גוט אויפגעפירט.

פאָרבאַרייטונגען ווערן געמאַכט פאַר דער אויפפירונג פון „שבתי צבי״ און אַנדערע פּיעסן פון בעסערן סאָרט. זאָל זיין מיט מזל!

געזעלשאפטלאכקייט

דער דיכטער ל. מילער, רעדאקטאָר פון „קולטור״, האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג אין מאָנטרעאל אין די אינטערעסן פון זיין וואָכנבלאַט. האָט געהאַלטן צוויי עפנטלאַכע לעקציעס איבער צוויי אינטערעסאַנטע טעמעס: „וואָלט וויטמאַן״ און „אימפּרעסיאָניזם — עקספּרעסיאָניזם אין דער אידישער ליטעראַטור״ און איין אינטימען אָוונט פאַרבראַכט מיטן י. ל. פּרץ קלוב, און עס האָט זיך מיט ל. מילער'ס קומען אין מאָנטרעאל אָנגעהויבן דער ווינטער־סעזאָן פאַר קולטורעלער און געזעלשאַפטלאכער ארבעט.

„דער אינזל“

חודש זשורנאל פאַר
ליטעראַטור און קונסט

דערשיינט רעגלמעסיק אין נו יאָרק
מיט דער נאָענטער מיטאַר-
בעטערשאַפט פון

ר. אייזלאנד, זישא לאנדוי,
מאַני לייב, א. ראַבאָי, ד. קאַ-
זאנסקי, מ. גראָס און אנדערע.

נומער 10 שוין דערשינען

פרייז: 25 סענט
יארלאַכע אַבאָנענטן: $2.50

---

254 Henry St.,
New York

ל. גאָלדסמיט
ס. פרידמאַן
ל. קאָהען
י. שוואַרץ
מ. טראָסמאַן

באַגריסען די דערשיינונג פון
„קאַנאַדע“

יונה מייערסאָן

באַגריסט די דערשיינונג פון דעם
דריטן נומער „קאַנאַדע“

זאַלצבערג

ווינשט דערפאָלג און לאַנגע יאָר
די דערשיינונג פון „קאנאדע“

„קולטור“

אילוסטרירטע וואָכנבלאַט פאַר
ליטעראַטור, קונסט און אלגע-
מיינע קולטור ענינים.

דערשיינט יעדן פרייטיק אין
שיקאַגא אונטער דער רעדאַקציע
פונם דיכטער

ל. מילער

פרייז: 10ס. אַ קאָפּיע
אַבאָנענטן: $5.00 יארלאַך.

1126 Blue Island Ave.,
Chicago, Ill.

ל. פיטש, ק.ס.

אַדוואָקאַט
83 קרעיג גאַס וו.
לאַנקאַסטער 7621
באַגריסט דעם דריטן נומער
„קאַנאַדע

מייקעל גאַרבער

ב. א., ב. ס. ל.
אַ ד ו ו אָ ק אַ ט

120 סט. דזשיימס גאַס
מעין 0887
באַגריסט דעם זשורנאַל
„קאַנאַדע“

מר. און מרס. קראַשינסקי

פון 1053 סט. אורבען גאַס

באַגריסן די דערשיינונג פון
„קאַנאַדע“

באַגריסונגען

צו דער דערשיינונג פונם דריטען נומער „קאַנאַדע״ פון די מיטגלידער פון דעם

מאָנומענט נאַשיאָנאַל טעאַטער

חנה און איזידאָר האָלענדער, דירעקטאָרען

י. מיטניק, מענעדזשער

מ. ב. סאַמואילאָוו	מר. און מרס. מרדכי און אַדעלאַ שוואַרץ
יעקב זאַנגער	איידא גראַפּער
לעאָן זיידענבערג	קלאַראַ מאַרגאָלין
חיים יאַבלאָקאָוו	דינאַ גאָלדבערג
חיים טויבער	מרס. וואָלקאָוו מיטהעלפערן אין טעאטער
ל. סירקין, סופלאר	א. גרינבערג, סעקרעטאר

„קענעדער אדלער״ דרוקעריי.